STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11355

VELT-GESHIKHTE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „יהודיה"

וועלט־געשיכטע.

זעכסטער טייל.

די נייעסטע צייט.

בעארבייט פון

ד"ר ג. עפשטיין.

ווארשא

דרוק. שיקארא & מילנער. נאוואליפקי 6.

אינהאַלטס-פערצייכניס.

ערשטער אַבשניט.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

ערשטעס קאַפּיטעל: דער אונטערגאַנג פון דער מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך.—לודוויג דער 15-טער. דער קאַמפף מיט די פּאַרלאַמענטען, לודוויג דער 16-טער. טיורגאָ. די גענעראַל-שטאַטען. די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג פון 1789. דאָס פאָלק שטורמט די באַסטיליע. דער 4-טער אויגוסט. דער קעניג בעזעצט זיך אין פּאַריז. די געזעצגעבונג פון דער גרינדונגס-פערזאַמלונג. די קאָנסטיטוציע פון 1791. די נייע קירכען-אָרדנונג. מיראַבאָ. לודוויג ענטלויפט. 3—22

צווייטעס קאַפּיטעל: די פראַנצויזישע רעפּובליק.—דער קאַמפף מיט די פעראייניגטע מלוכות. דער קאָנווענט. דער משפּט אויפ'ן קעניג. דער אונטערגאַנג פון די זשיראָנדיסטען. דער טעראָר. דאָס דירעקטאָריום. דער 10-טער נאָוועמבער 1799. 22—34

דריטעס קאַפּיטעל: נאַפּאָלעאָן.—די נייע קאָנסטיטוציע. די ביוראָקראַטיע. די בירגערליכע רעפאָרמען. דער קאָנקאָרדאַט. די עמיגראַנטען. דער עסטרייכישער קריעג. די אימפּעריע. די נאַפּאָלעאָנישע קריעגען. די פראַנצויזישע אַרמעע. 35—42

פיערטעס קאַפּיטעל: די לעצטע יאָהרען פון נאַפּאָלעאָנ'ס גדולה.—די ווירקונג אויף אייראָפּאַ. די פּרייסישע רעפאָרמען. דער יאָך פון דער אימפּעריע. דער קאַמפף מיט'ן פּויפּסט. די שפּאַנישע מלחמה. די בלאָקאַדע. דער קריעג מיט רוסלאַנד. 1812. די הונדערט טעג. דער וויענער קאָנגרעס. 42—52

צווייטער אַבשניט.

דאָס ניינצעהנטע יאָהרהונדערט.

ערשטעס קאַפּיטעל: די רעאַקציע און דער ליבעראַליזם.—דער איינפלוס פון דער רעוואָלוציע אין דער אימפּעריע. דער הייליגער בונד. גערמאַניען. אַמעריקאַ און דרום-מערב-אייראָפּאַ. די קאָנגרעסען. טערקיי. דער גריכישער בונט. די אַריינמישונג פון אייראָפּאַ. רוסלאַנד און טערקיי. די צוריקשטעלונג פון אַלטען סדר אין פראַנקרייך. די יולי-רעוואָלוציע. 53—63

צווייטעס קאַפּיטעל: פון 1830 ביז 1855.—ענגלאַנד. די עמאַנסיפּאַציע פון די קאַטאָליקען. טשאַרטיזם. די רעוואָלוציע פון 1848 אין

פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליען און פרייסען. די רעאַקציע, נאַפּאָלעאָן דער דריטער. 63—74

דריטעס קאַפּיטעל: רוסלאַנד פון 1796 ביז 1861.—פּאַוועל. אַלעקסאַנדער דער 1־טער. צוויי פעריאָדען, ספּעראַנסקי, אַראַקטשעיעוו. די דעקאַבריסטען. ניקאָליי דער 1־טער. דער סעוואַסטאָפּעלער קריעג. אַלעקסאַנדער דער 2־טער. די גרויסע רעפאָרמען. 74—80

פיערטעס קאַפּיטעל: די עפּאָכע פון די נאַציאָנאַלע איבערקערענישען.—די פעראייניגונג פון איטאַליען. קאַוואור. גאַריבאַלדי. פראַנקרייך צו נאַפּאָלעאָנ'ס צייט. פרייסען. עסטרייך. דער קריעג צווישען פרייסען און פראַנקרייך. 80—90

פינפטעס קאַפּיטעל: די עפּאָכע פון די נאַציאָנאַלע איבערקערענישען (פאָרטזעצונג).— דער קריעג פון 1870—71. די דייטשע אימפּעריע. די פראַנצויזישע רעפּובליק. איטאַליען. ענגלאַנד. די מזרח־פראַגע. דער רוסיש־טערקישער קריעג. דער בערלינער קאָנגרעס. די פעראייניגטע שטאַטען. דער גענעראַל־בעפרייאונגס־קריעג. יאַפּאַן. 0—107

ערשטער אפּשניט.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

ערשטער קאַפּיטעל

דער אונטערגאַנג פֿון דער מאָנאַרכיע אין פֿראַנקרייך.

לודוויג דער 15־טער. — דער קאַמפף מיט די פּאַרלאַמענטען.
לודוויג דער 16־טער. — טיורגאָ.

די בעגייסטערונג פֿון די פֿראַנצויזען פֿאַר דעם אַמעריקאַנער אונאָבהענגיגקייטס־קריעג האָט בעשיינפּערליך געוויעזען, אַז אין פֿראַנקרייך גופא איז מען שטאַרק אונצופֿריעדען מיט די רעגירונגס־אָרדנונגען. אַ נייע קלאַס, אַן׳ענערגישע, אַ רייכע, אַן׳אינטעליגענטע איז אַרויף אין דער הויך און האָט ענערגיש געפֿאָדערט, אַז מען זאָל זי אויסגלייכען אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכטען מיט דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע. די דאָזיגע בורזשואַזע קלאַס, אָדער די שטעדטישע בעפֿעלקערונג, גרויסע און קליינע פֿאַבריקאַנטען, קויפֿלייט, מענשען פֿון „פֿרייע״ פּראָפֿעסיעס, געלעהרטע, טעכניקער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, וואָס זייערע אינטערעסען זענען געווען כמעט די אייגענע וואָס פֿון דער בורזשואַזיע, האָבען זיך אויפֿגעהויבען געגען די אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך געלעבט פֿון זייערע לענדערייען און גיטער, און אויף וועלכע די בורזשואַזיע האָט געקוקט ווי אויף פּשוט׳ע „לעדיגגעהער״, וואָס לעבען אויפֿ׳ן חשבון פֿון דער אַרבייטער־קלאַס. אַלע פּריווילעגירטע זענען געווען פֿאַר דער בורזשואַזיע די בלוט־זויגער פֿון דער מלוכה.

נאָכדעם, ווי די מלוכה־פּאָליטיק פֿון לודוויג דעם 14־טען האָט געהאַט אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה, איז זעהר שווער געוואָרען צו פֿיהרען ווייטער דעם מלוכה־סדר אין דעם זעלבען קורס. לודוויג האָט איבערגעלאָזען זיין מינדעריעהריגען זוהן אַ מלוכה־חוב פֿון $3\frac{1}{3}$ מיליאַרד און אַ יעהרליכען דעפֿיציט פֿון 80 מיליאָן פֿראַנק, די בעפֿעלקערונג אין פֿראַנקרייך איז געווען אויסגעמאַטערט פֿון די פֿערשידענע אָבגאָבען, און

בראַנקרייכ'ס איבערהערשאַפט אין דער איבעריגער פּאָליטיק איז שטאַרק געפאַלען.

דער אַרבייטזאַמער, ריהרעוודיגער און שפּאָרעוודיגער „דריטער שטאַנד" האָט מיט ערביטערונג זיך צוגעקוקט, ווי עס ווערען פֿרשווענדעט די גרויסע פֿאָלקס־הכנסות. אַ סך געלד פֿון די מלוכה־איינקונפֿטען האָט מען פֿערברויכט אויף די פֿערשווענדערישע פּאַראַדען ביים הויף, אויף מתנות און פּענסיעס פֿאַר דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געוואָרען די סוויטע פֿון קעניג, און וואָס האָט פֿערנומען נוצלאָז אַלערליי שטעלען; אין די פֿערשידענע פֿערוואַלטונגען פֿלעגען צורינען ווערען מיליאָנען אָהן אַ שום פּראַקטישען נוצען. די שטענדיגע נייע מלוכה־הלואות האָבען אויך שטאַרק געשראָקען די קאַפּיטאַליסטישע בעפֿעלקערונג. דער דריטער שטאַנד האָט נישט איינגעזעהן, מיט וואָס די רעגירונג וועט צאָהלען איהרע חובות, און האָט אַלע ווילע מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט, אַז די רעגירונג וועט זיך ערקלערען פֿאַר באַנקראָט.

פֿאַר'ן דריטען שטאַנד איז געווען קלאָר, אַז די איינציגע רעטונג פֿון דער שלעכטער מלוכה־ווירטשאַפֿט איז נאָר די: אָבצושאַפֿען אַלע פּריווילעגיעס בנוגע צו די מלוכה־אָבגאָבען, צו פֿערקויפֿען די גרויסע לענדערייען, וואָס זענען פֿריי פֿון אָבצאָהלען און בעזונדערס די קירכען־גיטער. דאַמאָלס וועט מען קענען, ערשטענס, ביסלעכווייז אָבצאָהלען דעם מלוכה־חוב, און צווייטענס, וועט דאַמאָלס די ערד אַריבער פֿון די לעדיגגעהערס הענד אין די הענד פֿון פּראָדוקטיווען אַרבייטזאַמען פֿראַנצויזישען פֿאָלק. די פּריווילעגיעס און די נישט־גלייכקייט פֿון די רעכטען, זיי ביידע זענען די הויפּט־סבות, פֿאַרוואָס די פֿראַנצויזישע קראַפֿט און דער פֿראַנצויזישער פֿלייס קאָן נישט פֿריי אַרבייטען און פֿריי בעוועגען די קאַפּיטאַלען און די טאַלענטען פֿון לאַנד.

די פֿערטרעטער פֿון דריטען שטאַנד האָט זיך אויך דאַמאָלס אויסגעוויזען, אַז זייערע אינטערעסען זענען אייגענטליך די אינטערעסען פֿון גאַנצען פֿראַנצויזישען פֿאָלק. צו דער צייט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מען נאָך נישט פֿערשטאַנען, אַז דער דריטער שטאַנד טיילט זיך אויך אין צוויי טיילען, וואָס אונטערשיידען זיך פֿון איינאַנדער אין עקאָנאָמישער הינזיכט, ווי אין בילדונג. די אַרבייטער האָבען זיך נישט אָבגעטיילט פֿון דער בורזשואַזיע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע רעוואָלוציע, זענען די אַרבייטער געגאַנגען צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, גלויבענדיג אויך אַזוי ווי זיי, אַז די הויפּט־סבה

פון אומגליק אין לאַנד זענען די פּריווילעגיעס און די אומגלייכקייט פון די פאַרשידענע העכערע און ניעדעריגערע נישט־פּריווילעגירטע שטאַנדען אין לאַנד.

די שטימונג אין די 70—80־ער יאָהרען פון 18־טען יאָהרהונדערט אין פראַנקרייך איז געווען אַ ראַדיקאַלע און פאָלקס־פריינדליכע. צווישען דער בעפעלקערונג זענען געווען פארשפרייט בלעטלעך, וואו עס איז געווען אויסגעמאָלט אַנ'אַרבייטער, וואָס בויגט זיך אונטער דער שווערער משא פון דעם פראַנצויזישען קעניגטום און אויף וועלכען עס שפּאַרט זיך נאָך אָן בהרחבה אַנ'אַריסטאָקראַטישער קריעגער; אָדער אַ מענש פון „דריטען שטאַנד", וואָס איז געשמידט אין קייטען, וואָס האַפּט זיך פּלוצים אויף, צורייסט די קייטען, נעהמט זיך פאַר'ן געוועהר און וואַרפט אָן אַנ'אימה אויפ'ן אַריסטאָקראַט און הויכען גייסטליכען, וועלכע שפּרינגען־אָב אָן אַ זייט.

לודוויג דער 15־טער איז נאָך געווען מינדעריעהריג, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען. ביז צו זיין פוליעהריגקייט איז געווען רעגענט דער הערצאָג פון אָרלעאַן. צו זיין צייט האָט דער פינאַנץ־מיניסטער לאָו געזוכט אויסצובעסערען די פינאַנצען פון לאַנד דורך פאַרשיעדענע געפעהרליכע ספּעקולאַציעס. אויף אַ געוויסע צייט איז איהם דאָס געלונגען, נאָר סוף כּל סוף האָבען זיינע ספּעקולאַציעס נאָך מעהר פאַרערעמט דאָס לאַנד. האָטש עס איז געלונגען צו בעצאָהלען אַ גרויסען טייל מלוכה־חובות מיט דער היקף פון דער קעניגליכער באַנק, וואָס ער האָט געגרינדעט, אָבער די באַנק האָט שפּעטער געמוזט באַנקראָטירען, און איהר באַנקראָט איז צוגלייך געוואָרען דער באַנקראָט פונ'ם גאַנצען פראַנצויזישען מלוכה־סדר.

לודוויג דער 15־טער, וואָס האָט איבערגענומען די מלוכה מיט אַ קלענערען מלוכה־חוב, איז נישט געווען פון די אויפגעקלערטע מאָנאַרכען, ווי פרידריך און יאָזעף, וואָס האָבען אַוועקגעלעגט אַלע כּוחות אויף צו פאַרבעסערען די מלוכה־אָרדנונג. ער האָט נאָר געלעבט צוליעב זיינע אייגענע פאַרגניגענס און האָט זיך אַזוי וויט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, ווי וויט דאָס האָט אָנגעריהרט איהם אַליין, אָדער איינעם פון זיינע נאָהענטע לייט. ער האָט געלעבט זאָרגלאָז און זיין שפּרוך איז געווען „נאָך מיר מעג אפילו אַ מבול קומען אויף דער וועלט" (Aprés moi—le déluge). די הויפּט־ראָלע אין דער מלוכה האָבען געשפּיעלט די הויף־דאַמען, וואָס דער קעניג האָט געפיהרט מיט זיי

ליעבשאַפֿטען. ער האָט אפילו געהאַט גוטע מיניסטאָרען, נאָר זיי האָבען
ווענינ וואָס געקענט אויפֿטהון. די אונאָרדנונג אין דער פֿערוואַלטונג איז
נישט געוואָרען קלענער. די אויסערע פּאָליטיק איז אויך געווען אַ שלעכ־
טע און די שטאָלצע פֿראַנצויזען זענען געוואָרען פֿערביטערט נאָך מעהר,
וואָס זייער פּרעסטיזש אין אויסלאַנד ווערט אַלץ קלענער און קלענער.
אין קריעג פֿאַר דער ירושה אויפֿ'ן פּוילישען און עסטרייכישען טהראָן
האָבען די פֿראַנצויזען געהאַט מפּלות, און אין 7־יעהריגען קריעג האָבען
די פֿראַנצויזען ווייטער געהאַט מפּלות אויף מפּלות. אין משך פֿון לוד־
וויג'ס רעגיערונגס־צייט האָבען די ענגלענדער געהאַלטען אין זייער מאַכט
די פֿראַנצויזישע קאָלאָניעס און חרוב געמאַכט דעם גאַנצען פֿראַנצויזישען
פֿלאָט.

די געזעלשאַפֿט, זעהענדיג, אַז אויפֿ'ן קעניג איז נישטאָ וואָס צו
האָפֿען, האָט אָנגעהויבען עפֿענטליך אַרויסצוטרעטען מיט אַ קריטיק גע־
גען דער רעגיערונג. די קריטיק האָט זיך אויך געפֿיהלט ביי דעם גע־
ריכטליכען שטאַנד. די העכסטע געריכטען, וואָס מען האָט
זיי אין פֿראַנקרייך גערופֿען די פּאַרלאַמענטען, האָבען
אייגענטליך אויך געהאַלטען פֿאַר דעם אַלטען אַריסטאָ־
קראַטישען מלוכה־סדר. זעהר אָפֿט זענען די מיינונגען פֿון די
פּאַרלאַמענטען געווען פּונקט קאַפּויר, ווי די מיינונגען פֿון די אויפֿגע־
קלערטע פּאָליטישע פֿערטרעטער פֿון לאַנד. די ריכטער זענען אויך געווען אַ
מין פּריווילעגירטער שטאַנד. נאָר דער דאָזיגער שטאַנד האָט זיך געהאַלטען
זעלבסטשטענדיג (זעה באַנד 5), ער פֿלעגט זיך דערוועגען צו קרי־
טיקירען די רעגיערונג, און דערום האָט זיך די געזעלשאַפֿט בע־
צויגען צו די פּאַרלאַמענטען מיט סימפּאַטיע. עטליכע מאָל צו לודוויג
דעם 15־טענס צייט האָבען די פּאַרלאַמענטען זיך בענוצט מיט זייער
רעכט צו פּראָטעסטירען געגען די קעניגליכע נישט גערעכטע בעשלוסען.
דער ביטערסטער שטרייט צווישען הויף און די פּאַרלאַמענטען איז אויס־
געבראָכען דעריבער, וואָס אַ פּראָקוראָר פֿון אַ פּאַרלאַמענט האָט געפּאָ־
דערט צום געריכט אַ גובערנאַטאָר פֿאַר דער מוטוויליגער פֿערוואַלטונג
פֿון זיין פּראָווינץ. דער הויף האָט זיך אָנגענומען פֿאַר'ן גובערנאַטאָר און
געהייסען דעם פּאַרלאַמענט פֿון פּאַריז בטל צו מאַכען דעם פּראָצעס.
דאַמאָלס האָבען אַלע פּאַרלאַמענטען אין פֿראַנקרייך אָנגענומען אַ רעזאָ־
לוציע, אַז זיי זאָגען זיך אָב צו פֿיהרען משפּטים, כּל זמן זיי קענען זיי
נישט פֿיהרען פֿריי, אָהן דער אַריינמישונג פֿון הויף. דער יוסטיץ־מי־

ניסטער מאָפּו האָט דאַמאָלס פּערשיקט די גרעסטע פּראָטעסטאַנטען און האָט פּערביטען די פּאַרלאַמענטען מיט נייע געריכטס־אַנשטאַלטען. אין די נייע געריכטס־אַנשטאַלטען האָט מען אַפּילו אייַנגעפּיהרט אייניגע גוטע רעפּאָרמען, — די קויפליכקייט פּון געריכטס־שטעלען איז אָבגעשאַפּט געוואָר'ען, עס איז וואָלוועלער געוואָרען די פּראָצעס־פּיהרונג א. אַ. ו. אָבער גאַנץ פּראַנקרייך איז געווען אויפ'ן צד פּון די פּאַרלאַמענטען; די אַדוואָקאַטען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו פּיהרען אַ פּראָצעס אין די נייע געריכטען.

אין דער צייט, ווען דער קאַמפּף צווישען די פּאַרלאַמענטען און הויף האָט זיך שטאַרק צופּלאַקערט, איז געשטאָרבען לודוויג דער 15־טער. זיין זוהן, לודוויג דער 16־טער, איז געווען אַ גוטער מענש, מיט די בעס־טע כונות, אָבער זעהר אַ שוואַכער כאַראַקטער. די ערשטע אַרבייט זיינע איז געווען ווידער צוריקצורופּען די פּאַרלאַמענטען. זיין אויפּגעקלערטער מיניסטער טיורגאָ איז געווען דאַגעגען נישט נאָר דעריבער, וואָס די פּאַרלאַמענטען בעגרענעצען די קעניגליכע מאַכט, נאָר הויפּטזעכליך דעריבער, וואָס ער האָט פּאָראויסגעזעהן, אַז די פּאַרלאַמענטען וועלען, לויט זייער פּריווילעגירטען שטאַנד, זיין גרויסע געגנער פּון ערנסטע רעפּאָרמען. טיורגאָ איז געווען אַ געניטער פּינאַנסיסט, עקאָנאָמיסט און מלוכה־פּערוואַלטער, דערצו נאָך אַ הייסער פּאַטריאָט מיט אַ ברייטען אָריגינעלען גייסט. ער האָט פּערשטאַנען, אַז פּראַנקרייך נויטיגט זיך נישט־אַזוי אין דער אויסבעסערונג פּון זיינע פּינאַנצען, ווי אין ברייטע רעפּאָרמען, וואָס זאָלען איינדריננען אין אַלע לעבענס־צווייגען. ער האָט זיך געטראָגען דערום מיט אַלערליי רעפּאָרם־פּלענער און דער קעניג איז געווען מיט איהם איינס. טיורגאָ האָט געוואָלט מאַכען אַ סוף מיט דער אונגערעכטער פּערטיילונג פּון די מלוכה־אָבגאָבען, האָט געוואָלט איינפּיהרען אַנ'ערד־אָבצאָהל אויך פּאַר די פּריווילעגירטע, מבטל מאַכען פּערשידענע האַנדעלס־מאָנאָפּאָלען, די צעכען, די אינלענדישע צאָל־גרענעץ, די שטערונגען בייַ ברויט־האַנדעל א. אַ. ו. אין דער לאַנד־פּער־וואַלטונג האָט טיורגאָ געבּלאַנעוועט איינצופּיהרען טיילוויז אַ זעלבסט־פּערוואַלטונג; די אָרטיגע אַנגעלעגענהייטען ווערען געפּיהרט פּון אַ געוועהלטער שטאָדטיגער דומע; מיט די אַנגעלעגענהייטען פּון אַ גאַנצער גובערניע פּערוואַלטען די דומעס, וואָס ווערען פּערטרעטען פּון אַלע אָרטי־גע דומעס, און ענדליך בעראַטעט אַלגעמיינע מלוכה־ענינים די „נאַציאָנאַלע דומע", אַנ'אָרגאַניזאַציע פּון פּערטרעטער, וואָס ווערען געוועהלט פּון די

גובערניאַלע דומעס. בנוגע צו רעליגיאָן איז טיורגאָ געווען פֿאַר פֿאָלקאָמענע טאָלעראַנץ. אַ רייהע פֿון רעפֿאָרמען בנוגע צו פֿאָלקס־בילדונג האָבען געדאַרפֿט בעפֿעסטיגען און קרעפֿטיגען דעם נייעם מלוכה־סדר.

טיורגאָ׳ס פֿלענער האָבען אָבער בעגעגענט אַ גרויסען ווידערשטאַנד ביים הויף, ביי גייסטליכע און ביי די פּאַרלאַמענטען. מיט׳ן פֿאָלק גופֿא האָט ער געהאַט צו קעמפֿען, ווייל מען האָט טאַנכע פֿון זיינע רעפֿאָרמען נישט פֿערשטאַנען. טיורגאָ האָט דורכגעפֿיהרט אַפֿילו דעם פֿרייען ברויט־האַנדעל, האָט בטל געמאַכט די צעכען און די איגעוועניגסטע צאָלגרענעצען, אָבער עס איז איהם אויסגעקומען צו קעמפֿען מיט די פּאַרלאַמענטען און צו דערשטיקען אַ בונט פֿון פּראָסטען המון, וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ פֿרייען ברויט־האַנדעל. טיורגאָ האָט זיך אַפֿילו נישט געשראָקען פֿאַר די גרויסע קאַמפֿפֿען, וואָס עס שטעהען איהם פֿאָר, אָבער דער שוואַכער קעניג, אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון דער קעניגין און זיינע נאָהענטע הויפֿלייט, זיך שרעקענדיג פֿאַר די קומענדיגע מלוכה־קאָנפֿליקטען, האָט אָבגעזאָגט זיין גרויסען ראַטגעבער פֿון זיין מיניסטאָרען־שטעלע.

דאָס, וואָס טיורגאָ איז אַוועק פֿון הויף, האָט נאָך נישט געהייסען, אַז מען זאָגט זיך אָב פֿון זיינע געפּלאַנעוועטע רעפֿאָרמען. די שפּעטערדיגע מיניסטאָרען נעקער, קאַלאָן האָבען ווייטער געפּרובט פֿיהרען די פּאָליטיק אין טיורגאָ׳ס גייסט. אָבער זיי זענען נישט געווען אַזוי פֿעסט און זיכער ביי זיך ווי טיורגאָ. אין דער אויסערער פּאָליטיק האָט פֿראַנקרייך אַביסעל פֿערבעסערט זיין לאַגע. אָבער אין דער אינעוועניגסטער איז איהם געגאַנגען אַלץ ערגער. דער דעפֿיציט איז שוין געוואַכסען פֿון 80 אויף 198 מיליאָן אַ יאָהר, מיט איטליכען יאָהר האָט מען אַלץ קלערער געזעהען, אַז מען מוז ענדערען דעם סדר פֿון די מלוכה־פֿינאַנסען, אַז מען מוז אָבנעהמען די פּריווילעגיעס פֿון די שטאַנדען, וואָס ברענגען נאָרנישט איין דער מלוכה מיט זייערע גרויסע ערדבעזיצונגען טיורגאָ׳ס פּלענער זענען ווידער אַרויף אויף דער טאַגעס־אָרדנונג. צוערשט האָט מען געמאַכט אַ ראַדיקאַלע רעפֿאָרם אין דער אָרטיגער און גובערנסקער פֿערוואַלטונג. מען האָט זי צוגענומען פֿון די קעניגליכע אינטענדאַנטען און זי איבערגעגעבען צו די דאָרפֿישע פֿערזאַמלונגען, וואו עס זענען אָבער פֿערבליבען די שטאַנדען אונטערשיידען. די דאָזיגע ראַדיקאַלע רעפֿאָרם האָט קיינעם נישט בעפֿריעדיגט. איין טייל האָט זיך בעקלאָגט, וואָס מען צווינגט איהם אַרבייטען צוזאַמען מיט די נידעריגע שטאַנדען, דער אַנדערער טייל האָט

פֿערלאַנגט ב ר י י ט ע ר ע פּאָלמאַכטען. ווען די רעגיערונג האָט גענומען רעפֿאָרמירען דעם סיסטעם פֿון די אָבגאָבען, האָט דער פּאַרלאַמענט פּראָטעסטירט געגען צירקולאַר פֿון קעניג, און ענדליך פֿערלאַנגט, אַז דער קעניג זאָל צונויפֿרופֿען צוליעב דער נייער רעפֿאָרם די ג ע נ ע ר אַ ל ⸗ ש ט אַ ט ע ן. דער פּאַרלאַמענט האָט אייגענטליך געהאַט אַ ריין קאָנסערוואַטיווע רעאַקציאָנערע כּונה, אָבער דאָס לאַנד איז געווען דערום אויף זיין צד, ווייל ער פֿיהרט אַ קאַמפּף מיט דער רעגיערונג. דעם קעניגס בעשלוס צו רעפֿאָרמירען די העכֿערע געריכֿטען האָט אויך נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג, ווי אַמאָל צו מאָפּו׳ס צייט. די צירקוליאַרען וועגען די נייע געריכֿטען זענען צוריקגענומען געוואָרען.

די גענעראַל⸗שטאַטען.—די נאַציאָנאַלע פֿערזאַמלונג פֿון 1789.—דאָס פֿאָלק שטורמט די באַסטיליע.— דער 4⸗טער אויגוסט.—דער קעניג בעזעצט זיך אין פּאַריז.

אין אַזאַ מהומה־צייט איז לודוויג דעם 16⸗טען גאָרנישט איבערגעבליבען ווי צונויפֿצורופֿען די גענעראַל־שטאַטען, וואָס מען האָט שוין נישט צונויפֿגערופֿען זייט 1614, און אין פֿראַנקרייך האָבען זיך אָנגעהויבען די וואַהלען. די בעפֿעלקערונג, וואָס האָט געקליבען פֿערטרעטער פֿון די דריי שטאַנדען: אַריסטאָקראַטיע, גייסטליכֿע און דעם „דריטען שטאַנד”, האָט געהאַט צונויפֿצושטעלען פֿאַר די געוועהלטע פֿערטרעטער אַזוינע העפֿטען (cahiers), וואו עס ווערען אויסגעדריקט די וואונשען פֿון די וועהלער. די מייסטען העפֿטען האָבען געפֿאָדערט אַ פֿאָלקס־פֿערטרעטונג און ראַדיקאַלע געזעלשאַפֿטליכֿע רעפֿאָרמען. אין די מייסטען העפֿטען האָט מען זיך בעקלאָגט אויף די מוטוויליגקייט, און די חסרונות פֿון דער אַלטער פֿערוואַלטונג און מען האָט אָנגעגעבען פּראָיעקטען, ווי צו פֿערבעסערען די פּאָליטישע לאַגע פֿון די שטאַנדען און ווי צו מאַכֿען פֿון פֿראַנקרייך אַ פֿעסטע, געזונדע, נאַציאָנאַלע מלוכה.

די רעגיערונג האָט זיך בעשלאָסען צונויפֿצורופֿען די גענעראַל⸗שטאַטען. אָבער זי האָט נישט אויסגעאַרבייט קיין שום טעטיגקייטס⸗פּראָגראַם פֿאַר זיי. זי האָט אפילו נישט ערקלערט, צי וועלען די שטאַטען פֿיהרען זייערע בעראַטונגען בעזונדער, אָדער אַלע דריי אין איינעם. די פֿריהערדיגע היסטאָרישע ביישפּיעלען זענען געווען פֿאַר די בעראַטונגען בעזונדער; דאָס אָבער, וואָס מען האָט היינטיגען מאָל ערלויבט דעם

דריטען שטאט (אד. שטאנד) אויסצוקלויבען א דאפעלטע צאהל דעפו־טאטען, ווי איטליכען שטאט בעזונדער—האט בעוויזען, אז די רעגיערונג וויל, דאס אלע שטאטען זאלען זיך בעראטען אין איינעם. די פראגע וועגען די פארם פון די בעראטונגען האט געהאט די וויכטיגסטע בעדייטונג. ווארום ווען אלע דעפוטאטען וועלען זיך פעראייניגען אין איין בעראטונגס־קארפאראציע, דעמאלס וועט דער דריטער שטאנד, אין איינעם מיט עטליכע דעפוטאטען פון דער אריס־טאקראטיע און דער גייסטליכקייט, וואס שטעהען אויפ'ן צד פון דער בורזשואזיע, האבען די מעהרהייט שטימען; אומגעקעהרט אבער, ביי דער צוטיילונג פון די בעראטונגען לויט'ן שטאנד, וועט דער דריטער שטאנד נישט האבען קיין שום מאכט און ווירקונג. די רעגיערונג האט איינער־זייטס געוואלט, אז דער דריטער שטאנד זאל האבען די מעהרהייט, ווייל זי האט געוואלט דורכפיהרען די רעפארמען וועגען די אבגאבען. פון דער אנדערער זייט האט זי מורא געהאט פאר'ן דריטען שטאנד, צוליעב זיינע ראדיקאלע פאליטישע שטרעבונגען. בינו־לבינו האט די רעגיערונג גע־מאכט א שווייג וועגען דער הויפט־פראגע און איבערגעלאזען די שטאטען אליין צו ענטשיידען די וויכטיגסטע פראגע פון דער בעראטונגס־פארם.

ווען די דעפוטאטען האבען זיך דעם פינפטען מאי 1789 צוזאמענ־געקליבען אין ווערסאל (ביי פאריז, דער ארט פון קעניגליכען הויף), האבען די אריסטאקראטיע און די גייסטליכע זיך צונויפגעקליבען בעזונדער, אבער דער דריטער שטאנד האט געמעלדעט, אז ער זאגט זיך אב צו פיהרען די בעראטונגען אלס א בעזונדער שטאט און ערווארט אלע איבריגע דעפוטאטען, כדי זיך צו בעראטען אינאיינעם. א גאנצען מאנאט האבען זיך געפיהרט אונטערהאנדלונגען צווישען דריטען און די איבריגע צוויי שטאטען; ענדליך איז דעם דריטען שטאנד מיאוס געווארען צו ווארטען און ער האט זיך אליין פראקלאמירט אלס פערטרעטער פון דער מעהר־הייט פון דער נאציאן, אלס די איינציגע „נאציאנאלע פערזאמלונג". די דעפוטאטען פון די אנדערע שטאטען מעגען צוטרעטען צו דער „נאציא־נאלער פערזאמלונג", ווען זיי ווילען. דער מוטיגער בעשלוס פון דריטען שטאנד האט שטארק אויפגערודערט דעם קעניגליכען הויף. אויפ'ן בעפעהל פון קעניג האט מען פערמאכט דעם זאל פון די זיצונגען אין פאלאץ פון ווערסאל. אבער די דעפוטאטען פון דריטען שטאנד האבען זיך נישט דער־שראקען. זיי האבען זיך באלד צונויפגעזאמעלט אין א מאניעזש (א מין צירק) און האבען געגעבען א שבועה, אז זיי וועלען נישט אוועק פון דאנען,

בּל זמן עס וועט נישט ווערען אויסגעארבייט א נייער מלוכה־סדר. באלד דערויף האט דער קעניג זיי איינגעלאדען אינאיינעם מיט די דעפּוטאטען פון די אנדערע שטאטען און האט זיי בעפוהלען, איטליכען שטאט בעזונדער זיך צו נעהמען צו דער בעראטונגס־ארבייט. נאר די בעפעהלען און די סטראשונקעס פון קעניג האבען אויפ׳ן דריטען שטאנד נישט געמאכט קיין שום רושם. דער דריטער שטאנד האט ווייטער פארטגעזעצט זיינע פערזאמלונגען, אלס א נאציאנאלע פערזאמלונג, און ביסלעכווייז זענען צו דער פּראקלאמירטער נאציאנאלער פערזאמלונג צוגעטרעטען א סך דעפּוטאטען פון די אנדערע שטאטען.

דער קעניג האט מורא געהאט פונאנדערצוטרייבען די נאציאנאלע פערזאמלונג, נאר ער האט גענומען צונויפציהען ארום פּאריז די ארמעע, און האט אבגעזאגט זיין הויפּט־מיניסטער נעקער. די נאכריכט, אז ארום פּאריז זאמעלט זיך צונויף די קעניגליכע ארמעע, האט געמאכט אויף דער הויפּט־שטאדט א געוואלטיגען איינדרוק. אויף די גאסען האבען זיך צונויפגעקליבען טויזענדער הונגעריגע ארבייטער, וואס האבען ערוואַרט פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג די פערבעסערונג פון זייער לאגע און וואס האבען די אריסטאקראטיע פיינד געהאט מיט׳ן גאנצען הארצען. די סאלדאטען האבען אפילו צוטריבען דעם המון, אבער אין עטליכע פּאלקען איז געווען צו בעמערקען א סימפּאטיע צום פּאלק. דעם 14־טען יולי (נאך עד היום א יום־טוב ביי די פראנצויזען) האט זיך דער המון טויזענדערווייז א לאז געטהון צו דער פעסטונג באסטיליע מיט דער דעה צו פערחאפּען דארט דאס געוועהר. דער קליינער גארניזאן פון דער פעסטונג האט אויסגעשאסען, עטליכע צעהנדליג מענשען זענען געפאלען, אבער דער המון איז נאך פערביטערטער און ענערגישער געגאנגען אויף די פעסטונג. דער המון האט זיך אריינגעריסען אין דער פעסטונג, דער גארניזאן האט אבגעגעבען די וואפען, עטליכע סאלדאטען, וואס האבען זיך געוועהרט, זענען דער׳הרג׳עט געווארען, און די פעסטונג באסטיליע איז אריבער אין די מאכט פון פּאריזער המון. נאר אזוי ווי מען האט מורא געהאט פאר דער ארמעע, וואס דער קעניג האט צונויפגעצויגען ארום פּאריז, האבען זיך אלע פּאריזער גאסען בעדעקט מיט באריקאדען. די בורזשואזיע האט זיך בעוואפענט און גיך צונויפגעשטעלט א נאציאנאלע גווארדיע מיט׳ן מארקיז לאפאיעט אן דער שפּיץ, דעם אייגענעם לאפאיעט, וואס האט זיך העלדיש בעטייליגט אין דעם ענגליש־אמעריקאנישען פרייהייטס־קריעג.

לודוויג דער 16־טער האט אבער זיך בשום אופן נישט געקאנט ענטשליסען צו פיהרען קריעג מיט זיין אייגענער בעפעלקערונג. ער האט פערשפראכען דער אויפגערעגטער בעפעלקערונג פונאנדערצולאזען די ארמעע. ער האט בעשטעטיגט די בעפעהלען פון די בונטאוושציקעס, בנוגע צו פאריז, און האט שלום געמאכט מיט דער נאציאנאלער פערזאמלונג.

די נאכריכט, אז דאס פאלק האט איינגענומען די באסטיליע, האט זיך צוטראגען איבער גאנץ פראנקרייך, און אומעדום האבען זיך איבער־גע'חזר'ט די אייגענע בונטען. בעזונדערס שרעקליך האט מען זיך נוקם געווען אין די דערפער. די פויערן האבען חרוב געמאכט און פער־ברענט די אריסטאקראטישע שלעסער, און אין מאנכע ערטער האט מען ערמארדעט די גוטס־בעזיצער און זייערע פערוואלטער. דער אלגעמיי־נער בונט אין לאנד האט געפונען אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג א וואונדערליכען אבקלאנג. דעם 4־טען אויגוסט זענען געקומען אין די פער־זאמלונג עטליכע יונגע אדעלליט און האבען געמעלדעט, אז זיי זאגען זיך גוטוויליג אב פון די אבגאבען און די פריווילעגיעס, מיט וועלכע זיי האבען זיך ביז איצט בענוצט. די דאזיגע מעלדונג האט געהאט די וויר־קונג, אז באלד האבען זיך אויפגעהויבען אין דער פערזאמלונג אנדערע דעפוטאטען פון די פריווילעגירטע שטאטען און האבען זיך אויך אבגע־זאגט פון זייערע אלע פריווילעגיעס. און אין איינציגער ביינאכטיגער זיצונג זענען אבגעשאפט געווארען, אהן אויסקויף, אלע סארטען פון פעאדאלע פפליכטען, פריווילעגיעס, מאנאפאלען, וועלכע זענען נאך געבלי־בען אלס א טרויעריגער זכר פון דער פעאדאלער עפאכע.

דערווייל האט די פערזאמלונג ווידער אנגעהויבען צו פיהלען, אז דער הויף קלויבט זיך עפעס צו טהון געגען איהר. דער שוואכער לודוויג איז ווידער ארייגעפאלען אונטער'ן איינפלוס פון דער קעניגין און האט אנגעהויבען צונויפציהען די ארמעע ארום ווערסאל, אויף א מיליטערישען פאראד האבען די אפיצירען, אין געגענווארט פון דער קעניגליכער פאמיליע, אראבגעריסען פון זיך די דריי־פארביגע בענדער (צו דער ווייסער קעניגליכער פארב זענען זייט דעם שטורם פון באסטיליע צוגעקומען די צוויי פארבען פון דער שטאדט פאריז: רויט און בלאה, אלס סמן פון דער שטאדטיגער מאכט) און זיי צוטראטען מיט די פיס. די פאריזער בעפעלקערונג האט זיך ווידער גענומען פאר די וואפען, און דאס מאל האט זי שוין נישט געווארט, ביז מען וועט זי בעפאלען פון

קעניגליכען הויף, איז אליין אוועק קיין ווערסאל, האט זיך אריינגעריסען אין קעניגליכען פאלאץ און געפאדערט, אז דער קעניג זאל פערלאזען ווערסאל און זיך בעזעצען אין פאריז. צווישען די אנפאלער זענען אויך געווען א סך פאריזער פרויען פון פאלק. דער קעניג האט געמוזט נאכגעבען דעם וואונש פון דער בעפעלקערונג און איז אריבערגעפאהרען אין פאריז. פון דעם טאג אן איז ער געווארען דער געפאנגענער פון דער פאריזער בעפעלקערונג, וואס האט איהם נאכגעהיט איטליכען טריט.

די געזעצגעבונג פון דער גרינדונגס-פערזאמלונג. — די קאנסטיטוציע פון יאהר 1791. — די נייע קירכען-ארדנונג. — מיראבא. — לודוויג ענטלויפט. — דער קריעג. — דער אונטערגאנג פון דער מאנארכיע.

די נאציאנאלע פערזאמלונג האט זיך אויך גערופען די גרינדונגס-פערזאמלונג, ווייל די דאזיגע פערזאמלונג האט געדארפט גרינדען א נייעם סדר אין לאנד, בעשאפען א קאנסטיטוציע. די דעפוטאטען, וואס זענען פון קנעכט מיט א מאל געווארען הארען, האבען נישט געוואלט וויסען פון קיין שום היסטארישע טראדיציעס און האבען אלץ גענומען בעשאפען פון דאס-ניי. דער איינפלוס פון דער אויפקלערונגס-עפאכע מיט איהרע שריפטשטעלער, דענקער און פילאזאפען (זעה טייל 5) איז געווען מורא'דיג שטארק. ארויסגעבענדיג נייע געזעצען, האבען זיי זיך גערעכענט נאר מיט אלגעמיינע כללים וועגען די נאטירליכע רעכטען פון איטליכען מענשען און בירגער, און אלץ, וואס האט זיך ענטוויקעלט היסטאריש, איז געווען פאר זיי נאריש און נישט גערעכט. די מאנארכישע אונבעגרענעצטע מאכט איז זיי געווען דערווידער. זיי האבען אפילו מורא געהאט, אז עמיצער אין דער פערוואלטונג זאל האבען א ברייטע מאכט. ארום דער גרינדונגס-פערזאמלונג האט געקאכט און געזודט. די פאריזער בעפעלקערונג האט דערפיהלט איהר מאכט, זייט זי האט איינגענומען די באסטיליע און זייט זי האט מיט געוואלד אראבגעבראכט דעם קעניג אין פאריז.

נישט ווייט פון דער פערזאמלונג האבען געארבייט אהן א שום שטערונג און פעראנטווארטליכקייט א מאסע פאליטישע קלובען,

אין די מיטגליעדער פון די דאָזיגע קלובען, וואָס זענען געווען אַ סך ראַדיקאַלער פאַר די גרינדונגס־פערזאַמלונג, האָבען ביטער קריטיקירט די אַרבייט פון די דעפּוטאַטען, האָבען געשטעלט אַלץ גרעסערע פאָדערונגען צו די קומענדיגע געזעצען פון לאַנד, האָבען זיך געגרייט צו אַן׳ענטשלאָסענער אונטערנעהמונג מיט דער הילף פון דער פּאַריזער בעפעלקערונג. וואָס האָט אייגענטליך נישט־נאָר דעם קעניג געהאַלטען אין געפאַנגענשאַפט, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג. איינער פון די דאָזיגע פּאָליטישע קלובען, דער יאַקאָבינער קלוב, האָט געהאַט בעציהונגען מיט גאַנץ פראַנקרייך און האָט אומעדום געהאַט זיינע אָבטיילונגען.

איידער די גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט זיך גענומען פאַר אַ פּראַקטיש־פּאָליטישע טעטיגקייט, האָט זי בעשלאָסען צוערשט פעסטצושטעלען די אַלגעמיינע כּללים, לויט וועלכע עס איז מעגליך איינצופיהרען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ ריכטיג פּאָליטיש לעבען אין לאַנד. נאָך אַ לענגערער בעראַטונג איז די פערזאַמלונג אַרויסגעטרעטען מיט איהר „דעקלאַראַציע וועגען די רעכטע פון אַ מענשען און אַ בירגער". די דעקלאַראַציע האָט ערקלערט, אַז אַלע מענשען זענען גלייך און זענען פּערזענליך פריי, דאָס דער גאַנצער צאָהל בירגער פון לאַנד, ד. ה. צום פאָלק, געהערט די מאַכט אין דער מלוכה, און אַז דאָס פאָלק האָט שטענדיג דאָ רעכט אַרויסצוטרעטען געגען די געוועלטיגער, ווען זיי בעדריקען דאָס פאָלק.

ווען די פערזאַמלונג איז אַריבערגעגאַנגען דערצו, די אַלגעמיינע כּללים פּראַקטיש דורכצופיהרען — איז דאָס נישט געווען אַזוי לייכט. דער כּלל פון גלייכקייט איז פּראַקטיש דורכגעפיהרט געוואָרען כּמעט פאָלקאָמען: די פּריווילעגיעס זענען אָבגעשאַפט געוואָרען, שפּעטער האָט מען אפילו צוגענומען פון דער אַריסטאָקראַטיע איהרע טיטעלען און הערבען. פּאָליטיש אָבער איז די אידעע פון גלייכקייט געוואָרען שטאַרק בעגרענצט. אַלס בירגער זענען נישט אַנערקענט געוואָרען די פרויען; אין די פּאָליטישע וואַהלען האָט זיך נישט געקענט בעטייליגען אַן׳אָרעמאַן, וואָס צאָהלט נישט ווייניגסטענס אָבגאָב דער מלוכה אין אַ סכום פון דריי אַרבייטס־טעג.

אונטער׳ן כּלל פּערזענליכע פרייהייט האָט מען פערשטאַנען די פרייהייט זיך אויסצוקלויבען, וואָס פאַר אַ גלויבען מען וויל (גלויבענס־פרייהייט), צו רעדען און צו שרייבען אַלצדינג, וואָס שאַדט נישט אַ צווייטען בירגער (וואָרט־ און פּרעסע־פרייהייט), זיך צונויפזאַמלען, וואו

און ווי מען וויל, זיך צו בעראַטען וועגען פּריוואַטע אָדער כּלל'שע ענינים (פרייהייט פון פערזאַמלונגען און חברות).

ביי דער פּראַקטישער דורכפיהרונג פון דער פאָלקס-איבערמאַכט האָט זיך די פערזאַמלונג געלאָזט פיהרען פון מאָנטעסקיע'ס און רוסאָ'ס אידעען. כמעט אַלע אַנשטאַלטען זענען געווען געגרינדעט אויף וואַהלען, און די טיילונג פון דער מלוכה-אַרבייט איז געווען אַ דרייפאַכיגע: די פערוואַלטונגס-מאַכט, די אויספיהרענדע מאַכט און די געריכטליכע. די פערוואַלטונגס-מאַכט (אויך געזעצגעבענדע) איז בעשטאַנען פון איין פּאַלאַטע פון געוועהלטע דעפּוטאַטען, נישט ווי אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ — פון צוויי פּאַלאַטעס. די אויספיהרענדע מאַכט ליעגט אין די הענד פון קעניג, וואָס האָט צו זאָגען אויף דער אַרמעע, אויפ'ן פלאָט, אויף דער פּאָליציי, און וואָס פיהרט די אויסערע דיפּלאָמאַטישע פּאָליטיק. ער האָט אויך דאָס רעכט צו לעגען זיין וועטאָ (זיין פערבאָט) אויף די בעשלוסען פון דער פּאַלאַטע; אָבער ווען די פּאַלאַטע בעשליסט דאָס אייגענע דריי מאָל נאָכאַנאַנד, האָט זיין „וועטאָ" מעהר קיין כח נישט. דער קעניג פיהרט זיינע מלוכה-געשעפטען דורך מיניסטאָרען, וועלכע זענען פעראַנטוואָרטליך פאַר דער פּאַלאַטע, און וואָס טאָרען נישט זיין צוגלייך קיין דעפּוטאַטען פון דער פּאַלאַטע. די געריכטליכע מאַכט, אויך אַ געוועהלטע אויף זעכס יאָהר, איז פאָרמעל געווען אונטער דער השגחה פון קעניג און יוסטיץ-מיניסטער, פאַקטיש אָבער — אַבהענגיג פון דער פּאַלאַטע. אין אַלגעמיין איז די טיילונג פון דער מלוכה-מאַכט געווען מעהר אויפ'ן פּאַפּיר ווי אויף דער וואָהר. די געריכטליכע און די אויספיהרענדע מאַכט איז נישט געווען זעלבסטשטענדיג, און איז געווען פאָלקאָמען אַבהענגיג פון די וואַהלען אין די פּאַרטייען צווישען די אַקטיווע בירגער. דער קעניג איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט בעקומען די מאַכט נישט צוליעב די וואַהלען, נאָר צוליעב אַ היסטאָרישער טראַדיציע (מנהג). ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט בעקומען אַ היסטאָרישע אַנערקענונג, דאָטש די גאַנצע גרינדונגס-פערזאַמלונג האָט זיך נישט גערעכענט מיט קיינע היסטאָרישע טראַדיציעס. און די דאָזיגע סתירה האָט פריהער אָדער שפּעטער געמוזט פיהרען צו אַ רעפּובליק.

די רעכט פון פאָלק אַרויסצוטרעטען געגען דער מאַכט, ווען זי בעדריקט די בעפעלקערונג, האָט מען נישט געקענט פּראַקטיש קלערער פאָרמולירען, ווייל עס איז געווען דאַמאָלס געפעהרליך אַרויסצוגעבען געזעצען אין דעם פּרט, ווען די

בעפעלקערונג איז געווען שטארק אויפגערעגט און איז גרייט געווען אלע וויילע צו נייע בונטען.

שאפענדיג א נייעם סדר אין לאנד, האט זיך די גרינדונגס־פערזאמלונג געמוזט פערנעהמען מיט דער קירכען־פראגע. די מייסטען דעפוטאטען זענען דורכגעגאנגען די שולע פון דער אויפקלערונגס־עפאכע און זענען פריי געווען פון די אבערגלויבענישען, אז די קירכע איז פון גאט און אז מען טאר זי נישט פערגלייכען מיט די איבריגע מענשליכע מלוכה־אנשטאלטען. די פערזאמלונג האט גיך בעשלאסען נאכצוטהון די אנדערע אויפגעקלערטע דעספאטען (פריעדריך, יאזעף) און צו צונעהמען פאר דער מלוכה דעם גרויסען ערד־בעזיץ פון די גייסטליכע קארפאראציעס. די צוגענומענע גיטער האבען בעטראפען דריי מיליארד פראנקען. אזוי ווי די פינאנץ־לאגע אין פראנקרייך איז געווען זעהר פערפלאנטערט, האט אפילו די גייסטליכקייט געמוזט אנגעהמען צו גוטען די דאזיגע עקספראפריאציע. נאר אזוי ווי דורך איהר האט די גייסטליכקייט פערלארען איהרע איינקינפטע, האט די פערזאמלונג זי געמוזט פערזארגען מיט שכירות. ווען עס האבען זיך אנגעהויבען די בעראטונגען וועגען די שכירות, האט די קאטוילישע קירכע ערקלערט, אז די פערזאמלונג האט נישט דאס רעכט זיך אריינצומישען אין גייסטליכע אנגעלעגענהייטען. דאמאלס האט די פערזאמלונג פערמאכט די אלטע יעפארכיעס און האט בעשלאסען, אז פון היינט אן קלויבען אוים די עפיסקאפען די גובערנסקע פערזאמלונגען, און די ארטיגע גייסטליכע—די ארטיגע אקטיווע בירגער. פאר די פרומע קאטאליקען איז דאס געווען א געוואלטיגע בעליידיגונג פון פריידענקער, וואס מישען זיך אריין אין דאס הייליגע קירכליכע לעבען. דער פויפסט האט פערשאלטען די אזוי אנגערופענע „בירגערליכע קירכען־ארדנונג”; א גרויסע צאהל גייסטליכע האבען זיך אבגעזאגט צו פאלגען דעם נייעם קירכען־געזעץ, און די קליינע צאהל עפיסקאפען און גייסטליכע, וואס האבען אנערקענט דעם נייעם קירכען־געזעץ, זענען בעטראכט געווארען פון פויפסט ווי אבטריניגע.

נישט אלע דעפוטאטען פון דער גרינדונגס־פערזאמלונג זענען געווען גלייכגעשטימט. א טייל זענען געווען געגען דער רעוואלוציע, אן אנדער טייל איז געווען דערפאר, אז די רעוואלוציע זאל נאך ווערען שטארקער. די מעהרהייט דעפוטאטען איז געווען דערפאר, אז מען זאל זיך וועניגער אבגעבען מיט אלגעמיינע פרייהייטס־כללים און זיך מעהר נעהמען פאר דער פראקטישער דורכפיהרונג פון די נייע רעפארמען. בעסער אבער

פֿאַר אַלעמען האָט פֿערשטאַנען די לאַגע פֿון דעם צוגונטעווועטען לאַנד דער דעפּוטאַט גראַף מיראַבאָ. ער האָט גענומען אַ שטאַרקען אַנטייל אין דער רעוואָלוציע און איז געווען מיט'ן גאַנצען האַרצען פֿאַר פּאָליטישע פֿרייהייט און ראַדיקאַלע רעפֿאָרמען, נאָר ער איז געווען אַן'איבערצייגטער אָנהענגער פֿון דער מאָנאַרכיע און האָט געגלויבט, אַז נאָר אַ שטאַרקע קרעפטיגע דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע וועט קענען דורכפֿיהרען פּראַקטיש די נייע רעפֿאָרמען, נישט אַריינטרייבענדיג די בעפֿעלקערונג אין די אָבגרונדען פֿון אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציע. מיראַבאָ איז געווען איינער פֿון די גרעסטע רעדנער אין דער פֿערזאַמלונג. ער האָט נישט נאָר געהאַט פֿאַר זיך אַ קלאָרעס פּראָגראַם, נאָר ער האָט אויך געפּרובט דורכפֿיהרען עטליכע פּונקטען פֿון זיין פּראָגראַם. ער האָט געהאַט געהיימע פֿערבינדונגען מיט'ן הויף און איז געוואָרען איינער פֿון דעם קעניגס ראַטגעבער. אָבער עס האָט איהם געפֿעהלט דאָס פֿאָלקאָמע צוטרויען סיי פֿון דער פֿערזאַמלונג, סיי פֿון דעם קעניגליכען הויף. די פֿערזאַמלונג האָט איהם נישט געטרויט און האָט איהם בעטראַכט ווי אַ קאַריעריסט; דער קעניגליכער הויף האָט נישט געקאָנט פֿערגעסען זיין פֿריהערדיגע רעוואָלוציאָנערע פֿערגאַנגענהייט, און האָט נישט פֿערשטאַנען זיינע אידעען וועגען אַ דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע, און די גאַנצע אַרבייט פֿון דעם גרויסען פֿאָלקס־פֿיהרער האָט צו קיין ממשות'דיגער זאַך נישט געבראַכט. אין יאָהר 1791 איז ער פּלוצלינג געשטאָרבען, גראָד אין אַ צייט, ווען אויף דאָס לאַנד, אינעווייניג צובונטעוועט, האָבען זיך געקליבען עסטרייך און דייטשלאַנד מיט זייערע אַרמעען.

די גייסטליכקייט און די פֿרומע קאַטאָליקען זענען געווען שטאַרק ערבּיטערט צוליעב די נייע קירכען־אָרדנונג. פֿון דער אַריסטאָקראַטיע זענען אַ סך אַנטלאָפֿען קיין אויסלאַנד און האָבען נישט אויפֿגעהערט אויסצובעטען אַן'אַרמעע געגען די צובונטעוועטע פֿראַנצויזען. זיי אַליין האָבען אויך צונויפֿגעקליבען אַן'אַרמעע אין די בעזיצונגען פֿון אַן'עפּיסקאָפּ, ביי דער גרענעץ פֿון פֿראַנקרייך. גלייכצייטיג האָט די רעוואָלוציע אין פֿראַנקרייך אַריינגעצויגען די מלוכה אין פֿערשידענע שטרייטיגקייטען מיט איהרע שכנים. למשל, די אָבשאַפֿונג פֿון די פֿעאָדאַלע מנהגים אין מזרח־פֿראַנקרייך (עלזאַס, לאָטרינגען) האָט אָנגעריהרט די מאַטעריעלע אינטערעסען פֿון די דייטשע פֿירשטען, וואָס האָבען דאָרטען געהאַט שטיקער ערד. אין אַוויניאָן (ז. ט. 5), וואָס האָט געהערט צום פּויפּסט, האָט די בעפֿעלקערונג פֿערטריבען די פּויפּסטליכע בעאַמטע און די

שטארט בעהעפט צו דער פראנצויזישער טעריטאריע. אין בע״גיען האט די נאציאנאל־פערזאמלונג מן הצד געהאלטען פאר די בעפעלקערונג, וואס האט זיך געבונטעוועט געגען די עסטרייכישע רעגיערונג, א. א. וו.

די אלע שטרייטיגקייטען האבען אבער נאך דערוויל נישט געפיהרט צו אנ׳אפענעם קריעג מיט אויסלאנד. צו דער צייט איז אייראפא געווען שטארק פערנומען מיט איהרע אייגענע עסקים. יאזעף דער צווייטער איז געשטארבען, איבערלאזענדיג די עסטרייכישע טעריטאריען אין א שלעכטען צושטאנד. זיין ברודער לעאפאלד, אנ׳אויסגעצייכענטער דיפלאמאט, האט געדארפט פעררייכטען דאס, וואס דער ברודער האט קאליע געמאכט, נישט אנריהרענדיג דערביי זיינע הויפט־רעפארמען (ווי די אבשאפונג פון דער לייבאייגענשאפט א. א. וו.). לעאפאלד האט בערוהיגט דעם גרעסטען טייל פון דער געמישטער בעפעלקערונג דערמיט, וואס ער האט איהר געגעבען געוויסע נאציאנאלע הנחות. בעלגיען האט ער ווידער פערנומען מיט זיין ארמעע. מיט טערקיי האט ער געמאכט שלום, וויל לויט זיין מיינונג לויהנט בעסער פאר עסטרייך א שטארקע טערקישע מלוכה, וויל וואס שוואכער עס ווערט טערקיי, אלץ שטארקער ווערט רוסלאנד, דער נאטירליכער שונא פון עסטרייך. לעאפאלד האט זיך בכלל אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע דיפלאמאטישע פעהיגקייטען און האט נישט ליעב געהאט זיך צו פערפלאנטערען אין אונניצליכע מלחמות.

צוגלייך מיט וויען איז פעטערבורג געווען א וויכטיגער צענטער פון דער אייראפעאישער פאליטיק. חאטש יעקאטערינא די צווייטע איז געווען א פיינד פון דער רעוואלוציע אין פראנקרייך, נאר זי האט געהאט דאמאלס שטארק צו טהון מיט די שוועדען און די טערקען, און זי האט געדארפט שטארק אכטונג געבען אויף פוילען, וואס איז אקארשט צוטיילט געווארען צווישען די מלוכות (זעה טייל 5).

די אייראפעאישע פאליטישע לאגע איז דערום געווען אזוינע, אז די מלוכות זענען נישט געווען צוגעגרייט זיך אריינצומישען אין די פראנצויזישע אינערע לאגע. די אריסטאקראטיע אין פראנקרייך צוגלייך מיט׳ן קעניג האבען אבער שטארק געהאפט אויף די אריינמישונג פון די פרעמדע מלוכות, און די נישט־בעגרינדעטע האפנונג האט געפיהרט דערצו, אז די מאנארכיע אין פראנקרייך איז אריינגעפאלען אין דער גרעסטער סכנה.

אין זיינע שריפטליכע עצות פלעגט מיראבא אפט בעטראכטען דעם פלאן וועגען דעם, צי זאל דער קעניג אנטלויפען פון פראנקרייך און צי זאל ער ארויס געגען די נאציאנאל־פערזאמלונג, וואס ווערט אלץ רעוואלוצ־

יאַנערער, מיט אַ מיליטערישער מאַכט. מיראַבאָ איז געווען פֿאַר דעם פּלאַן, ווייל ער האָט פֿאָראויסגעזעהען, אַז די קעניגליכע מאַכט פֿאַלט מיט יעדען טאָג אַלץ נידעריגער, צוליעב די בעשלוסען פֿון דער נאַציאָנאַל־פֿערזאַמלונג, נאָר מיראַבאָ האָט מיט אַלע קרעפֿטען דעם קעניג אָבגעראַטען אַרייצומישען אין דעם קאַמפּף מיט דער בעפֿעלקערונג די אויסלענדישע מלוכות. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ אַריינמישונג פֿון פֿרעמדע וועט צופֿלאַקערען דעם פּאַטריאָטיזם ביי די פֿראַנצויזען צו אַ העליש פֿייער, און אַלע, וואָס האָבען אונטערהאַנדעלט מיט פֿרעמדע מלוכות, וועט מען פֿעררעכענען פֿאַר פֿעררעטער (בוגדים). נאָר אין קעניגליכען הויף האָט מען מיראַבאָ'ס ווערטער נישט פֿערשטאַנען.

זומער 1791 האָבען דער קעניג און די קעניגין, מאַריאַ אַנטואַנעטע, אַנ'עסטרייכישע פּרינצעסין, די שוועסטער פֿון לעאָפּאָלד'ען, געפּרובט אַנטלויפֿען פֿון פּאַריז און זיך פֿעראייניגען מיט דער אַרמעע אין מזרח־פֿראַנקרייך (ז. אויבען). דאָרטען האָבען זיי גערעכענט צו בעקומען שטיצע פֿון לעאָפּאָלד'ען, וואָס וועט פֿעראייניגען זיין אַרמעע מיט דער קליינער אַרמעע פֿון קעניג. די בעפֿעלקערונג פֿון פּאַריז האָט אָבער נאָכגעיאָגט די קעניגליכע קאַרעטע, זי געהאַפּט אין וואַרען און מיט חרפּה אונטער אַ וואַך צוריקגעבראַכט די קעניגין און דעם קעניג קיין פּאַריז. נאָך דער חרפּה איז די לאַגע פֿון קעניג געוואָרען שוין אונערטרעגליך. אום צו ראַטעווען די קרוין, האָט לודוויג בעשטעטיגט די קאָנסטיטוציע פֿון דער גרינדונגס־פֿערזאַמלונג, חאָטש אַלע האָבען גענוי געוואוסט, אַז ער קאָן די דאָזיגע קאָנסטיטוציע נישט סובל זיין.

אין די צוויי יאָהר פֿון 89—1791 האָבען אַפֿילו שוין די לינקע פֿון דער בורזשואַזיע איינגעזעהען, אַז מען טאָר נישט מיט אַמאָל אַלץ אָבשאַפֿען. די דעפּוטאַטען האָבען שוין אָנגעהויבען צו פֿיהלען די מאַכט פֿון צובונטעוועטען המון, און זענען שוין נישט געווען אַזוי דאַגעגען צו פֿערפֿעסטיגען די קעניגליכע מאַכט. אָבער נאָכדעם, ווי דער קעניג האָט געפּרובט אַנטלויפֿען, איז שוין אונמעגליך געווען איינצוהאַלטען די מאַסען געגען דעם קעניג. דער קלוב פֿון די פֿעליאַנער (אַ מין ליבעראַלע פּאַרטיי), ווי די בלוטיגע רציחות פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע געגען דעם פּאַריזער המון, וואָס האָט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אָבשאַפֿען דאָס קעניגטום פֿון פֿראַנקרייך, האָבען שוין בעשיינפּערליך בעוויזען, וואָס פֿאַר אַנ'אונטערשיעד עס איז פֿאַרהאַן אין די מיינונגען צווישען דער בעמי־

טעלטער בורזשואַזיע, די אַקטיווע בירגער, און די אָרימע אַרבייטער, די פּאַסיווע.

אין דער דאָזיגער אונרוהיגער צייט האָט די גרינדונגס־פֿערזאַמלונג בעענדיגט איהרע אַרבייטען, אָבער נאָך אַ מינוט פֿאַר'ן פֿונאַנדערגעהען זיך האָט זי אָנגענומען אַ בעשלוס, וואָס האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר זעהר שעדליך. אַ דאַנק דעם פֿיהרער פֿון יאַקאָבינער קלוב, ראָבעספּיער, איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די איצטיגע גרינדער־דעפּוטאַטען מעגען נאָר דאַמאָלס ווידער אויסגעקליבען ווערען אין דער פּאַלאַטע, דערנאָך ווי ביי דער ערשטער פּאַלאַטע וועט זיך ענדיגען די פֿולמאַכטען, און מען וועט שוין קלייבען אַ צווייטען מאָל דעפּוטאַטען אין פּאַלאַטע. צוליעב דעם בעשלוס זענען אין די ערשטע פּאַלאַטע נישט אַריין די געניטעסטע און וויכטיגסטע מענשען פֿון לאַנד. זייער אָרט האָבען פֿערנומען מיטעלמעסיגע דעפּוטאַטען, יונגע און אַלענפֿאַלס ווייניגער גניטע. די גרעסטע פֿערטרעטונג האָט געהאַט אַ גרופּע דעפּוטאַטען, וואָס האָבען זיך גערופֿען זשיראָנדיסטען. דאָס זענען געווען אידעלע, נישט פּראַקטישע לייט, וואָס האָבען גע'חלומט נישט נור וועגען אַ רעפּובליק, נאָר וועגען אַזאַ נאַיווער רעפּובליק ווי צו די צייטען פֿון די אַלטע גריכען און רוימער. אָבער מיט דער צייט איז אַלץ שטאַרקער געשטיגען די מאַכט פֿון די קלובען, וואו עס זענען געווען די פֿיהרער דער גרויזאַמער פֿאַנאַטישער ראָבעספּיער און דער הויכבעגאַבטער אָבער אויסגעלאַסענער דאַנטאָן. די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דער פּאַלאַטע איז געווען צו ענדיגען דעם קאַמפּף מיט די גייסטליכע און די „עמיגראַנטען" (ד. ה. מיט דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז ענטלאָפֿען קיין אויסלאַנד מלחמה צו האַלטען מיט דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע), וועלכע עס האָט אָנגעהויבען די גרינדונגס־פֿערזאַמלונג. וועגען פּשרות איז קיין שום רעד נישט געווען. אדרבה, מען האָט געפֿיהרט דעם קאַמפּף מיט די עקסטעמיטלען. ערשטענס האָט מען קאָנפֿיסקירט דאָס פֿערמעגען פֿון די עמיגראַנטען. צווייטענס האָט די פּאַלאַטע בעשלאָסען אויסצוווייזען פֿון פֿראַנקרייך איטליכען גייסטליכען, וואָס האָט נישט געשוואָרען טרייקייט דער ביירגער קירכען־אָרדנונג, ווען אַזאַ אויסווייזונג פֿערלאַנגען 20 אונטערשריפֿטען פֿון די אַקטיווע בירגער. גלייכצייטיג האָט די פּאַלאַטע בעשלאָסען צו פֿערלאַנגען ביי די מלוכות, אַז זיי זאָלען נישט שטיצען די עמיגראַנטען אין זייערע פּלענער.

אונטערדעסען האָבען זיך די מלוכות אַלץ שטאַרקער פֿעראייניגט

רעַגירט מיט די אינערע אַנגעלעגענהייטען אין פראַנקרייך, און דער אימ־פּעראַטאָר לעאָפּאָלד האָט ענערגיש אָנגעהויבען אַרבייטען געגען די פראַנ־צויזען, וואָס זענען אַלץ געגאַנגען ווייטער אין זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. ער האָט אַרויסגעגעבען אין דעם זין עטליכע מאַניפעסטען און אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מכּח אַ קאָנגרעס פון די מלוכות, וואָס זאָלען בעראַטען געמיינזאַם די פראַנצויזישע אַנגעלעגענ־הייטען. לעאָפּאָלד האָט אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט, מיינענדיג מיט אַזינע געננג אָבצושרעקען די פראַנצויזען. די סטראַשונקעס פון לעאָפּאָלד האָבען אַרויסגערופען אין פראַנקרייך אַ גרויסע ערביטערונג, און עס איז דערגאַנגען ביז צו אַן אָפענעם קריעג, וואָס לעאָפּאָלד האָט דאָס גאָר נישט געוואָלט. לעאָפּאָלד איז געשטאָרבען עטליכע וואָכען פאַר דער קריעגס־ערקלערונג, און די עסטרייכישע מלחמה געגען פראַנקרייך איז אויסגעקומען צו פיהרען זיין נאָכפאָלגער דעם יונגען פראַנץ דעם צווייטען, און דעם פּרייסישען קעניג פריעדריך־ווילהעלם דעם צווייטען.

אַנשטאָט צו בעפרייען לודוויג׳ען, האָבען די דייטשע אַרמעען נאָך פערערגערט זיין לאַגע. ער האָט נישט געקאָנט אַרונטערנעהמען פון זיך דעם חשד, אַז ער, דער העכסטער בעפעהלסהאָבער פון דער פראַנצויזישער אַרמעע, פיהרט פערהאַנדלונגען מיט׳ן שונא און איהם איז ליעב אַ נצחון פון די פיינדליכע וואָפען. און ווען ביי דעם אָנפאַנג פון קריעג האָט זיך די פראַנצויזישע אַרמעע אַרויסגע־וויזען פאַר אַ שלעכטע, וואָס האָט שוין אויסגעפּעט צו פערליערען די אַלטע מעלות פון דער אַריסטאָקראַטישער צייט, און האָט נאָך נישט בעקומען די מעלות פון דער דעמאָקראַטישער, האָט די עפענטליכע מיינונג נאָר בעשולדיגט דערין דעם קעניג און זיינע ראַט־געבער. גלייכצייטיג האָט נאָך דער קעניג צורייצט די עפענטליכע מיינונג דערמיט, וואָס ער האָט נישט געוואָלט בעשטעטיגען די בעשלוסען וועגען די גייסטליכע און עמיגראַנטען, וואָס די פאַלאַטע האָט אָנגענומען. די נאַכריכט פון לעצטען מאַניפעסט פון דעם פּרייסישען בעפעהלסהאַבער האָט געגעבען דער פראַנצויזישער קעניגליכער מאַכט דעם לעצטען קלאַפּ. דעם 10־טען אויגוסט 1792 האָבען זיך די אַרביימער־מאַסען אַ לאָז געטהון צום קעניגליכען פאַלאַץ. די צובונטעוועטע מאַסען האָט פונאַנדערגעטריע־בען די שטאָדטישע דומע און פערביטען די אַלטע מיטגליעדער מיט איינענע נייע. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט נישט געוואוסט, אויף וועמענס צד צו זיין, און האָט נישט פערהאַלטען די בונטאָווּשציקעס. דעם קעניג׳ס

שווייצערישע גוואַרדיע האָט זיך געפּרובט ענטגעגענשטעלען די מאַסען, אָבער דער קעניג האָט געוואוסט, אַז זיין גוואַרדיע איז צו שוואַך געגען די מאַסען, און האָט זיי געהייסען אַוועקגעהן פון פּאַלאַץ. דאָס פאָלק האָט די דאָזיגע גוואַרדיע, ביים אָבציעהען, איינגאַנצען אויסגעמאָרדעט, דערנאָך אַרעסטירט דעם קעניג און די קעניגין און זיי אָבגעפיהרט אין אַ געפענגניש. דער פּאַלאַטע איז מעהר נישט געבליעבען, ווי צו בעשטעטיגען דאָס, וואָס איז געוואָרען אָבגעטהון אָהן איהר. זי האָט ערקלערט, אַז אין פראַנקרייך איז די מאָנאַרכיע אָבגעשאַפט, און האָט איינגעלאַדען די בעפעלקערונג אויסצוקלויבען אַ נאַציאָנאַלען קאָנווענט (פערזאַמלונג), וואָס זאָל צונויפשטעלען אַ נייע קאָנסטיטוציע פאַר פראַנקרייך.

צווייטעס קאַפּיטעל.

די פראַנצויזישע רעפּובליק.

דער קאַמפּף מיט די פעראייניגטע מלוכות. — דער קאָנווענט. — דער משפט אויפ'ן קעניג. — דער אונטערגאַנג פון די זשיראָנדיסטען. — דער טעראָר. — די מלחמות. — דער סוף פון טעראָר. — דאָס דירעקטאָריום. — דער 10-טער נאָוועמבער 1799. —

די דייטשע אַרמעען, וואָס האָבען זיך געצויגען צו די פראַנצויזישע גרענעצען, האָבען געהאַט צו טהון אייגענטליך מיט אַ לאַנד, וואָס איז כמעט נישט געווען בכח צו פיהרען אַ מלחמה מיט אַן אויסלענדישער מלוכה. פאַר די פערבינדעטע אַרמעען איז אייגענטליך געווען אַ קלייניגקייט זיך אַריינצורייסען אין פּאַריז און זיך אָבצורעכענען מיט די רעוואָלוציאָנערען. אין חיל, וואָס פראַנקרייך האָט אַרויסגעשטעלט געגען שונא איז נישט געווען קיין דיסציפּלין און קיין צוטרוי צו די גענעראַלען. לאַפאַיעט, וואָס האָט קאָמאַנדירט איבער אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אַרמעע, ערפאַהרענדיג, אַז דער קעניג איז געפאַנגען, האָט געוואָלט אַוועק מיט זיין אַרמעע קיין פּאַריז, צו ראַטעווען דעם קעניג פון דעם צובונטעוועטען המון, אָבער זיינע סאָלדאַטען האָבען איהם נישט געהערט און ער אַליין האָט געמוזט ענטלויפען אין דייטשלאַנד. די קאָנסטיטוציע פון 1701-טען איז בטל געוואָרען, דער קעניג איז געווען אונטער אַ וואַך, די

מיניסטאָרען זענען געווען מאַכטלאָז, פּאַריז איז געווען אין די הענד פֿון
בעוואָפֿענטען המון און פֿון דער שטאָדיגער דומע, וואָס איז אויך געווען
די פֿערטרעטונג פֿון המון, און אין גאַנץ פֿראַנקרייך האָבען אַרומגע־
בלאָנדזעט מחנות נישט־צופֿריעדענע מענשען, וואָס האָבען זיך שוין גענוג
אָנגעליטען פֿון דער רעוואָלוציע. אין דער דאָזיגער שווערער צייט האָבען
די פֿראַנצויזען אַרויסגעוויזען די העכסטע אײדעלקײט און די נידריגסטע
גרויזאַמסטע געפֿיהלען פֿון דער מענשליכער נאַטור: די בעגייסטערטע
פּאַטריאָטישע געפֿיהלען האָבען געגעבען די פֿראַנצויזען כחות צו קעמפֿען
מיט אייראָפּאַ, און די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נויטיג געווען צום קאַמפֿ,
איז בעשאַפֿען געוואָרען מיט די שרעקליכע טעראָריסטישע מיטלען, וואָס
האָט מיט אַ טהירישער גרויזאַמקייט אָבגערייניגט דאָס לאַנד פֿון אַלע
געזעלשאַפֿטליכע עלעמענטען, וואָס האָבען געשטערט דער רעוואָלוציע.
אַן דער שפּיץ, סיי פֿון בעגייסטערטען פּאַטריאָטיזם, סיי פֿון דער טעראָ־
ריסטישער אָרגאַניזאַציע, איז געשטאַנען דאַנטאָן. ער האָט בעוואָפֿענט
פֿראַנקרייך, ער האָט צונויפֿגעשטעלט די פּאָלקען פֿון פֿרייוויליגע, וואָס
האָבען זיך געריסען צו דער פּאַטריאָטישער מלחמה. די גרויסע נאַציאָנאַלע
בעגייסטערונג און דער שטענדיגער צופֿלוס פֿון פֿרישע קרעפֿטען, ווי אויך
די נישט־אויסגעהאַלטענע געננ פֿון די פֿערבינדעטע פֿיינדליכע אַרמעען
האָבען געראַטעוועט פֿראַנקרייך. די פּרייסישע אַרמעע האָט בעקומען אַ
מפּלה ביי וואַלמי, די עסטרייכישע—ביי זשעמאַפּ; דער פֿראַנצויזישער חיל
איז נאָך אַריבער די אייגענע גרענעצען און האָט נאָך פֿערנומען בעלגיען
און די שטעדט, וואָס ביים מיטעלען רהיין.

גלייכצייטיג אָבער מיט די פּאַטריאָטישע געפֿיהלען האָבען זיך צו־
שפּיעלט אין פֿראַנקרייך אַנדערע געפֿיהלען: אַ חשד צו אַלעמען, וואָס
האָבען נישט געקענט צופֿרידען זיין מיט דער רעוואָלוציע, די שנאה פֿון
די נידעריגערע קלאַסען צו די העכערע, און די תאוה זיך בלוטיג נוקם
צו זיין אָן זיי פֿאַר זייערע אַלטע חטאים. דאַנטאָן האָט אומישנע גע־
שטיצט אַלע די דאָזיגע געפֿיהלען ביי דער מאַסע. אַלס יוסטיץ־מיניסטער
האָט ער זיך אויסגעבעטען ביי דער געזעצגעבענדיגער פֿערזאַמלונג דאָס
רעכט צו מאַכען הויז־זוכונגען ביי די פּאַריזער, צו אַרעסטירען די גייסט־
ליכע, וואָס האָבען נישט געגעבען קיין שבועה, די קרובים פֿון די עמי־
גראַנטען און בכלל אַלע פֿערדעכטיגע מענשען. די געפֿענגענישען זענען
אָנגעפּאַקט געוואָרען מיט אַזוינע אונגליקליכע, וועלכע עס איז בעשערט
געווען צו זיין קרובים פֿון די עמיגראַנטען. און איינמאָל האָט מען אומישנע

גענומען רייניגען די געפענגנישען אויף אזא אופן: א פאר הונדערט מענשען פון המון האבען זיך אריינגעריסען אין די געפענגנישען און גענומען איינציגוויז אויסקוילעגען די דאזיגע „פערברעכער", „פעררעטער" (בוגדים) און „אריסטאקראטען", נישט אכטענדיג, צי עס איז א מאן, א פרוי, אדער א קינד. אין איין געפענגניש האט מען אזוי אויסגעקוילעט 43 קליינע קינדער, דערביי האט מען געשענדעט די אונגליקליכע קרבנות און אין די צווישען־צייטען פון איין שחיטה ביז דער צווייטער האט מען גע־שכור'ט, געהוליעט און זיך ווילד משמח געווען. די דאזיגע שחיטה, בעקאנט אונטער'ן נאמען „די שחיטה פון סעפטעמבער אין יאהר 1792", האט געדויערט דריי טעג, פאר אלעמען אין די אויגען. אין פאריז האט מען דאמאלס אויסגעקוילעט אנדערטהאלבען טויזענד מענשען, דערנאך האבען זיך די באנדעס געלאזען אויף דער פראווינץ, וואו זיי האבען געטהון די אייגענע בלוטיגע ארבייט. דאנטאן האט דערנאך גערעכטפערטיגט די שחיטה מיט די ווערטער: „דאס פאלק האט זיך אבגערעכענט מיט זיינע שונאים", תאטש דאס פאלק, חוץ א קליינע באנדע רוצחים, האט דערמיט נישט געהאט צו טהון.

באלד נאך די סעפטעמבער־טעג האט זיך צונויפגעקליבען דער קאנווענט. די זשיראנדיסטען, וואס זענען אין דער ערשטער פאלאטע געזעסען ל י נ ק ס, זענען אריבער אויף ר ע כ ט ס. זיי זענען געבליבען ביי זייערע אלטע ראדיקאלע אנזיכטען, אבער זיי זענען געווען צו אנשטענדיג, אז זיי זאלען קענען שווייגען, ווען אין לאנד האט מען עפענטליך גענומען טרעטען מיט די פיס די איינפאכסטע מענשליכע פרינציפען, ווען מען האט עפענטליך אנגעהויבען צו רויבען און מאָרדען. און אין קאנווענט האבען די זשיראנדיסטען אנגעהויבען צו פיהרען א קאמפף געגען דער שטאָדטיגער דומע, געגען דעם יאקאבינער־קלוב און דאנטאנ'ען. ל י נ ק ס ארום דאנטאנ'ען און ראבעספיער'ען זענען געזעסען די מאנטאניארען, וואס זענען געווען פאר דער ר ע וו א ל ו צ י א נ ע ר ע ר פ ר א ק ט י ק. אין מ י ט ע ן זענען געזעסען אין א גרויסער צאהל דעפוטאטען (דער „זומפ", ווי מען האט גערופען דעם דאזיגען „צענטר"), וואס האבען נישט געהאט קיין פעסטע מיינונג, און וועלכע האבען שטארק מורא געהאט פאר די יאקאבינער־קלובען.

בעזונדערס שטארק האט זיך ארויסגעוויזען דער אונטערשייד פון ביידע הויפט־פארטייען, ווען מען האט זיך גענומען בעראטען וועגען דער צוקונפט פון געפאנגענעם קעניג. די זשיראנדיסטען האבען זיך ארויסגע־

וָאגט, אַז דער קאָנווענט דאַרף איהם משפט׳ען. ריין געזעצליך האָט דער קאָנווענט נישט געהאַט קיין רעכט צו משפט׳ן דעם קעניג, ווייל לויט דער קאָנסטיטוציע פֿון יאָהר 1791 איז דער קעניג קיינעם נישט פֿער־אַנטוואָרטליך פֿאַר זיינע טהאַטען.

דער דאָזיגער משפט האָט אַרויסגעשטעלט פֿאַר פֿראַנקרייך גאָר אַ נייעם לודוויג דעם 16־טען. ער האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעוויזען פֿאַר אַנ׳איידעלען פֿעסטען חאַראַקטער.

ריין פּאָליטיש איז דער משפט איבער׳ן קעניג געווען זעהר נוצליך פֿאַר די מאָנטאַניאַרען, ווייל דורך איהם האָבען זיי געקענט בעווייזען דעם לאַנד, ווי גרויס זייער שנאה איז צום אַלטען פֿראַנקרייך, און ווי זיי שטרעבען אויסצוראָטען איטליכען זכר פֿון אַלטען סדר. אין דער גאַנצער צייט פֿון פּראָצעס האָט זיך לודוויג געהאַלטען מיט אַ רוהיגען שטאָלץ. פֿאַר זיין צד האָבען געהאַלטען הייסע קונציגע רעדעס די בעסטע אַדוואָקאַטען. אָבער ווען עס איז דערגאַנגען צו דער אָבשטימונג, האָבען זיך די זשיראָנדיסטען אַרויסגעוויזען אין זייער גאַנצער שוואַכקייט: זיי האָבען בשום אופן נישט געוואָלט פֿער׳משפּט׳ן דעם קעניג, און זיי האָבען זיך דערביי נישט דערוועגט אַרויסצוטרעטען פֿאַר איהם. דער קעניג איז כמעט איינשטימיג אַנערקענט געוואָרען פֿאַר שולדיג, אָבער פֿאַר טויט־שטראָף איז געווען נור אַ גאַנץ קליינע מעהרהייט. דעם 21־טען יאַנואַר 1793 האָט לודוויג געענדיגט זיין לעבען אויפ׳ן עשאַפֿאָט. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „הלואי זאָל פֿערגאָסען ווערען מיין בלוט צו פֿראַנקרייכ׳ס נוצען".

נאָכ׳ן פּסק אויפ׳ן קעניג האָט זיך דער קאַמפּף צווישען די זשיראָנדיסטען און מאָנטאַניאַרען נאָך מעהר צעפֿלאַקערט. די ערשטע האָבען געשטרעבט מיט אַלע קרעפֿטען צו מאַכען אַ סוף צו די גוואַלד־טהאַטען און צו בעשטראָפֿען די פֿערברעכער. צווישען די מאָנטאַניאַרען אַליין זענען דערווייל אויסגעבראָכען שטרייטיגקייטען. דאַנטאָן האָט געוואָלט געהן מיט די זשיראָנדיסטען, נאָר „די שחיטה פֿון סעפּטעמבער", בעת דאַנטאָן איז געווען יוסטיץ־מיניסטער, האָט נישט דערלאָזען די זשיראָנדיסטען צו האָבען צו טהון מיט דאַנטאָנ׳ען. דער מעהרסטער טייל פֿון די מאָנטאַניאַרען האָבען זיך אַלץ פֿעסטער גרופּירט אַרום ראָבעספּיער׳ען און געפֿאָדערט פֿון איהם נאָך אַ שטאַרקערע טעראָריסטישע פּאָליטיק. די זשיראָנדיסטען ווייטער האָבען זיך געפּרובט שטיצען אויף דער פּראָווינץ.

אָבּער די אַגיטאַציע פֿון די זשיראָנדיסטען אין דער פּראָווינץ האָט אַרויסגערופֿען דעם חשד געגען זיי, אַז זיי ווילען זיך אָבּרייסען פֿון פּאַריז און צוצורייסען פֿראַנקרייך אין אַ בּונד פֿון פֿראַנצויזישע מלוכות. דער יאַקאָבּינער־קלוב און די סאַנקולאָטען (דער אָרעמער המון, ווערטליך „מענשען אָהן הויזען") זענען געווען אין די הענד פֿון די מאָנטאַניאַרען.

די אייגענע סבּות, וואָס האָבּען פֿערניכטעט די קעניגליכע מאַכט, האָבּען אויך געגעבּען דעם לעצטען קלאַפּ די זשיראָנדיסטען. דער ערפֿאָלג פֿון רעפּובּליקאַנישען חיל איז געווען אַ שוואַכער. אין די פּאָלקען איז נאָך נישט געווען קיין דיסציפּלין, קיין אויסגעהאַלטענקייט. חוץ דעם האָט פֿראַנקרייך, חוץ פּרייסען און עסטרייך, געהאַט געגען זיך איצט כּמעט גאַנץ אייראָפּאַ. דער טויט־אורטייל פֿון קעניג האָט נישט נאָר ערבּיטערט דאָס אַלטע פֿראַנקרייך, נאָר גאַנץ אייראָפּאַ. און ווען מען געהמט נאָך אין בּעטראַכט, אַז דער קאָנווענט האָט איינמאָל ערקלערט, אַז די נייע רעפּובּליק פֿיהרט אַ קאַמפּף צו בּעפֿרייען אַלע פֿעלקער אין אייראָפּאַ פֿון דער דעספּאָטישער קעניגליכער מאַכט, הויבּט מען אָן צו בּעגרייפֿען, וואָס פֿאַר אַ סכּנה איז מיט אַמאָל געוואָרען פֿראַנקרייך פֿאַר אייראָפּאַ, ווען עס פֿרעדיגט פֿאַר דער גאַנצער וועלט די נויטיגקייט פֿון אַ רעוואָלוציע. די קליינע פֿירשטענטימער, די איטאַליענישע מלוכות, שפּאַניען, ענגלאַנד האָבּען זיך בּיסלעכווייז פֿערוויקעלט אין אַ קריעג מיט פֿראַנקרייך. די רעפּובּליקאַנישע אַרמעען האָבּען טאָג־טעגליך געמוזט אָבּטרעטען די איינגענומענע פּאָזיציעס. די הויפּט־אַרמעע, וואָס האָט זיך פֿעסט אַריינגעזעצט אין בּעלגיען, איז צושלאָגען געוואָרען, און אָט בּיי די אומשטענדען האָבּען זיך איבּערגע'חזר'ט מיט איניגע שנוים די בּעגעבּענהייטען פֿון 1792, ווען דער המון האָט זיך אַריינגעריסען אין קעניגליכען פּאַלאַץ. דער קאָנווענט האָט בּעפֿוילען צונויפֿצוזאַמלען 300 טויזענד סאָלדאַטען אויף צו פֿערטיידיגען דאָס פֿאָטערלאַנד. די ראַדיקאַלסטע רעוואָלוציאָנערען האָבּען פֿערחאַפּט די דיקטאַטור פֿון לאַנד, און כּדי צו האַלטען פֿעסט די דיקטאַטור, האָבּען זיי אָרגאַניזירט דעם טעראָר. אין 1793 האָט די פּאַריזער נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וואָס איז בּעשטאַנען הויפּטזעכליך פֿון סאַנקולאָטען מיט דעם נידעריגסטען המון, זיך אַריינגעריסען אין קאָנווענט־זאַל און געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אויסשליסען די זשיראָנדיסטען און מען זאָל זיי משפּט'ען אַלס פֿעררעטער (בּוגדים) פֿון פֿאָטערלאַנד. דער קאָנווענט האָט נישט געהאַט קיין אַנדער בּרירה, ווי נאָכצוגעבּען דעם

המון. 34 פֿון די בעדייטענדסטע זשיראָנדיסטען האָט מען באַלד אויסגע־שלאָסען פֿון די דעפּוטאַטען, און די, וואָס האָבען נישט אויסגעיעט צו ענטלויפֿען, האָט מען איבערגעגעבען צום געריכט, ד. ה. זיי זענען שוין געוועז פֿאַרטיג פֿאַר'ן עשאַפֿאָט. א י ו נ ג ע ם פ ר י ל י י ן ש אַ ר ל אָ ט ע ק אָ ר ד ע, אַ בעגייסטערטע אָנהענגערין פֿון די זשיראָנדיסטען, האָט זיך אפֿילו נוקם געווען אָן די מאָנטאַניאַרען דערמיט, וואָס זי האָט דער־שטאָכען מ אַ ר אַ ט'ע ן, וואָס האָט געפּרעדיגט די בלוטיגע טעראָריסטישע אידעען פֿון די מאָנטאַניאַרען, אָבער נאָכדעם ווי מען האָט מיט געוואַלט אויסגעשלאָסען די זשיראָנדיסטען פֿון קאָנווענט, איז די פּאַרטי איינגאַנצען אונטערגעגאַנגען.

דער אונטערגאַנג פֿון די זשיראָנדיסטען האָט אַרויסגערופֿען בונטען אין פֿיעלע גרויסע שטעדט געגען דער טיראַנען־הערשאַפֿט פֿון די יאַקאָבי־נער. אין וואַנדיי האָט די פּויערן־בעפֿעלקערונג נאָך פֿריהער זיך אויפֿ־געהויבען געגען קאָנווענט, ווען מען האָט אָנגעהויבען ווערבען רעקרוטען פֿאַר דער רעפּובליקאַנער אַרמעע. אין ברעטאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטיגע ראָיאַליסטישע (קעניגליכע) בעוועגונג. אָבער אַלע די דאָזיגע בונ־טען האָבען נאָך מעהר צורייצט די עקסטע רעוואָלוציאָנערען, און זיי האָבען זיך שוין נישט אָבגעשטעלט פֿאַר קיין טעראָריסטיש מיטעל צו האַלטען פֿראַנקרייך אין איין אימת מות.

די אויספֿיהרענדע מאַכט, דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער מאַכט איז געווען אַ קאָמיסיע פֿון די קאָנווענטס־מיטגליעדער, וואָס האָט זיך גערופֿען „דער קאָמיטעט, וואָס ראַטעוועט דעם כּלל". נאָך דעם אונטערגאַנג פֿון די זשיראָנדיסטען האָט מען ווידער אומאָרגאַניזירט דעם קאָמיטעט; צו־ערשט זענען געזעסען אין איהם 9, דערנאָך 12 מיטגליעדער. דאַנטאָן, איז אין קאָמיטעט נישט אַריין. אין דעם קאָמיטעט איז אַריין קאַרנאָ, וואָס האָט אַ סך אויפֿגעטהון אויף צו שטאַרקען די רעפּובליקאַנער אַרמעע. איינִיגע מיטגליעדער פֿון „זומפּ", וואָס האָבען זיך נאָכגעשלעפּט שטענ־דיג נאָך דער פּאַרטיי, וואָס זיעגט בעת מעשה, און ראָבעספּיער מיט זיינע הויפּט־אָנהענגער. (אינטערעסאַנט איז, וואָס פֿון „זומפּ" אין אַריין אין דאָזיגען קאַבינעט איינער באַרער, וואָס האָט געדיענט ביי אַלע פּאָליטישע סיסטעמען פֿון פֿראַנקרייך ביז צום יאָהר 1840, ווען ער איז געשטאָרבען 86 יאָהר אַלט, אַלס פּענסיאָנער פֿון קעניג לואי־פֿיליפּ). ראָבעספּיער איז געווען דער שטאַרקסטער פֿערטרעטער פֿון דער נייער טעראָריסטישער ריכטונג. דאָס איז געווען אַ טרוקענער מענש, אַ סיסטע־

מאַטישער גייסט מיט אַ קליינעם האַריזאָנט, אַנ'אויפֿגעבלאָזענער פּעדאַנט, וואָס האָט געוואָלט צופּאַסען פֿראַנקרייך צו זיינע ענגע שמאָלע אידעען און וואָס האָט אויפֿריכטיג געהאַלטען זיין געגנער פֿאַר אַ פֿיינד פֿון דער מענשהייט. גאַהעגטער ווי אַלע איז איהם געווען איינער אַ ס ע נ ־ ז ש י ו ס ט, וואָס האָט געוואָלט מאַכען פֿון פֿראַנקרייך אַ מין ספּאַרטאַ (ז. ט. 1) און אַ מין מלוכה לויט רוסאָ'ס גייסט (ז. ט. 5). דער פּראַקטישער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פֿון טעראָר איז געווען בילאָ־וואַרען. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבען מיט טעאָריעס, ער האָט פּראַקטיש בעגריפֿען די אייגענטימליכקייטען פֿון אַ רעוואָלוציאָנס־צייט און די פֿאָדערונגען פֿון אַ דיקטאַטאָר און ער האָט געאַרבייט פֿאַר'ן טעראָר, זיך נישט רעכענענדיג מיט קיין מאָראַלישע געפֿיהלען און מענשליכקייט.

פֿון „קאָמיטעט" וואָס ראַטעוועט דעם כּלל, איז געווען אָבהענגיג דער „קאָמיטעט פֿון דער זיכערקייט פֿון כּלל", וואָס האָט אָנגעפֿיהרט מיט דער מלוכה־פּאָליציי. אין פּראָווינץ און אין דער אַרמעע זענען געוואָרען פֿונאַנדערגעטיילט ד י ק אָ מ י ס אַ ר ע ן פֿון ק אָ נ ו ו ע נ ט, וואָס האָבען געהאַט כּמעט אַנ'אונבעגרענעצטע מאַכט אין די גרעניצען פֿון זייער פּראָווינץ. זיי האָבען אַכטונג געגעבען אויף איטליכען, ווי ער פֿיהרט זיך אויף, אָנגענומען מסירות און אַרעסטירט די פֿערדעכטיגע. די טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע האָט בעצויגען גאַנץ פֿראַנקרייך ווי אַ נעץ, די פֿערזענליכע פֿרייהייט ווי די פֿרייהייט פֿון צוזאַמענקונפֿטען איז מעהר נישט געווען אַ וואָרט אויפֿ'ן פּאַפּיר, אין דער אמת'ן איז ווידער געוואָרען אין פֿראַנקרייך איינגעפֿיהרט אַ צ ע נ ט ר אַ ל י ז י ר ט ע מאַכט, חאָטש די דאָזיגע מאַכט האָט זיך גענומען נישט פֿון „קעניג" נאָר פֿון „דער אויבערהערשאַפֿט פֿון פֿאָלק".

וואָס אָנבעלאַנגט די טעטיגקייט פֿון דער מאַכט, איז זי ערשטענס געגאַנגען דערויף צו ד ע ר ש ט י ק ע ן און צו האַלטען אין איין ש ר ע ק די פֿרייע מיינונג פֿון דער בעפֿעלקערונג. די מאָנטאַניאַרען האָבען דורכגעפֿיהרט אַ געזעץ, לויט וועלכען אַלע, וואָס האָבען געליטען פֿון דער רעוואָלוציע, זענען פּאָליטיש נישט כּשר און מען דאַרף זיי אַרעסטירען און משפּט'ען. אום צו פֿיהרען די פּאָליטישע פּראָצעסען האָט מען געגרינדעט אַ „רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל", וואָס האָט זיך נישט געדאַרפֿט האַלטען פֿאַר די געוועהנליכע רעכטס־כּללים. אום צו בעפֿריעדיגען די פּאַריזער אַרבייטער, האָט מען פֿעסטגעשטעלט ד ע ם מ אַ ק ס י מ ו ם פֿון די פּרייזען אויף פּראָדוקטען, און איטליכער פּרוב צו פֿערקויפֿען איבער'ן

מאַקסימום האָט זיך גערעכענט פאַר אַ מלוכה־פערברעכען. דער פּסק געגען די נישט פּאָ׳ימיש כשר׳ע און געגען די שולדיגע איז געווען שטענדיג דער אייגענער: מען פלעגט זיי אָבהאַקען דעם קאָפּ מיט אַ פערפאָלקאָמ־טער האַק, מיט דער גיליאָטינע. אַזאַ סוף האָבען געהאַט מאַריע אַנטואַנעטע, די זשיראָנדיסטען, און דער הערצאָג פון אָרלעאַן, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט געשטימט אין קאָנווענט געגען קעניג און וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין טיטעל. אָט אַזוי זענען אומגעקומען טויזענדער מענשען (דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל פלעגט אָנפאַנגס שיקען צום עשאַפאָט 30—40 מענשען אַ טאָג, נאָר זומער־צייט 1794 פלעגט ער שיקען מיט אַמאָל 200 און מעהר פעראורטיילטע מיט אַמאָל), וואָס מען האָט זיי צוזאַמען אַרעסטירט, ווייל זיי זענען געווען רייך, אָדער פון אַדעל, אָדער ווייל עמיצער אַ שונא האָט פון שנאה זיי פאַלש פער׳מסר׳ט. מאַנכע קאָמיסאַרען האָבען זיך נאָך בעקלאָגט, דאָס די גיל־יאָטינע אַרבייט צו לאַנגזאַם; אין ליאָן פלעגט מען די פעראורטיילטע צושמעטערען מיט באָמבעס, אין נאַנט פלעגט מען זיי דערטרינקען צו הונדערטער אויף אַמאָל.

נאָכ׳ן זיעג פון די מאָנטאַניאַרען איבער די זשיראָנדיסטען האָבען זיך אָבער אָנגעהויבען די שטרייטען צווישען די מאָנטאַניאַרען אונטער זיך. דער פּאַריזער שטאָדט־ראַט (די דומע) האָט זיך געהאַלטען שטאַרקער פאַר׳ן קאָנווענט, פלעגט איהם אַרויסגעבען זיינע בעפעהלען און פלעגט נישט האַרכען די בעשלוסען פון קאָנווענט. די מיטגליעדער פון ראַט האָבען נאָר געראַבעוועט צו נוצען פון דעם פּאַריזער המון, אויף וועלכען זיי האָבען זיך געשטיצט. זיי האָבען נישט נאָר געפאָדערט פון קאָנווענט, אַז מען זאָל רודפ׳ען ער חרמה די גייסטליכע, נאָר אַז מען זאָל אויך רודפ׳ען די קריסטען, וואָס ווילען נישט אַנערקענען זייער נייעם גאָט, „דעם גאָט פון פּשוט׳ען געזונדען מענשען־פערשטאַנד", וואָס לאַכט אָב פון אַלערליי קירבען מיט זייערע גאָטעס־דיענסטען. פון דער אַנדערער זייט האָט דאַנטאָן און זיינע אָנהענגער בעשולדיגט דעם קאָמיטעט פון די 12, אַז ער איז שוין צו בלוטגיעריג און אַז ער נעהמט שוין פאַר זיך צו די גאַנצע מאַכט פון דער מלוכה. און ווען סען־זשיוסט, מיט דער דעה אָבצושוואַכען דעם שטאָדט־ראַט, האָט פאָרגעשלאָגען צו פערטיילען דאָס נאַציאָנאַלע פערמעגען צווישען די פראַנצויזישע בירגער און, ווען דער קאָמיטעט האָט אַרעסטירט די פיהרער פון ראַט, האָט זיך די שטאָד־טישע בעפעלקערונג נישט אָנגענומען פאַר די שטאָדט־דומע. דאַנטאָן,

וואָס האָט זיך צופּיעל פֿערלאָזען אויף זיין פּאָפּולאַריטעט אין פֿאָלק, האָט אויך נישט געהאַט די נויטיגע שטיץ־קראַפֿט, און דער קאָמיטעט האָט איהם גיליאָטינירט אינאיינעם מיט די פֿיהרער פֿון שטאָדט־ראָט. ראָבעספּיער האָט אייגענטליך אויסגעראָטען אַלע זיינע געגנער. ער האָט בטל געמאַכט די אַלטע חראָנאָלאָגישע ערע (די ציטרעכנונג פֿון ישו הנוצרי אָן), און האָט אָנגעהויבען צו צעהלען די יאָהרען פֿון טאָג אָן, ווען ער האָט איינגעפֿיהרט אַ נייעם גאָטעס־דיענסט, דעם דיענסט „צו דעם העכסטען וועזען”, און אָן דער שפּיץ פֿון קאָנווענט האָט ער געמאַכט אַ יום־טוב לכבוד דער נייער ציטרעכענונג. איבריגענס, שוין פֿריהער האָט מען די קריסטליכע ציטרעכנונג פֿערביטען מיט דער רעפּובליקאַנישער. דאָס ערשטע יאָהר האָט זיך גערעכענט 1792. די אַלטע נעמען פֿון די מאָנאַטען האָט מען פֿערביטען מיט נייע, וואָס האָבען נישט בעטייט דעם געצענדיענערישען געטער־קולט, ווי למשל, מאַרס, אויגוסט, א. אַ. וו., נאָר די אייגענשאַפֿטען פֿון די יאָהרעס־צייטען, ווי למשל: וואַנטאָז (ווינדיג), פּלוביאָז (רעגענדיג), פּרוקטידאָר (פּרוכט־צייט) א. אַ. וו.), זיינע אַנזיכטען זענען געווען קלאָר: ער האָט געוואָלט ערציהען די נייע געזעלשאַפֿט, מיט דער הילף פֿון טעראָר, אין גייסט פֿון דער נייער ראַציאָנאַליסטישער אמונה און פֿון דער נייער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל. צוליעב דעם צוועק האָט ראָבעספּיער נאָך פֿערשטאַרקט דעם טעראָר. ער האָט געצוואונגען דעם קאָנווענט אָנצונעהמען אַ בעשלוס, לויט וועלכען דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל בעקומט נאָך ברייטערע פֿאָלמאַכטען, ווי פֿריהער, בנוגע צום פֿערמעגען און צום לעבען פֿון די בירגער. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, למשל, אַז דער טריבונאַל האָט דאָס רעכט צו אַרעסטירען און צו פֿער'משפּט'ען די מיטגליעדער פֿון קאָנווענט אָהן שום ערלויבניש פֿון קאָמיטעט און קאָנווענט. נאָר דאָס איז שוין געווען אויך צופּיעל אַפֿילו פֿאַר די טעראָריסטען און איבערגעהאַפּט די מאָס. דער קאָמיטעט צוזאַמען מיט'ן קאָנווענט האָבען דעריבער בעשלאָסען געהיים פּטור צו ווערען פֿון ראָבעספּיער'ען. ראָבעספּיער איז דאָס אָבער בייציטענס דערגאַנגען, און ער האָט זיך פֿעראייניגט מיט דעם שטאָדט־ראָט, וואָס האָט געהאַט אַלס מיטגליעדער לויטער זיינע אנהענגער. דאַמאַלס האָט דער קאָמיטעט און דער קאָנווענט איינגעזעהען, אַז דאָ געהט אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט, און אויף זייער בעפֿעהל האָט זיך די אַרמעע און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע אַריינגעריסען אין די שטאָדט־דומע און האָט מיט געוואַלט

אַרעסטירט ראָבעספיער'ען. אויף מאָרגען האָט מען איהם גיליאָטינירט אינ־איינעם מיט זיינע הויפּט־אַנהענגער (1794).

ווי שרעקליך דער טעראָר איז נישט געווען, גאָר ער האָט פּאָרט צענטראַליזירט די מאַכט פון פראַנקרייך אויף צו קעמפּפען מיט די אַלטע איגערע שונאים און מיט די שונאים פון אויסען. ביסלעכווייז איז שטאַרקער גע־וואָרען די דיסציפּלין אין דער אַרמעע. אַ דאַנק דעם נייעם סדר, האָט זיך געעפענט דער צוטריט אין מיליטער פאַר אַלע קלאַסען און שטאַנדען־איטליכער קאָפּראַל האָט געקענט איצט ווערען אַ גענעראַל, ווען ער האָט אַרויסגעוויזען מיליטערישע פעהיגקייטען. חוץ דעם זענען די העכערע און עהרליכערע מענשען, וואָס האָבען נישט געוואָלט אַנטייל נעהמען אין טעראָר, אַוועק אין אַרמעע אויף צו בעפרייען פראַנקרייך פון די אויסערע שונאים. אין די רעוואָלוציאָנערע אַרמעען האָט זיך גענומען אויסאַרבייטען אַ נייער אופן פון קריעגס־קונסט (סטראַטעגיע), וואָס האָט זיך אויסגע־לערנט צו קאָמאַנדירען מיט גרויסע אַרמעען און מאַכען האַסטיג די בעוועגונג פון אַזאַ גרויסער אַרמעע. נאָך אַן עקשנות'דיגער מלחמה האָט מען איינגעשטיקט די בונטען אין דער פּראָווינץ. בעזונדערש שווער איז געווען דער קאַמפּף אין וואַנדיי. ביי די גרענעצען האָבען אויך גע־האַט נצחונות די רעפּובליקאַנישע אַרמעען געגען די ענגלענדער, דייטשען איטעליאַנער און שפּאַניער. דערביי האָבען זיך אויסגעצייכענט די גענע־ראַלען האָש (אַ געוועזענער שטאַל־קנעכט) מאָראָ און פּישעגרי. דער לעצטער האָט איינגענומען האָלאַנד, געמאַכט פון דעם אַ רעפּובליק, וואָס האָט זיך פעראייניגט אין אַ בונד מיט פראַנקרייך. צוליעב דער צווייטער טיילונג פון פּוילען האָט פּרייסען באַלד געשלאָסען אַן אָבמאַך מיט פראַנק רייך, ווייל דער קריעג מיט די פראַנצויזען האָט אָבגעשוואַכט זיינע מזרח־גרענעצען.

דער אונטערגאַנג פון ראָבעספיער'ען און צוזאַמען מיט איהם פון טעראָר האָט נאָך מעהר געקרעפטיגט דעם נייעם דור, וואָס האָט שוין וועניגער גע'חלומט וועגען דער פאָלקס־הערשאַפט און וועגען אַ פאָלקס־מענער פּאָליטישער פרייהייט, ווי וועגען אַ שטאַרקען מיליטערישען פראַנק־רייך. די יונגע לייט פון די העכערע קלאַסען האָבען שוין אַרויסגעוויזען אָפען זייער שנאה געגען די סאַנקולאָטען, און מחנות יונגע לייט האָבען אויסגענוצט איטליכע געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אָן די סאַנקולאָטען.

אין די רעגירונגס־קרייזען איז אַריבער די מאַכט פון די מאָנטאַניאַרען צום „צענטר", און צו די „רעכטע", נאָך אַ קורצען בונט פון די אַלטע

טעראריסטען האט מען זיך אבגערעכענט מיט די לעצטע אנפיהרער פון טעראר. בילא־ווארען איז אויך פערשיקט געווארען. די זשיראנדיסטען האט מען ווידער אויפגענומען אין קאנווענט, און די פעראכטונג צום פריהערדיגען טעראר איז געשטיגען מיט איטליכען טאג. אט ביי די נייע בעדינגונגען איז אויסגעארבייט געווארען די קאנסטיטוציע פון „דריטען יאהר” (1794), וואס האט געדארפט ווערען דער פונדאמענט פון דעם נייעם סדר.

לויט דער נייער קאנסטיטוציע האט פראנקרייך בעקומען צוויי פאלאטעס, דעם ראט פון די עלטעסטע און דעם ראט פון די 500. די אויספיהרענדע מאכט איז געווען אינגאנצען אין די הענד פון 5 דירעקטארען און פון זייערע מיניסטארען. אויך די ארטיגע פערוואלטונג איז געענדערט געווארען. די געוועהלטע פראקוראָרען האט מען פערביטען מיט אזויגע, וואס דאס דירעקטאריום שטעלט אליין אן. די אנווענדונג פון דער נייער קאנסטיטוציע איז נישט לייכט אנגעקומען, און ביז צום יאהר 1799 זענען נאך נישט אויסגעראט געווארען די זיטען פון טעראר, וואו איין מאכט וויל רייטען אויף די אנדערע מאכט. אין 1797 האבען דריי דירעקטארען מיט געוואלט אויסגעשלאסען 55 דעפוטאטען, וואס זענען געווען געגען דער רעפובליק, דערפאר אבער מיט צוויי יאהר שפעטער האט שוין די פאלאטע געצוואונגען אוועקצוגעהן דריי דירעקטארען, וואס זענען געווען פאר איהר צו רעפובליקאניש. צו דער צייט פון דירעקטאריום האט צום ערשטען מאל צוגעצויגען אויף זיך די בליקען פון גאנץ פראנקרייך דער יונגער גענעראל נאפאלעאן באנאפארטע, אדאנק איהם איז דערשטיקט געווארען דער בונט פון די ראיאליסטען (געגנער פון דער רעפובליק, אנהענגער פון א קעניגליכער מאנארכיע).

נאפאלעאן איז געבוירען געווארען אין 1769 אין קארסיקא, אין דער פאמיליע פון א מיטעלען אדוואקאט. ער האט זיך ערצויגען אין א מיליטער־שולע, וואו ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע מאטעמאטישע פעהיגקייטען. ער האט געענדיגט די שולע אלס א ארטילעריע־אפיציער און צו דער רעוואלוציאנס־צייט האט ער אנגעהערט צו ראבעספיער'ס פארטיי.

אזא רעגירונג האט נישט געקענט צוציהען צו זיך די אכטונג פון לאנד. די געזעלשאפט איז געווארען מיעד, די זיטען זענען געפאלען און עס האט זיך גענומען פערשפרייטען א צינישע בעציהונג צו איטליכער כלל'שער טעטיגקייט, פאריז האט זיך נאכ'ן טעראר ארייגעלאזען אין

אלערליי פערגעניגענס אין תאוות. איטליבער האט געשטרעבט וואס גיכער אנצושטאפפען זיך מיט אלע מאטעריעלע גוטיגקייטען פון דער וועלט. דער איינציגער אידעאל, וואס איז איבערגעבליעבען, איז געווען א געוויסער *פאטריאטיזם*, און צוליעב די קריעגען איז געוואכסען די *ליידענשאפט* צו *מלחמות*, צו קאמפף און נצחון. דאס איז געווען די צייט, ווען א מיליטערישער טאלענט האט געהאט די גרעסטע אכטונג ביי דער בעפעלקערונג.

און א זיעגרייכען קריעג האט געמוזט דאמאלס פיהרען דאס רעפובליקאנישע פראנקרייך, ווייל ער האט געקענט אויסבעסערען די פינאנסען פון לאנד. צוויי מאל האט פראנקרייך אין צייט פון דער רעוואלוציע געמוזט אבשטעלען זיינע צאהלונגען. די אסיגנאציעס אין לאנד האבען אזוי פערלארען דעם ווערט, אז פאר א פאר שטיוועל האט מען געצאהלט 10 טויזענד פראנק אסיגנאציעס. פאר'ן דירעקטאריום איז געווען איינע פון די הויפט־איינקינפטען די *קאנטריבוציע*, וואס עס פלעגט איינמאהנען פון די בעזיעגטע לענדער: האלאנד, דייטשלאנד, איטאליען, און זי האט געדארפט פול מאכען די פוסטע פראנצויזישע רעגיערונגס־קאסע.

די הויפט־געשעהענישען פון דער צייט פון דירעקטאריום זענען פארגעקומען אין איטאליען. אין 1796 האט נאפאלעאן בעקומען פון דירעקטאריום די קאמאנדע איבער דער גרויסער, נאר שלעכט ארגאניזירטער איטאליענישער ארמעע. דאס האט ער בעקומען אלס לויהן דערפאר, וואס ער האט דערשטיקט דעם בונט פון די ראיאליסטען. נאפאלעאן האט ביי דער ארגאניזאציע פון דער דאזיגער ארמעע ארויסגעוויזען זיין גרויסען מיליטערישען טאלענט. נאפאלעאן האט מיט דער דאזיגער ארמעע בעזיעגט די עסטרייכער, און געצוואונגען דעם קעניג פון סארדיניען צו בעטען שלום. גאנץ לאמבארדיען און גענוא זענען געווארען פערוואנדעלט אין צוויי נייע רעפובליקען אונטער דער השגחה פון פראנקרייך. א דאנק די נצחונות אין איטאליען, איז פראנקרייך איבערגעבליעבען נאר איין אויסערער פיינד — *ענגלאנד*. אום אבצושוואכען ענגלאנד'ס קרעפטען, האט נאפאלעאן אויסגעארבייט א פלאן צו פערנעהמען *עגיפטען*, וואס צוליעב דעם זאל ענגלאנד פערליערען זיין האנדעל אין מיטעללענדישען ים, און אזוי ווי נאפאלעאנ'ס שטערן האט שוין אנגעהויבען צו לייכטען אין גאנץ פראנקרייך נאך די געניאלע נצחונות אין איטאליען, האט דאס דירעקטאריום, אום פטור צו ווערען פון א געפעהרליכען קאנקורענט, איהם געגעבען א שטארקע ארמעע אויף צו געהן קיין עגיפטען. חאטש נאפאלעאן האט

אַרויסגעוויזען מורא'דיגע גבורה: אין עגיפּטען—אָבער ער האָט געמוזט בייצייטענס אַוועק פון דאָרטען אָהן ממשות'דיגע רעזולטאַטען, ווייל זיינע עהרגייציגע פּלענער האָבען געפאָדערט, אַז ער זאָל זיין אין פּאַריז.

אונטערדעסען, צו דער צייט פון נאַפּאָלעאָנ'ס אָבוועזענהייט האָט זיך ווידער צופלאַקערט דער איירָאָפּעאישער קריעג געגען פראַנקרייך. דער עסטרייכ'ישער שלום איז בטל געוואָרען, ווייל די פראַנצויזען האָבען פערהאַפּט נייע עסטרייכ'ישע טעריטאָריען. אין דעם בונט פון די מלוכות האָט זיך אויך אַריינגעמישט רוסלאַנד. דער רוסישער גענעראַל סובאָראָוו (פון אַ שוועדישער משפחה, וואָס האָט זיך בעזעצט אין רוסלאַנד) האָט געגעבען די פראַנצויזען אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה, און ווען נישט די אונגעלומפּערטע אַרט פון די עסטרייכער, וואָס האָבען בטעות צושלאָגען די פערבינדעטע סובאָראָוו'ישע אַרמעע, וואָלטען די פראַנצויזען שטאַרק געליטען פון סובאָראָוו'ס גרויסען מיליטערישען טאַלענט. דער קייזער פּאַוועל אין רוסלאַנד האָט באַלד דערנאָך צוריסען זיין בונד מיט עסטרייך און האָט זאָגאַר געגומען זיך פריינדליכער בעציהען צו פראַנקרייך.

ענדע 1799 איז נאַפּאָלעאָן געקומען צוריק קיין פראַנקרייך. זייט דעם איטאַליענישען קריעג איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער מענש אין לאַנד. ביים אָנקומען האָט מען איהם געמאַכט אַ קבלת־פּנים, ווי וועןדער ערלעזער אַליין זאָל געווען געקומען, אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז נאָר ער איינער וועט קענען איינהאַלטען פראַנקרייכ'ס שונאים און וועט זיך נוקם זיין פאַר די מפּלות, וואָס האָבען אַזוי אָבגעשוואַכט די רעפּובליקאַנישע וואַפען.

דאס דירעקטאָריום און די פּאַלאַטעס האָבען נישט געהאַט קיין חן ביים פאָלק, און צו דער צייט האט מען איינגאַנצען פערלאָרען צו זידאס צוטרוי. נאַפּאָלעאָן באַנאַפּארטע האט געגעוי פערשטאַנען די לאַגע און ער האט זיך נישט לאַנג בעקלערט. דעם 10 טען נאָוועמבער 1799 האט ער פונאַנדערגעלאָזען די איבערשטע פּאַלאַטע און צוטריעבען מיט סאָלדאַטען די אונטערשטע. די דירעקטאָרען האבען זיך נישט אַריינגעמישט אין די דאזיגע געוואַלדטהאַט. ביינאַכט אין דעם אייגענעם טאָג זענען זיך צונויפגעקומען עטליכע דעפּוטאַטען, וואָס האָבען געוואוסט פון נאַפּאָלעאָנ'ס פּלענער, און האבען איהם און נאָך צוויי נישט־בעדייטענדע מענשען ערקלערט פאַר די קאָנסולען פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

דריטעם קאפיטעל.

נאפאלעאן.

די נייע קאנסטיטוציע. — די ביוראקראטיע. — די בירגערליכע רעפארמען. — דער קאנקארדאט. — די עמיגראנטען. — דער עסטרייכישער קריעג. — די אימפעריע. — די נאפאלעאנישע קריעגען. — די פראנצויזישע ארמעע.

די האסטיג צוזאמענגעשטעלטע נייע קאנסטיטוציע (1979) האט נאמינעל אנערקענט די רעפובליק. אבער אין דער אמת'ן האט פראנקרייך ווידער בעקומען א מאנארכישע פערוואלטונג. די געזעץ־פראיעקטען האט אויסגעארבייט א מלוכה־ראט, וואס פלעגט די פראיעקטען שיקען צו א טריבונאט, און מיט די אנמערקונגען פון די טריבונען פלעגען זיי אריין אין די געזעצגעבענדיגע פאלאטע, וואס האט זיי נישט געטארט בעראטען, נאר פשוט אבשטימען.

דער סענאט האט דערביי געהאט דאס רעכט בטל צו מאכען דעם בעשלוס פון פאלאטע, ווען ער איז סותר די קאנסטיטוציע. די מיטגליעדער פון סענאט און מלוכה־ראט פלעגען נישט ווערען געוועהלט נאר ווערען פשוט אנגעשטעלט פון די קאנסולען. דער טריבונאט, ווי די פאלאטע, פלעגען ווערען פון סענאט אויסגעקליבען לויט די וואהל־צעטלעך פון די ארטיגע און פראווינציעלע פערזאמלונגען פון די וועהלער. די הויפט־מאכט האט געהאט ביי דעם סדר דער מלוכה־ראט, וואס חוץ די אויסארבייטונג פון געזעצען האט ער אנגעפיהרט מיט די וויכטיגסטע פערוואלטונגס־אנגעלעגענהייטען. די מיטגליעדער פון מלוכה־ראט זענען בעשטאנען לויטער פון הויכע בעאמטע, וואס זענען געוועזען אינגאנצען אבהענגיג פון די קאנסולען. די דריי קאנסולען פלעגט מען אויסקלויבען אויף 10 יאהר, נאר די אנדערע צוויי האבען נישט געשפיעלט קיין ראליע, חוץ דעם ערשטען, וואס האט איבער זיי קאמאנדעוועט. אלע האבען אין פראנקרייך פערשטאנען, אז אין לאנד איז דא א הערשער, דער גענעראל באנאפארטע, און אז פון איהם איז אליין אבהענגיג, אויך דער לעצטער זכר פון דער פראנצויזישער רעפובליק. דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג האט שטארק סימפאטיזירט מיט'ן נייעם סדר. עס זענען געוועזען אויך געגנער סיי פון דער אלטער, פון פאר דער רעפובליקאנישער צייט, סיי פון דער צייט פון טעראר. אבער

די ערשטע זענען געווען גענוג אָנגעשראָקען, און די צווייטע האָבען נישט געהאַט קיין אָנהענגערשאַפט ביים פאָלק. נאַפּאָלעאָן איז אַזוי זיכער געווען אין זיין לאַגע, אַז ער האָט קיין מורא נישט געהאַט זיך צו ווענדען צו אַ פאָלקס־אָבשטימונג, וואָס זאָל בעשטעטיגען זיין מאַכט. צו דער פאָלקס־אָבשטימונג האָט מען צוגעצויגען אַלע בעמיטעלטע בירגער און מעהר ווי 3 מיליאָן שטימען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער נייער קאָנסטיטוציע, נאָר 1500 שטימען האָבען געשטימט דאַגעגען.

דער אַלטער סדר האָט אויסגעאַרבייט אַ שטאַרקע פערוואַלטונגס־צענטראַליזאַציע, וואָס איז געפיהרט געוואָרען דורך קעניגליכע בעאַמטע. די גרינדונגס־פערזאַמלונג האָט געפרובט אָבשאַפען דאָס דאָזיגע ביוראָקראַטישע פערוואַלטונגס־סיסטעם. דער מעראַר האָט ווידער בעפעסטיגט די ביוראָקראַטיע און דאָס דירעקטאָריום האָט געטהון דאָס אייגענע. דער ערשטער קאָנסול האָט דערום נאָך מעהר געקענט פערפעסטיגען די צענטראַליזאַציע, ווייל די בעפעלקערונג איז שוין מיעד געוואָרען פון דער גאַנצער אינערער פּאָליטיק און האָט רוהיג געוואָלט זיך נעהמען פאַר איהרע אייגענע עסקים. נאַפּאָלעאָן האָט דאָס ביוראָקראַטישע סיסטעם נאָך מעהר ענטוויקעלט און דאָס האָט בעקומען דעם פנים, וואָס האָט נאָך עד היום אין פראַנקרייך. דער הויפט־פערוואַלטער פון אַ גובערניע איז געווען דער פרעפעקט (גובערנאַטאָר), פון אַן אויעזד — דער אונטער־פרעפעקט (איספראַווניק), פון דער דאָרפישער אָדער שטאָדטישער געמיינדע — דער מער (אַ מין אוריאַדניק). די דאָזיגע בעאַמטע האָבען געאַרבייט צוזאַמען מיט אַ ראַט (סאָוויעט), וואָס האָט נאָר געהאַט צו בעראַטען די פאָרשלאַגען פון די בעאַמטע, נישט צו בעשליסען. די פרעפעקטען א. אַ. וו. פלעגען נישט ווערען אויסגעקליבען, נאָר אָנגעשטעלט פון דער צענטראַלער רעגיערונג. מיט הילף פון אַזאַ פערוואַלטונגס־אָרגאַניזאַציע פלעגען די בעפעהלען פון ערשטען קאָנסול און זיינע מיטהעלפער ווערען גיך און געהאָרזאַם אויסגעפיהרט אין גאַנץ פראַנקרייך. דער ווילען פון דער צענטראַלער מאַכט איז ווייטער געוואָרען דער איינציגער ווילען אין לאַנד. די בירגער זענען ווידער געוואָרען אונטערטאַנען, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פריוואַטע געשעפטען און וואָס פלעגען ווערען כלל־טהוער נאָר דאַמאָלס, ווען די רעגיערונג פלעגט זיי דערצו אויפפאָדערן. נאָר אַלעמענס אידעאַל איז געווען צו אָרגאַניזירען די בירגער, ווי אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע.

די בעאַמטע זענען געווען פֿאַר איהם די אָפֿיצירען, און די בירגער־די סאָלדאַטען אין ציווילע קליידער.

נאָך דער ערשטער קאָנסול האָט פֿערהאַפֿט די מאַכֿט נישט צוליעב דעם, אום צו זיצען רוהיג און צו געניסען איהר גוטינקייט. אין פּאָליטישער הינזיכֿט איז ער געווען אַ פֿיינד פֿון דער רעוואָלוציע, אָבער ער האָט אָנגענומען איהר פּראָגראַם אין סאָציאַלער הינזיכֿט. ער האָט פֿיינד געהאַט די פּאָליטישע פֿרייהייט, אָבער ער איז פֿאָרט געווען אַ קינד פֿון זיין צייט און ער האָט רעפֿאָרמירט דאָס אינערע לעבען פֿון לאַנד אויף פֿערנינפֿטיגערע און איינפֿאַכֿערע יסודות. ער האָט שנעל געבראַכֿט די פֿינאַנסען פֿון לאַנד אין אַ בעסערע אָרדנונג. ער האָט איינגעפֿיהרט פֿאַר אַלעמען דעם אָבגאָב פֿון די איינקונפֿטען (25% פֿון איינקונפֿט). ער האָט דורכגעפֿיהרט ביז צו ענדע די יורידישע רעפֿאָרמען, וואָס האָבען זיך נאָך אָנגעהויבען צו דער צייט פֿון דער גרינדונגס־פֿערזאַמלונג. דער אונטערגאַנג פֿון דעם אַלטען סדר האָט געפֿאָדערט נייע געזעצען, האָט געפֿאָדערט, אַז די רעכֿטס־וויסענשאַפֿט זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די נייע אָרדנונגען. און צו נאַפּאָלעאָנ׳ס צייט איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ קלאָר יורידיש סיסטעם, וואָס האָט זיך געגרינדעט אויפֿ׳ן רוימישען רעכֿט, נאָר וואָס איז געוואָרען איבערגעאַרבייט אין גייסט פֿון דער נייער צייט. אין דעם דאָזיגען „נאַפּאָלעאָנישען קאָדעקס“ איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען דאָס בירגערליכֿע (ציווילע) רעכֿט, וואָס איז געבויט אויף צוויי פּרינציפּען: ערשטענס, אַז אַלע בירגער זענען גלייך פֿאַר׳ן געזעץ, און צווייטענס, אַז אין אַלע רעכֿטס־סכסוכים שפּיעלט די הויפּטראָלע דער ווילען פֿון דער איינצעלנער פּערזאָן. נאָך דעם קאָדעקס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען דער קרימינעלער קאָדעקס און די אַרט פֿון דער פּראָצעס־פֿיהרונג ביי קאָמערציעלע און ציווילע פּראָצעסען. די דאָזיגע גרויסע אַרבייט האָט רעכֿטליך פֿערפֿעסטיגט די נצחונות פֿון דער רעוואָלוציע אין פּשוט׳ן בירגערליכֿען לעבען. אויף דעם דאָזיגען קאָדעקס האָבען אַפֿילו געאַרבייט די גרעסטע ספּעציאַליסטען, אָבער נאַפּאָלעאָן האָט אויך גענומען אין איהם אַ גרויסען טעאָרעטישען און פּראַקטישען אַנטייל.

נאַפּאָלעאָן האָט אויך אַ סך אויפֿגעטהון פֿאַר דער פֿאָלקס־בילדונג אין גייסט פֿון דער נייער צייט. די שולע איז בעפֿרייט געוואָרען פֿון דער קירכֿע. די נידעריגע שולען זענען אַרונטער אונטער דער השגחה פֿון דער רעגירונג. די מאַטעריעלע אויסהאַלטונג פֿון די שולען איז געלעגען אויף דער געמיינדע, די העכֿערע שולען אָבער האָט אויסגע-

האלטען די רעגיערונגס-קאסע און איז געשטאנען אונטער איהר אונמיטעלבארער קאנטראלע. אלע אוניווערזיטעטען צוזאמען האבען זיך פעראייניגט אין א קארפאראציע פון פראפעסארען און לעהרער פון אלע רעגיערונגס-שולען.

נאר אין איין זאך האט נאפאלעאן נישט געקענט דורכפיהרען די ראדיקאלע אידעען פון זיין צייט אין בירגערליכען לעבען. ער איז געצווינגען געווען מודה צו זיין, אז די רעליגיעזע איבערצייגונגען האבען א זעלבסט-שטענדיגע קראפט. ער אליין איז נישט געווען רעליגיעז, נאר ער האט איינגעזעהען, אז די רעליגיעזע איבערצייגונגען שפּיעלען א גרויסע ראלע אין דער מלוכה, און ער האט אויסגענוצט די רעליגיעזע שטימונג פון לאנד אויף צו פערשטארקען זיין מאכט. ער האט זיך נישט אבגעזאגט פון דער גלויבענס-טאלעראנץ. אלע אמונות האבען געקענט האבען זייער פרייען גאטעס-דיענסט, אבער די קאטוילישע אמונה האט ער אנערקענט פאר די העכסטע רעליגיעזע מלוכה-אנשטאלט אין פראנקרייך, און ער האט זיך געסטארעט אנצופאסען די קאטוילישע ארגאניזאציע צו די פאדערונגען פון דער מלוכה. אין 1802 האט ער געשלאסען מיט'ן פויפסט א קאנקארדאט (אנ'אבמאך), לויט וועלכען די קאטוילישע קירכע בעקומט מאטעריעלע שטיצע פון דער רעגיערונג דערפאר, וואס זי וועט זיך פארמעל אבזאגען פון די גיטער, וואס מען האט ביי איהר צוגענומען צו דער רעוואלוציאנס-צייט. די עפארכיעס ווערען איינגעטיילט לויט דער איינשטימונג פון דער רעגיערונג און פויפסט. די רעגיערונג שטעלט אן די עפיסקאפען, און דער פויפסט גיט דערצו זיין בעשטעטיגונג. דער קאנקארדאט האט געמאכט א סוף צו די רדיפות אויף דער קירכע און דאס קריסטענטום, וואס האבען זיך אנגעהויבען זייט דער גרינדונגס-פערזאמלונג און וואס האבען אויך אין א געוויסען זין פערלייכטערט דעם וועג צו דער גוואלטאט פון 10-טען נאוועמבער 1799.

נאפאלעאן האט געשטרעבט וואס גיכער צו ברענגען דאס אינערע פראנקרייך אין א צושטאנד פון שלום. דער ערשטער קאנסול האט אויפגעהערט די רדיפות געגען די עמיגראנטען, און כאטש ער האט זיי נישט צוריקגעגעבען זייערע קאנפיסקירטע גיטער, האט ער זיי אבער ערלויבט זיך צוריקקעהרען קיין פראנקרייך. א סך עמיגראנטען האבען בענוצט די דאזיגע ערלויבניש, מיט דער האפנונג צו ווערען ווידער דערהויבען. און טאקי די ברייטע טעטיגקייט פון דער נייער רעגיערונג, סיי אין מיליטערישער היגזיכט, סיי אין דעם בירגערליכען לעבען, האט פאר פיעלע

געעפענט דעם וועג צו א העכער בעאמטען־קאריערע און צו רייכקייט.

נאפאלעאן האט גיך ווידער דערהויבען די פראנצויזישע וואפען אין די אויגען פון גאנץ אייראפא. ער האט צוקלאפט די ארמעען פון עסטרייך. דער עסטרייכישער אימפעראטאר האט געמוזט בעטען ביי איהם שלום. דער לינקער ברעג פון רהיין איז ענדגילטיג אריבער צו פראנקרייך און עס איז בטל געווארען דער אלטער טיטעל פון גערמאניען, וואס האט זיך גערופען „די היילינע רוימישע אימפעריע פון גערמאנישער נאציאן“ זייט קארל דעם גרויסען׳ס צייטען, ווארום א טייל איטאליען איז ווידער אריבער אין רשות פון די פראנצויזען, וואס האבען דאס פערלארען אין דער שלאכט מיט סובאראוו׳ען. די מלחמות מיט די דייטשען האבען געמאכט א גאנצע פאליטישע איבערקעהרעניש אין דייטשלאנד. די קליינע פירשטענטימער זענען פערשלונגען געווארען פון די גרעסערע. די בעזיצונגען פון די גייסטליכע זענען אריבער צו דער וועלטליכער מאכט. דער אימפעראטאר אין עסטרייך פראנץ האט זיך אבגעזאגט פון די אלטע פרעטענזיעס, אויף איטאליען און האט זיך איצט טיטולירט מיט׳ן טיטעל „אימפעראטאר פון עסטרייך“. כמעט אין דער אייגענער צייט, אין 1804, האט נאפאלעאן, וואס האט אין 1802 גערייסען, אז מען זאל איהם בעשטעטיגען פאר א לעבענסלענגליכען קאנסול, אנגענומען דעם טיטעל, וואס האט געפאסט פאר זיין נייער לאגע דער סענאט האט איהם ערקלערט פאר׳ן פראנצויזישען אימפעראטאר. די פאלקס־אבשטימונג האט געגעבען 3½ מיליאנען שטימען פאר׳ן אימפעראטאר. דער פויפסט איז פערזענליך געקומען קיין פאריז צו קרוינען דעם נייעם קייזער מיט׳ן נאמען נאפאלעאן דער ערשטער. שפעטער האט ער אבגעשאפט דעם טריבונאט, וואס איז איהם נישט געפעלען, צוליעב זיין צו אפענער קריטיק. דער סענאט און די פאלאטע זענען געבליעבען, ווייל זיי האבען איהם נישט געשטערט; דער הויפט־ארגאן איז געבליעבען דער מלוכה־ראט. א נייעס איז געווען איצט דאס אין פראנקרייך, וואס נאפאלעאן האט ווידער איינגעפיהרט א קייזערליכען הויף מיט א רייהע קייזערליכע שטעלען און מיט א סוויטע פון א נייער אריסטאקראטיע. עס איז בעשאפען געווארען א נייער ארדען, דער ארדען פון עהרענלעגיאן, אויף צו בעלוינען פאר אויסצייכנונגען אין קריעג, אין ציווילען שטאנד, אין וויסענשאפט, ליטעראטור און טעכניק. די גרעסערע טאלענטפולערע לייט אין דער ארמעע און אין דער אדמיניסטראציע האבען בעקומען די טיטעלן באראן, גראף, הערצאג, פירשט; אין דער ארמעע איז

ווידער אַריינגעדרונגען דער טיטעל פֿון אַ פֿעלדמאַרשאַל. דער אימפּעראַטאָר האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלד אויף בעלויהנונגען, און די לעבעדיגע טעטיגקייט אין אַרמעע און אין דער פֿערוואַלטונג האָט געגעבען די מעגליכקייט טאַלאַנטירטע מענשען גיך אַרויסצווייזען זייערע טאַלענטען און צו בעקומען כבוד און רייכטום. גאָר די הויכע לייט, וואָס האָבען זיך דערדיענט צו טיטעלען, זענען נישט געווען קיין אַריסטאָקראַטען. די דאָזיגע לייט האָבען געקענט זיך ריהמען מיט זייערע פֿעהיגקייטען, אָבער נישט מיט זייער יחוס און זייער זעלבסטשטענדיגקייט. לויט'ן דאַמאָליגען שפּרוך „האָט איטליכער סאָלדאַט געטראָגען אין זיין ראַנעץ דעם פֿעלדמאַרשאַל־שטאָק”, אָבער דער מאַרשאַל איז פֿונדעסטוועגען אויף שטענדיג פֿערבליעבען דער סאָלדאַט פֿון אַמאָל.

איינשטילענדיג אייראָפּאַ, האָט זיך נאַפּאָלעאָן גענומען פֿאַר ענגלאַנד. זי אָס איז שטענדיג געווען דער שוואַרצער שטערן פֿון נאַפּאָלעאָנ'ען. ער האָט אין בולאָן צונויפגעזאַמעלט אַ גרויסע אַרמעע און האָט געוואָלט מיט איהר אַריבער קיין ענגלאַנד. אָבער ענגלאַנד האָט זיך פֿערבונדען אינאיינעם מיט עסטרייך און רוסלאַנד געגען פֿראַנקרייך. נאַפּאָלעאָן האָט דערום געמוזט אַ טייל פֿון זיין אַרמעע שיקען צום מזרח צו, און זיין פֿלאָט איז פֿון נעלסאָנ'ען צושלאָגען געוואָרען ביי טראַפֿאַלגאַר. די דאָזיגע שלאַכט האָט ענדגילטיג פֿערפֿעסטיגט די ים־מאַכט פֿון ענגלאַנד און האָט עס בעפֿרייט פֿון דער פֿראַנצויזישער סכנה אויפ'ן ים. נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערפֿאַר אָבגערעכענט מיט די פֿערבינדעטע אַרמעען, פֿערטריעבען די רוסען און צושלאָגען די עסטרייכער, און ווען צו די פֿערבינדעטע איז צוגעשטאַנען פּרייסען, האָט ער זיי געגעבען אַ געוואַלטיגע מפּלה ביי יענאַ.

נאַפּאָלעאָן איז אַריין מיט זיין אַרמעע אין בערלין, און דער פּרייסישער קעניג האָט געמוזט אַנטלויפֿען צו דער רוסישער אַרמעע. דער שלום פֿון טילזיט צווישען נאַפּאָלעאָנ'ען און אַלעקסאַנדער דעם ערשטען האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם דאָזיגען קריעג. מעהר פֿאַר אַלעמען האָט זיך נוקם געווען נאַפּאָלעאָן אָן פּרייסען, רוסלאַנד און פּרייסען האָט ער געצוואונגען ווידער הערצושטעלען אַ וואַרשויער הערצאָגטום פֿון די פּוילישע ערד, וואָס פּרייסען האָט בעקומען ביי דער צווייטער און דריטער טיילונג. מיט'ן רוסישען צאַר האָט דאַמאָלס נאַפּאָלעאָן געוואָלט אַריין אין אַ נאָהענטען בונד. ער האָט זאָגאַר געפּלאַנעוועט צו כערנעהמען פֿאַר זיך מיט רוסלאַנד גאַנץ אייראָפּאַ און צו

קעניגען צוזאַמען איבער אייראָפּאַ, ווי אַמאָל די מזרח־ און די מערב־אימפּעריע. אין 1809 האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ מלחמה פֿון עסטרייך געגען נאַפּאָלעאָן׳ען, אָבער די עסטרייכער זענען ווידער צוקלאַפּט געוואָרען, און פֿראַנץ האָט געמוזט וואָס גיכער שליסען שלום. דער דאָזיגער שלום איז געווען דאַמאָלס פֿערבונדען מיט׳ן אָבגט׳ען פֿון זיין ערשטער פֿרוי און מיט זיין הייראַט מיט מאַריע לואיזע, די טאָכטער פֿון עסטרייכישען אימפּעראַטאָר.

די פֿראַנצויזישע אַרמעע האָט בעקומען אַ שם אין דער גאַנצער וועלט. פֿון צעזאַר׳ס צייטען אָן זענען נישט געווען אין דער געשיכטע אַזוינע נצחונות, ווי די פֿון נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמעען. אין די צוזאַמענשטויסען מיט די אָבגעלעבטע מלוכות אין אייראָפּאַ האָט פֿראַנקרייך אַרויסגעוויזען אַ נייעם גייסט, דעם גייסט פֿון אַן׳אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטיע. לויט דער צונויפֿשטעלונג האָט זיך די פֿראַנצויזישע אַרמעע שטאַרק אונטערשיידט פֿון די אייראָפּעאישע, אין וועלכע עס האָט געהערשט דער אַלטער אָבגעלעבטער אַריסטאָקראַטישער גייסט. די אייראָפּעאישע אַרמעען זענען בעשטאַנען פֿון לייב־אייגענע, פֿון אויסוואורפֿען, וואָס האָבען נישט געטויגט פֿאַר׳ן בירגערליכען לעבען פֿון אויסלענדער, איבער וועלכע עס האָבען קאָמאַנדירט אויסשליסליך אָפֿיציערען פֿון איידעלען אָבשטאַם; די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע, פֿערקעהרט, האָט צונויפֿגעזאַמעלט פֿאַר די אַרמעע די בעסטע קרעפֿטען פֿון פֿאָלק און האָט אויפֿגעעפֿענט ברייט אַ וועג פֿאַר איטליכען מענשען פֿון פּראָסטען פֿאָלק, וועלכער האָט געהאַט די פֿעהיגקייטען צו זיין אַ קאָמאַנדיר. די קינדער פֿון שענקער, קרעמער, לאַקעען זענען געוואָרען מיט דער צייט פֿעלדמאַרשאַלען, הערצאָגען און אַמאָל אַפֿילו קעניגען. למשל, מיוראַט, אַ זוהן פֿון אַ שענקער, איז געוואָרען דער קעניג פֿון נעאַפּאָל, בערנאַבאָט, אַ זוהן פֿון אַ פּראָווינציעלען אַדוואָקאַט, איז געוואָרען דערנאָך קעניג פֿון שוועדען און דער ערשטער פֿון דער היינטיגער קעניגליכער שוועדישער דינאַסטיע, און ענדליך דער זוהן פֿון אַ געוועהנליכען קאָרסיקאַנער אַדוואָקאַט איז געוואָרען אימפּעראַטאָר און דער געוועלטיגער פֿון די קעניגען אין אייראָפּאַ. די פֿעהלערען פֿון די ערשטע רעפּובליקאַנישע אַרמעען זענען שפּעטער פֿערשוואונדען געוואָרען, דערפֿאַר איז איבערגעבליבען ביי דער אַרמעע די אַלטע בעגייסטערונג. די הויפּט־מעלה פֿון דער אַרמעע איז בעשטאַנען דערין צו קענען קאָמאַנדירען מיט גרויסע מאַסען אויף אַמאָל, נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ גאון אין דער דאָזיגער

קריעגס־קונסט. קיינער האט נישט פערשטאנען אזוי ווי ער צו קאמאנדירען מיט גרויסע ארמעען אויף אמאל און ווי צו קענען אזוי קונציג אויסנוצען, ווען מען האט געדארפט געבען דעם ענדגילטיגען טויט־קלאפ דעם געגנער.

פיערטעס קאפיטעל.

די לעצטע יאהרען פון נאפאלעאנ׳ס גדולה.

די ווירקונג אויף אייראפא. — די פרייסישע רעפארמען. — דער יאך פון דער אימפעריע. — דער קאמפף מיט׳ן פויפסט. — די שפאנישע מלחמה. — די בלאקאדע. — דער קריעג מיט רוסלאנד. — 1812. — די הונדערט טעג. — דער וויענער קאנגרעס.

די מלחמות פון 1805–9 האבען אינגאנצען אומגעענדערט די קארטע פון אייראפא. פראנקרייך איז ארויס פון זיינע נאטירליכע גרענעצען, וואס האבען זיך געדעכענט די אלפען און דער רהיין. חוץ בעלגיען האט פראנקרייך צוגענומען א טייל רהיין פון די דייטשען, סאוואיען, פיעמאנט, טאסקאנא און די פראווינצען פון פויפסט, האלאנד און די ים־ברעגען פון גערמאניען ביז צום טייך עלבע. אנשטאט די 83 גובערניעס, וואס פראנקרייך האט געהאט אין 1790, האט עס איצט בעקומען נייע 47. פון א שטיק איטאליען האט נאפאלעאן געמאכט א קעניגטום און אלס קעניג האט ער זיך פראקלאמירט. דרום־איטאליען איז אויך געווארען א נעאפאליטאנשע מלוכה מיט נאפאלעאנ׳ס ברודער אלס קעניג (דערנאך דער פעלדמארשאל מיוראט). די שווייץ איז געבליבען א רעפובליק, אונטערטעניג צו פראנקרייך. א טייל עסטרייך, די אילירישע פראווינצען האט פערוואלטעט דער מארשאל מארמאן. אין דייטשלאנד איז בעשאפען געווארען א וועסטפעלישע מלוכה, מיט נאפאלעאנס ברודער הערא׳נים אלס קעניג. די צאהל פון די דייטשע מלוכות האט זיך פערקלענערט. נאפאלעאן האט סימפאטיזירט מיט בייערן, ווירטעמבערג און זאקסען און האט דערהויבען די דאזיגע מלוכות צו קעניגטימער. חוץ דעם האט ער געגרינדעט א רהיינישען בונד, וואס האט איהם געדארפט שיצען געגען עסטרייך און פרייסען. אין מזרח־צו האט ער געהאט דאס ווארשויער הערצאגטום, וואס ער האט ווידער צונויפגעשטעלט פון דער

צעפּאַלענער פּוילישער מלוכה. די קרוין אויף דאָס הערצאָגטום האָט ער אָוועקגעגעבען דעם זאַקסישען קעניג. ענדליך האָבען די מאַרשאַלען בעקומען אַ בעפעהל צו פערנעהמען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. יאָזעף באָנאַפּאַרטע איז אַריבער פון זיין נעאַפּאָליטאַנישען טהראָנזעסעל אויפ'ן שפּאַנישען און אויף זיין אָרט האָט נאַפּאָלעאָן געמאַכט זיין מאַרשאַל מיוראַט פאַר'ן נעאַפּאָליטאַנישען קעניג. דאָס, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט זיך נישט געצערעמאָנעוועט מיט אייראָפּאַ, האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם דעמאָקראַטישען גייסט אין די אָבגעשטאַנענע מלוכות. וויבאַלד עס פלעגט ערגעץ וואו אַריין די פראַנצויזישע אַרמעע, פלעגט תיכף ומיד בטל ווערען די לייב־אייגענשאַפט, פלעגט איינגעפיהרט ווערען גלויבענס־טאָלעראַנץ, אָבגעשאַפט ווערען די פעאָדאַלע פּריווילעגיען, פערביטען ווערען די אָרטיגע פעראַלטערטע געזעצען מיט'ן „קאָדעקס נאַפּאָלעאָן" און ווערען איינגעפיהרט די פערוואַלטונגס־אָרדנונג פון דער פראַנצויזישער ביוראָקראַטיע. און אַזוינע ראַדיקאַלע ענדערונגען פלעגען פאָרקומען נישט נאָר אין די בעזיעגטע פּראָווינצען, זאָנדערען אויך אין די לענדער, וואָס זענען געבליבען אונאָבהענגיג דערווייל פון פראַנקרייך, ווי, למשל, בייערן.

אין פּרייסען, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אַזוי דערניעדערט, זענען אויך פאָרגעקומען איינגעאַרטיגע רעפאָרמען. אין די יאָהרען פון דער גרעסטער נאַציאָנאַלער חרפה האָבען זיך געפונען ביי די פּרייסען כחות, וואָס האָבען צוגעגרייט פּרייסען פאַר אַ בעסערען פּאָליטישען און בירגערליכען לעבען. צו דער צייט האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דער מיניסטער שטיין, וואָס האָט דורכגעפיהרט די אָבשאַפונג פון דער לייבאייגענשאַפט און פון די אַריסטאָקראַטישע פּריווילעגיען, חאָטש אין דער אַרמעע האָבען די אַריסטאָקראַטען בעקומען זייער אַלטען פּלאַץ. ער האָט אויך געטראַכט דורכצופיהרען אַ ברייטעס פּראָגראַם פון זעלבסטפערוואַלטונג, דאַמיט דאָס פאָלק זאָל זיך געוועהנען צו זעלבסטשטענדיגקייט און צו די אַלגעמיינע אינטערעסען פון לאַנד. נאַפּאָלעאָן, זעהענדיג, אַז פּרייסען הויבט אָן אויפצולעבען, האָט באַלד געפאָדערט, אַז שטיין זאָל ווערען אויס מיניסטער. זיין נאָכפאָלגער האַרדענבערג האָט פאָרטגעזעצט די אַרבייט פון שטיינ'ען, נאָר די רעפאָרמען פון זעלבסטפערוואַלטונג זענען נישט געגאַנגען ווייטער ביי איהם. ער האָט אָבגעשאַפט די צעכען און האָט געזעהען, אַז די בעפרייטע פויערן זאָלען ווענינסטענס בעקומען צוויי דריטעל פון דער ערד, וועלכע זיי האָבען בעזעסען אין דער צייט פון

ליבּ־איינגעשאַפּט. צוגלייך מיט שטיינ׳ען און האַרדענבערג׳ען האָט דער
קריעגס־מיניסטער שאַרנהאָרסט געזועהען צו שטאַרקען די פּרייסישע
ארמעע. ער האָט איינגעפיהרט אַנ׳אַלגעמיינע וועהרפּפליכט
און האָט געבילדעט אַ רעזערווע אַרמעע פון די, וואָס האָבען געענ־
דינט דיענען זייער צייט. אַלע די דאָזיגע רעפאָרמען זענען נישט געווען
קיין בלויזע פלענער פון דער מלוכה־פערוואַלטונג. זיי זענען געווען דאָס
רעזולטאַט פון די בעסטע נאַציאָנאַלע געפיהלען אין פּרייסען, וואָס
האָט נישט געקענט פערגעסען די נאַציאָנאַלע חרפּה, און וואָס האָט פער־
שטאַנען, אַז נאָר ביי געוויסע ברייטע רעפאָרמען קאָן דאָס לאַנד ווידער
קומען צו דער אַמאָליגער גלענצענדער צייט פון פריעדריך דעם גרויסען.

חאָטש די פראַנצויזישע אימפּעריע האָט איבעראַל איינגעפיהרט נוצ־
ליכע רעפאָרמען, אָבער די בעפעלקערונג האָט נישט געקענט זיין צופריע־
דען פון די פראַנצויזען, וואָס האָבען זיי הרוב געמאַכט דורכ׳ן קריעג,
וואָס האָבען זיי פעראָרעמט דורך די קאָנטריבוציעס און וואָס האָבען זיי
אויף איטליכען טריט געגעבען צו פיהלען זייער נאַציאָנאַלע ערנידערונג
און דעם מוטווילען פון דעם זיעגער. דער קעניג פון וועסטפאַלען, נאַפּאָ־
לעאָנ׳ס ברודער, האָט מיט פאָלגענדע ווערטער געשילדערט דעם מצב פון
גערמאַניען: „ווען עס וועט זיך אָנהויבען אַ קריעג, וועלען אַלע פּראָווינצען
אין דייטשלאַנד אָנהויבען זיך בונטעווען. חוץ דעם פראַנצויזישען יאָך איז
די אָרעמקייט גוואַלדיג גרויס, מען דאַרף מורא האָבען פאַר די פער־
צווייפלונג פון די פעלקער, וואָס האָבען גאָרנישט צו פערלירען, ווייל
מען האָט פון זיי אַלץ אַוועקגענומען". נאַפּאָלעאָן האָט אַלע די דאָזיגע
התראות נישט פערשטאַנען. ער איז געווען בעשענקט מיט אַ זעלטען
קרעפטיגען קלאָרען פערשטאַנד. זיין מוח האָט נישט אויפגעהערט קלאָר
און גאונ׳יש צו אַרבייטען אויך דאַמאָלס, ווען זיינע מיטהעלפער זענען
שוין מיעד געוואָרען, זיצענדיג מיט איהם צוזאַמען ביי דער אַרבייט. ער
האָט געקאָנט אַרבייטען 18 שעה נאָך דער רייהע אין מעת־לעת. ער
האָט שטענדיג געחאַפּט דעם הויפּט־פּונקט אין יעדער אַנגעלעגענהייט. ער
האָט פיינד געהאַט פוסטע פראַזען און האָט נישט ליעב געהאַט זיך אָב־
צוגעבען מיט נעבעלדיגע השגות. ער האָט וואונדערבאַר, קלאָר שטענדיג
געפיהלט די ווירקליכקייט, דאָס ממשות׳דיגע. אָבער דער דאָ־
זיגער זעלטענער מענש האָט געהאַט צוויי שוואַכע זייטען: ערשטענס, האָט
ער געהאַט אַ צו־שטאַרקע פאַנטאַזיע, וואָס פלעגט איהם אָפט פערפיהרען
פון גלייכען וועג; צווייטענס, האָט ער בשום אופן נישט געקענט פער־

שטעהן די קראַפט פֿון אידעאַלע שטרעבונגען. מענשען מיט אַזוינע שטרעבונגען האָט ער בעטראַכט פֿאַר בטלנים. ער האָט איבערגעלעבט די רעוואָלוציע, און ער האָט בשום אופן נישט געגלויבט, אַז מענשען האָבען זיך געקענט בעגייסטערען פֿאַר די פוסטע השגה פֿון „פֿרייהייט". „איהר האָט אַליין נישט פֿערשטאַנען, וואָס עס טרייבט אַייך", האָט ער אַמאָל געזאָגט איינעם אַ פֿריהערדיגען רעוואָלוציאָנער, „איהר זייט דאָך אַזוי ווי אַלע מענשען, און ביי מענשען איז נאָר דאָ איין אינטערעס — דער פּערזענליכער, דער עגאָאיסטישער". די בעריהמטע פֿרוי פֿון שטאַל, בעשרייבענדיג איהר איינדרוק וועגען נאַפּאָלעאָנ'ען, דערצעהלט: „אַ מענש איז פֿאַר איהם נישט מעהר ווי אַ פֿאַקט, ווי אַ מין קערפּער אין דער נאַטור, אָבער נישט עפּעס, וואָס איז צו איהם עהנליך. ער ווייסט נישט פֿון שנאה און פון ליעבע. פֿאַר איהם עקזיסטירט נישט קיינער, אויסער איהם. זיין קראַפֿט בעשטעהט דערין, וואָס ער האָט דעם בערעכענטעסטען עגאָאיזם. דאָס איז אַ געניאַלער שאַך־שפּיעלער, וואָס שפּיעלט מיט מענשען, אַנשטאָט הילצערנע פיגורען".

ער האָט אויך נישט פֿערשטאַנען, וואָס איז דאָס אַזוינס פּאַטריאָטיזם, אָדער דאָס רעליגיעזע געפֿיהל. אַלס דער גרעסטער בערעכענטער עגאָאיסט, וואָס איז אַמאָל געווען אויף דער וועלט, האָט ער בעגריפֿען די וועלט, אַלס אַ קאַמפּף פֿון איינעם געגען אַלעמען, און ער האָט זיך נישט געקענט בערוהיגען, כל־זמן ער האָט געזעהען נעבען זיך נאָך אַ צווייטע זעלבסטשטענדיגע קראַפֿט. נאַפּאָלעאָנ'ען האָט נאָר געקאָנט בעפֿריעדיגען אַ קרוין פֿון דער וועלטהערשאַפֿט.

איבריגענס, נאַפּאָלעאָן האָט געמוזט אָפֿט איינזעהן, אַז חוץ וואַפֿען זענען נאָך דאָ אַנדערע קרעפֿטען. אין זיין קאַמפּף מיט'ן פּויפּסט, ביי וועמען ער האָט צוגענומען אַלע פּראָווינצען און אַריינגעזעצט אַלס געפֿאַנגענעם אין פֿאָנטענעבלאָ, איז ער דאָך נישט אַרויס אַלס זיעגער, און עס איז איהם פֿאָרט נישט געלונגען צו מאַכען פֿון דער קאַטוילישער קירכע אין פֿראַנקרייך אַ מין דעפּאַרטאַמענט, ווי דעם דעפּאַרטאַמענט, למשל, פֿון פֿערשידענע אָבצאָהלען.

די אַרויסטרעטונג פֿון די בעליידיגטע נאַציאָנאַלע געפֿיהלען האָבען זיך אָנגעהויבען גראָד אין אַזוינע לענדער, וואָס, אַלס מיליטער־קראַפֿט, זענען זיי געווען פֿון די קלענסטע. אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, וואָס די פֿראַנצויזען האָבען שפּיעלענדיג זיי איינגענומען, האָט זיך אָנגעהויבען געגען זיי „דער קליינער קריעג" (גווערילאַ־קריעג) פֿון דער בעפֿעל־

קערונג גופא אויף איטליכען בארג און פעלז. די פראנצויזען איז אויס־
געקומען צו היטען מיט סאלדאטען יעדען פראנצויזישען וואגען, קעמפ־
פען געגען די אנפאלען אויף יעדער פאסט־סטאציע, וואס די פראנצויזען
האבען פערנומען, און וואו נאר א שטאדט האט געהאט ארום זיך א
בארג, א פעלזען־שפאלט, האט די שטאדט עקשנות'דיג געקעמפפט מיט די
זיעגער. און בעת די ענגלענדער האבען גענומען דעם „קליינעם קריעג"
שטיצען מיט עטליכע פון זייערע בעסטע דיוויזיעס, איז די לאגע פון די
פראנצויזען געווארען כמעט אונמעגליך אין שפאניען. נאפאלעאן איז
אפילו איינמאל אוועק קיין שפאניען צו בעקעמפפען דעם „קליינעם קריעג",
אבער אזא מין קליינליכע מלחמה איז נישט געווען לויט זיין גוסט, און ער
האט איבערגעלאזען דעם דאזיגען קריעג מיט דער בעפעלקערונג די מאר־
שאלען, וועלכע זענען צווישען זיך אליין אויך נישט געווען איינגאנ־
צען שלום, און די פראנצויזען האבען ענדליך געמוזט אויפגעבען דעם
קריעג געגען דער פירענעאישער האלב־אינזעל. דער מיאוס'ער סוף פון
קריעג האט נאפאלעאנ'ען אריינגעבראכט אין גרימצארן, בעזונדערס
געגען די ענגלענדער, וואס האבען איהם יא געריצט אויף דער יבשה
און וואס ער קאן צו זיי נישט צוקומען, אדאנק דעם ים, וואס מאכט
זייער לאנד אונבעזיגבאר. ער האט זיך אבער פארט אויסגעקלערט א
מיטעל, ווי צו קעמפפען מיט די ענגלענדער, און ער האט געפרובט
דורכפיהרען די בלאקאדע פון דער יבשה ארום ענגלאנד. ער
האט פערמאכט פאר ענגלישע שיפען אלע פארטען פון דער אייראפעאישער
יבשה, ער האט אויסדריקליך פערבאטען צו קויפען ענגלישע סחורות
און האט ערקלערט, אז יעדעס אייראפעאיש שיף, וואס וועט זיך אב־
שטעלען ביי אנ'ענגלישען פארט, וועט ווערען קאנפיסקירט. זיין ציעל איז
געווען חרוב צו מאכען דעם ענגלישען האנדעל, וואס עס
איז געווען דער קוואל פון דער ענגלישער רייכקייט. אבער אלע די
מיטלען האבען נישט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען. ערשטענס,
האט ענגלאנד גאר נישט אזוי שטארק געליטען אין האנדעל, ווי נאפא־
לעאן האט זיך דאס פארגעשטעלט, דען חוץ דעם, וואס ענגלאנד האט
בענוצט די ענטוויקלונג פון דער קאנטראבאנדע אויף ענגלישע סחורות
אין אייראפא, האט עס נאך אויסגענוצט דאס, וואס עס האט פערהאפט
א סך פראנצויזישע טעריטאריעס אין די קאלאניעס. צווייטענס, האט די
בלאקאדע געמאכט דאס לעבען און די לאגע פון האנדעל אין
אייראפא אונערטרעגליך. נאפאלעאן האט געזוכט מיט אלע

מיטלען דורכצופיהרען די בלאקאדע, צו דעם צוועק האט ער צוגענומען א שטיק ברעג פון צפון־ים, וואס האט געהערט דייטשלאנד, בעהעפט צו פראנקרייך האלאנד, אומעטום צושטעלט א גרענעצ־וואך אין אלע פארטען און האפענס, געדריקט די בעפעלקערונג מיט שטענדיגע הויז־זוכונגען און קאנפיסקאציעס. ענדליך האט ער שטענדיג געהאט טענות צו די אייראפעאישע מלוכות, וואס זיי שטיצען איהם נישט ווי געהעריג, און פערלאנגט אויך אפילו שטיצען פון אונאבהענגיגע מלוכות, ווי, למשל, פון רוסלאנד.

אזא פאליטיק האט געמוזט פריהער אדער שפעטער ארויסרופען אין אייראפא א ווידערשטאנד. אלעקסאנדער דער ערשטער האט זיך אין געוויסען זין בענוצט מיט דעם, וואס נאפאלעאן האט איהם צוגעזאגט זיך נישט צו מישען אין די מזרח־אנגעלעגענהייטען, און ער האט פערנומען פינלאנד און צוגענומען ביי די טערקען בעסאראביען. אבער זיינע בעציהונגען צו נאפאלעאנ׳ען זענען געווארען מיט יעדען טאג געשפאנטער. די בלאקאדע האט פון רוסלאנד צוגענומען דעם הויפט־מארק, וואו עס פערקויפט זיינע רויהע מאטעריאלען. בעל־הבית׳עווענדיג אין דייטשלאנד, האט נאפאלעאן אפט בעליידיגט אלעקסאנדער׳ס קרובות׳שאפטס־געפיהלען. צ. ב. ער האט צוגענומען פאר פראנקרייך אלדענבורג, וואו עס האט רעגירט א נאהענטער קרוב פון אלעקסאנדער׳ן. אבער הויפט־זעכליך האט רוסלאנד נישט געקענט צוזעהען, ווי עס וואקסט די מאכט פון נאפאלעאנ׳ען, ווי ער ווארפט זיך ארום מיט קעניגען, מלוכות און פעלקער, און דער פחד האט נאך געמוזט ווערען גרעסער דעריבער, וואס נאפאלעאן האט שטענדיג געסטראשעט רוסלאנד, אז ער האט בדעה ווידער הערצושטעלען די צופאלענע פוילישע מלוכה, און דאס, וואס ער טראגט זיך ארום זיכער מיט דעם געדאנק אנצופאלען מיט אמאל אויף רוסלאנד.

און ווירקליך, נאך א לענגערער פארברייטונג איז נאפאלעאן אוועק קיין רוסלאנד מיט זיין „גרויסער ארמעע”, אין יאהר 1812. אין צענטר פון דער דאזיגער „גרויסער נישט בעזיעגבארער ארמעע” אונטער דער קאמאנדע פון נאפאלעאנ׳ען אליין איז געגאנגען די הויפט־ארמעע, וואס איז בעשטאנען פון פראנצויזען, דייטשען, איטאליענער און פאליאקען. די ארמעע פון לינקען פליגעל, וואס איז געגאנגען אויף פעטערבורג, האבען געדארפט שטיצען די פרייסען; אויפ׳ן רעכטען פליגעל האט געדארפט ארבייטען אין קליין־רוסלאנד אנ׳עסטרייכישע דיוויזיע. אינגאנצען

זענען אַריבער די גרענעצען פון רוסלאַנד 600 טויזענד מאַן, נעגען וועלכע רוסלאַנד האָט געקענט סך־הכל אַרויסשטעלען אַן אַרמעע פון 200 טויזענד מאַן. נאַפּאָלעאָן האָט נישט געצווייפעלט דערום אין דעם באַלדיגען נצחון. נאַפּאָלעאָן האָט אָבער פערגעסען, אַז חוץ דער אַרמעע איז נאָך פאַרהאַן אַ פ אָ ל ק, מיט וועלכעס מען וועט מוזען קעמפּפען. נאַפּאָלעאָן איז גיך דערגאַנגען מיט זיין |אַרמעע ביז מאָסקוואַ. די איינציגע שווערע שלאַכט זיינע מיט די רוסען איז געווען אויפ'ן וועג צו מאָסקוואַ אין באָראָדינאָ, און ווען ער איז אַריין אין מאָסקוואַ, האָט ער שוין נישט געצווייפעלט, אַז דער קריעג מיט רוסלאַנד איז שוין יעצט געענדיגט, און עס בלייבט נאָר אָנצינעהמען די אָפיציעלע אונטערטעניגקייט פון די בעזיעגטע. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט געפונען די אַלטע הויפּט־שטאָדט פון מאָסקוואַ אַ לעדיגע, אָהן שום פּראָוויזיע פאַר זיינע אויסגעמאַטערטע אַרמעען. און אַקוראַט ווי די רוסען האָבען פערלאָזען די ערטער און אונטערגעצונדען די הייזער אויף דעם גאַנצען וועג ביז מאָסקוואַ, אַזוי האָבען זיי אויך מאָסקוואַ אונטערגעצונדען. און דער פיינדליכער אַרמעע איז נאָר נישט איבערגעבליעבען, ווי זיך וואָס גיכער אומצוקעהרען צו די גרענעצען. דער קאַלטער ווינטער, דאָס גרויסע לאַנד, דער גרויסער מרחק פון די גרענעצען, פון וואַנען עס האָט געקענט קומען פּראָוויזיע פאַר דער אַרמעע, האָט געצוואונגען נאַפּאָלעאָנ'ען וואָס גיכער צו פערלאָזען רוסלאַנד, וואָס האָט געקענט ווערען דער קבר פאַר זיין אַרמעע און איהם אַליין. אָבער ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעהויבען פּאַרזיכטיג אָבצוטרעטען, האָבען זיך איהם אויף יעדען טריט געשטעלט אַנטקעגען די רוסישע אַרמעען, וואָס האָבען שוין גוט געוואוסט, אַז זיי האָבען צו טהון מיט אַ פיינד, וואָס איז אָבגעשוואַכט פון אַ ווינטער, צו וועלכען ער איז גאָרנישט געווען געוואוינט, און פון הונגער, ווייל ער איז געווען אָהן פּראָוויזיע.

דאָס אָבטרעטען פון דער „גרויסער אַרמעע“ איז שוין געווען אַ מין ווילדע לויפעניש. ביי'ם טייך בערעזינאַ (ביי מינסק) איז די שלאַכט צווישען די רוסען און פראַנצויזען געווען די בלוטיגסטע פאַר דער גרויסער אַרמעע. דורך דעם רוסישען פייער זענען איינגעפאַלען די בריקען פון דער לויפענדער פראַנצויזישער אַרמעע, און טויזענדער פראַנצויזען זענען אומגעקומען אין וואַסער. קוים מיט צרות האָט זיך דערשלעפּט צו די גרענעצען אַ קליינער טייל פון דער גרויסער אַרמעע.

נאַפּאָלעאָן אָבער האָט נאָך דעם אונגליקליכען קריעג מיט רוסלאַנד זיך נישט מיאש געווען. ער האָט באַלד אין פראַנקרייך אָנגעהויבען פאָרמירען אַ נייע אַרמעע. פון 16 יאָהר אָן האָט מען אָנגענומען יונגע לייט אין דער אַרמעע. צוזאַמען מיט די דיוויזיעס, וואָס זענען געגאַנגען אויף פעטערבורג, מיט דער רעשט, וואָס איז געבליבען נאָך דער בערעזינאַ־שלאַכט, און מיט די גאַרניזאָנען, וואָס זענען געווען צושפּרייט איבער דייטשלאַנד, האָט נאַפּאָלעאָן ווידער בעקומען אַ מעכטיגע אַרמעע. נאָר די מפלה פון נאַפּאָלעאָנ׳ען אין רוסלאַנד האָט ווי אַ דונער איינגעשלאָגען אין די הערצער פון די אונטערטעניגע פעלקער, און זיי האָבען דערפיהלט, אַז איצט איז געקומען די ריכטיגע צייט זיך צו בעפרייען פון פראַנצויזישען יאָך. ווען די רוסישע אַרמעען האָבען זיך בעוויזען אין דייטשלאַנד, האָט מען זיי בעגריסט ווי די אמת׳ע רעטער. צוערשט האָט זיך פּרייסען אָבגעריסען פון פראַנקרייך, דערנאָך האָט שוועדען צוגעשיקט געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען אַנ׳אַרמעע. אָנפאַנגס האָבען די רוסישע און פּרייסישע גענעראַלען נישט געקענט ביישטעהען געגען דעם גענ׳אַלען געגנער, שפּעטער אָבער איז אויך עסטרייך צוגעטרעטען צו די פערבינדעטע אַרמעען. ביי דרעזדען האָט נאַפּאָלעאָן ווידער בעזיעגט די פעראייניגטע מלוכות, אָבער ביי לייפּציג האָט ער געמוזט אָבטרעטען. אין פלאַקער פון דער דאָזיגער שלאַכט (1813), וואָס עס האָט געדויערט דריי טעג, האָבען צוערשט די זאַכסישע סאָלדאַטען פערלאָזען נאַפּאָלעאָנ׳ען, און דערנאָך די בייערישע. נאַפּאָלעאָן האָט צום דריטען מאָל צונויפגעשטעלט אַ נייע אַרמעע; ער האָט בעוויזען אין די שלאַכטען געגען די פערבינדעטע פיינד מורא׳דיגע גבורות און גאונ׳ישע אייגפאַלען, נישט ווייניגער, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, אָבער די גרויסע פערבינדעטע אַרמעע, נישט קוקענדיג אויף פילע מפלות, איז לאַנגזאַם געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער אויף פּאַריז. איטליכער נצחון פון נאַפּאָלעאָנ׳ען האָט איהם געקאָסט אַלץ מעהר סאָלדאַטען, וואָס ער האָט שוין נישט געקאָנט בעקומען אַזוי לייכט נייע אויף זייער אָרט; די צו־יונגע סאָלדאַטען (מען האָט שוין גענומען אין חיל, ווי געזאָגט, יונגעלייט פון 16 יאָהר אָן) פלעגען מאַסענווייז אומקומען פון קראַנקהייטען און זענען נישט געווען בכח אויסצוהאַלטען דאָס שווערע סאָלדאַטענקריעגס־לעבען, און אין פראַנקרייך איז שוין נישט געווען דאָס פאָלק, וואָס זאָל קענען פיהרען געגען די פערבינדעטע מלוכות אַ פאָלקס־קריעג, ווי אין 1792—3, אָדער ווי עס האָבען געפיהרט דעם קריעג די שפּאַניער און די רוסען אין זייער פאָטערלאַנד. ווען די אַרמעען פון די פער־

בינדעטע מלוכות זענען אָנגעקומען אין פּאַריז (1814), האָט נאַפּאָלעאָן זיך געמוזט אונטערגעבען. נאַפּאָלעאָן האָט געמוזט זיך אָבזאָגען פון טהראָן. מען האָט איהם אַוועקגעגעבען אַ קליינע אינזעל עלבאַ ביים מערב־ברעג פון איטאַליען. פראַנקרייך האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון אַלע זיינע איינגענומענע לענדער און אָנגעהמען די גרעניצען, וואָס עס האָט געהאַט אין יאָהר 1792, ד. ה. אַז פראַנקרייך האָט זיך נישט געדאַרפט אָבזאָגען פון די טעריטאָריעס, וואָס עס האָט בעקומען צו דער צייט פון די ערשטע מלחמות פון דער רעפּובליק. באַלד, ווי נאַפּאָלעאָן איז אַוועק אין זיין נייע מלוכה'לע, האָט זיך אומגעקעהרט אין פּאַריז לודוויג דער 18־טער (דער ברודער פון לודוויג דעם 16־טען; דער 17־טער איז גע־שטאָרבען אין געפענגעניש אין דער צייט פון דער רעפּובליק), וועלכער איז אָנערקענט געוואָרען פון פראַנקרייך און אייראָפּאַ אַלס פראַנצויזישער קעניג.

לודוויג דער 18־טער האָט צוערשט גאָרנישט אומגעביטען אין פראַנק־רייך, שפּעטער אָבער האָבען די אַמאָליגע עמיגראַנטען אָנגעהויבען צו ווירקען אויף איהם, אַז ער זאָל אָבגעבען די אַריסטאָקראַטען און די גייסטליכע זייערע אַמאָליגע קאָנפיסקירטע ערד. די דאָזיגע פּרעטענזיעס פון די ראַטגעבער פון קעניג האָבען שטאַרק אויפגערודערט דאָס פראַנצויזי־שע פאָלק, און נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערמיט באַלד אויסגענוצט. דעם 1־טען מערץ 1815 האָט זיך נאַפּאָלעאָן פּלוצלינג בעוויזען אין דרום־פראַנקרייך. ער איז באַלד אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט מתנות בעגייסטערטע אָנהענ־גער, וועלכע האָבען נאָך נישט פערגעסען די גרויסע העלדענטאַטען פון זיין אימפּעריע. דער מאַרשאַל ניי, וואָס האָט געדאַרפט געהען מיט זיין אַרמעע געגען אימפּעראַטאָר, האָט זיך פעראייניגט מיט איהם, און נאַפּאָלעאָן איז ווידער אַריין אין פּאַריז, אונטער אַ בעגייסטערטען „הוראַ" פון דער בעפעלקערונג. לודוויג דער 18־טער האָט זיך, פערשטעהט זיך, באַלד אָבגעטראָגען, און נישט וואַרטענדיג, ביז די פערבינדעטע אַרמעען וועלען קומען צו איהם, נאַפּאָלעאָנ'ען, האָט ער זיי גענומען איינציגנווייז צו צושלאָ־גען. ביי וואַטערלאָ אָבער האָבען די ענגלענדער און די פּרייסען געהאַט איבער איהם אַ נצחון, און דאָס איז שוין געווען די לעצטע מפּלה פון נאַפּאָלעאָנ'ען. נאָך דער מפּלה האָט מען איהם שוין נישט געלאָזען זיין אין עלבאַ, און מען האָט איהם פערשיקט אויף אַ ווייטער אינזעל סענט־העלענע, וואו די ענגלענדער האָבען איהם בעוואַכט אין זיין פּאַלאַץ ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען. ער איז דאָרטען געשטאָרבען אין

1821, — 52 יאָהר אַלט, פֿון אַ מאַגען־קרעבס. די טעג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט ווידער גענומען די מאַכט אין די הענד, דערנאָך ווי ער האָט פֿער־לאָזען די אינזעל עלבאַ, ביז צו זיין לעצטער מפּלה, הייסען אין דער גע־שיכטע „די הונדערט טעג״.

שוין אין 1814, דערנאָך ווי מען האָט געצוואונגען נאַפּאָלעאָנ׳ען זיך אָבצוזאָגען פֿון טהראָן, האָבען זיך אָנגעהויבען די בעראַטונגען פֿון די קעניגען מיט זייערע דיפּלאָמאַטען מכח די גרענעצען פֿון איטליכער מלוכה אין אייראָפּאַ. באַלד האָבען זיך אַרויסגעוויזען די פֿערשיעדענע אינטערעסען צווישען רוסלאַנד און פּרייסען פֿון איין זייט, און ענגלאַנד, עסטרייך און פֿראַנקרייך פֿון דער אַנדערער. „די הונדערט טעג״ האָבען אָבער אַזוי איבערגעשראָקען אַלעמען, אַז מען איז גיך פֿאַרטיג געוואָרען צווישען זיך. רוסלאַנד האָט בעקומען דעם גרעסטען טייל פֿון וואַרשויער הערצאָגטום. פּרייסען האָט צוריקבעקומען די פּוילישע ערד, שוועדיש־פּאָמערן און די פֿריהערדיגע בּרענגען ביים רהיין ביז קאָבלענץ. עסטרייך האָט צוריקבעקו־מען טיראָל און אויסערדעם זיך אַוועקגעשטעלט אָן דער שפּיץ פֿון גערמאַנישען בונד. די אונטערהאַנדלונגען זענען געווען געפֿיהרט אין וויען, אונטער׳ן נאָמען „דער וויענער קאָנגרעס״. דער גער־מאַנישער בונד איז בעשטאַנען פֿון 38 מלוכות. וועלכע פֿלעגען שיקען זייערע פֿערטרעטער אין בונדעסראַט, וואָס איז געזעסען אין פֿראַנקפֿורט אַם מאַין. האָלאַנד און בעלגיען זענען געוואָרען פֿעראייניגט אין איין מלוכה. די שווייצערישע רעפּובליק איז ערקלערט געוואָרען אַלס נייטראַלע מלוכה, וואָס שטעהט אונטער׳ן שוץ פֿון אייראָפּאַ. אין איטאַליען האָט עסטרייך בעקומען לאָמבּאַרדיען און די ווענעדיגער פּראָווינץ, און די קעניגען פֿון סאַרדיניען און פֿון די ביידע סיציליענס האָבען צוריק בעקומען זייערע אַלטע רעכטען, צוגלייך מיט דעם רוימישען פּויפּסט. פּאָרטוגאַל און שפּאַניען האָבען אויך צוריקבעקומען זייערע טעריטאָריען, און ענגלאַנד האָט בעקומען פֿון זיינע ערבּעראָבערונגען די אינזעלען מאַלטאַ, סענט־מאָריציוס און עטליכע אַנטילער אינזעלן, וואָס זיי האָבען צוגענומען ביי די פֿראַנצויזען, ווי אויך די אינזעל צייִלאָן און „דעם שפּיץ פֿון דער גוטער האָפֿנונג״, וואָס זיי האָבען צוגענומען פֿריהער ביי האָלאַנד. אין יאָהר 1815, ביים צווייטען פּאַריזער שלום, נאָך נאַפּאָלעאָנ׳ס לעצטער מפּלה, איז נישט פֿאַר־געקומען קיין שום שנויים, חוץ דעם, וואָס מען האָט ערקלערט איצט פֿאַר די גרענעצען פֿון פֿראַנקרייך נישט די, וואָס פֿון יאָהר 1792, נאָר וועלכע פֿראַנקרייך האָט געהאַט אין יאָהר 1789, פֿאַר דער רעוואָלוציע.

ד. ה. פראַנקרייך האָט פֿערלאָרען עטליכע פּראָווינצען פֿון עלזאַס און פֿו'
סאַוואָיען ; אַוויניאָן איז געבליעבען בײַ פֿראַנקרייך, האָטש די שטאָדט
אין בעהעפֿט געוואָרען צו די פֿראַנצויזישע גרענעצען ערשט נאָך 1789
ג.ג. איבען.

צווייטער אבשניט.

דער נייצעהנטער יאהרהונדערט.

ערשטעם קאפיטעל.

די רעאקציע און דער ליבעראליזם.

דער איינפלוס פון דער רעוואלוציע אין דער אימפעריע. — דער הייליגער בונד. — גערמאניען. — אמעריקא און דרום־מערב אייראפא. — די קאנגרעסען. — טערקיי. — דער גריכישער בונט. — די אריינמישונג פון אייראפא. — רוסלאנד און די טערקיי. — די ווידערהערשטעלונג אין פראנקרייך פון אלטען סדר. — די יולי־רעוואלוציע.

דער וויענער קאנגרעס פון די מלוכות האט פונדעסטוועגען נישט געקענט אבלייקענען דאס, וואס עס איז פארגעקומען פון 1789 אן. די אייראפעאישע קארטע איז פערענדערט געווארען, בנוגע צו די גרענעצען פון געוויסע מלוכות, אויך האט זיך געענדערט דער אינעוועניגסטער פאליטישער סדר פון מאנכע מלוכות, וואו עס איז שוין דורכגעפיהרט געווארען די פראנצויזען די פרינציפען פון דער רעוואלוציע אין פראנקרייך און פון דער נאפאלעאנישער אימפעריע. לודוויג דער אכצעהנטער האט פראנקרייך ארויסגעגעבען א הארטיע (א קעניגליכען כתב), וואו עס זענען גאראנטירט געווארען די פערזענליכע פרייהייטען און די צוויי געזעצגעבענדע פאלאטעס. אלעקסאנדער דער ערשטער האט אין דער פוילישער מלוכה בעשטעטיגט א נ'אוסטאוו, וואס האט זיך גערעכענט מיט דער פוילישער ברייטער קאנסטיטוציע פון 3־טען מאי 1791. אין גערמאניען האבען אין דעם מעהרסטען טייל מלוכות'לעך שוין עקזיסטירט פאלקס־פערטרעטונגען, און אין פרייסען האט דער קעניג, צו דער צייט פון די בעפרייאונגס־קריעגען פון נאפאלעאנ'ס יאך, פערשפראכען דעם פאלק איינצופיהרען א פארלאמענט. אפילו דער גער־

מאַניטער בונד האָט געהאַט אַ פּונקט ביי זיך, אַז יעדע מלוכה בעזונדער דאַרף ווערען פֿערוואַלטעט מיט דער הילף פֿון די „שטאַנדען".

נאָר נישט קוקענדיג אויף אַלע די דאָזיגע הנחות, איז פֿונדעסטוועגען געווען אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם כּלל אין די מלוכות, וואָס האָט שוין צוריטען דעם בונד מיט'ן אַלטען סדר, און די העכערע קלאַסען, וואָס זענען גרויס געוואָרען, נאָר צוליעב'ן אַלטען פֿעאָדאַלען סיסטעם. חאָטש ביידע האָבען געקעמפּפֿט נעגען יאָך פֿון נאַפּאָלעאָן, אָבער איטליכער כּלל בעזונדער האָט גאָר אַנדערש פֿערשטאַנען די רעוואָלוציאָן פֿון דאָזיגען קאַמפּף. די נצחונות פֿון 1814–15 האָבען ענדליך פֿערשטאַרקט די רעאַקציע און מען האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען אומקערען צו די אַלטע אָבגעלעבטע צייטען.

אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וואָס איז געווען שטאַרק אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די בעפֿרייאונגס־קריעגען, האָט אַוועקגעוואָרפֿען באַלד די „פֿרייע געדאַנקען" פֿון די אַמאָליגע ענציקלאָפּעדיסטען און איז געוואָרען שטאַרק רעליגיעז. ער האָט געגרינדעט דעם „הייליגען בונד", וואו עס זענען אַריינגעטרעטען דער עסטרייכישער קייזער און דער פּרייסישער קעניג, און וועלכער האָט זיך געשטעלט דעם ציעל צו האָבען די השגחה אויף די איירראָפּעאישע פעלקער, אַז זיי זאָלען ווערען גוט בעהאַנדעלט און ערצויגען ווערען אין גייסט פֿון קריסטענטום און אין דער פֿאָרשטעלונג, אַז די איינציגע פֿאָרשטעהער פֿון דער מאַכט אויף דער ערד זענען נאָר די פֿון גאָט־געקרוינטע קעניגען. דער פּראַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פֿון הייליגען בונד איז געוואָרען דער עסטרייכישער קאַנצלער פֿירשט מעטערניך.

מעטערניך האָט, אַזוי ווי נאַפּאָלעאָן, פֿיינד געהאַט אַלערליי פּוסטע פֿראַזען און אַלערליי אידעאַליסטען, אָבער נאַפּאָלעאָן האָט פֿונדעסטוועגען, ווי נישט, געדיענט די גרויסע אידעען פֿון זיין צייט, בעת מעטערניך האָט נאָר געזעהען, אַז אין דעם לעבען פֿון די מלוכות זאָל נישט אַריינדרינגען קיין שום ענדערונג, אַז אַלץ זאָל בלייבען ווי געווען. ער האָט געפֿיהלט, אַז פֿאַר עסטרייך, אַזאַ צונויפֿגעשטיקעוועט לאַנד פֿון צעהנדליגער נאַציאָנען, איז גלייכער זיך נישט צו נעהמען פֿאַר קיין רעפֿאָרמען, אַז וואָס אונבעוועגליכער דאָס לאַנד איז, אַלץ זיכערער איז עס פֿון צעפֿאַלען צו ווערען. אַ דאַנק דעם הייליגען בונד, האָט די עסטרייכישע פּאָליטיק בעקומען הילף פֿון זיינע מעכטיגע שכנים, אויף דורכצופֿיהרען די רעאַקציע אין גאַנץ איירראָפּאַ.

מעהר פֿאַר אַלץ האָבען אינטערעסירט דעם הייליגען בונד די גערמאַ-

נישע פּאָליטישע עסקים. מעטערניך האָט איינגעפּוּגען, אַז דאָרטען גרייט זיך צו אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג. די דענקער און ליטעראַטען פון ענדע 18־טען און אָנפאַנג 19־טען יאַהרהונדערט האָבען געבראַכט דערצו, אַז איטליכער געבילדעטער דייטש איז געווען שטאַרק נישט צופּריעדען מיט די צושפּאָלטענקייט פון דייטשלאַנד אין צעהנדליגער מלוכות און האָט געשטרעבט צו שאַפען אַ פאָלק פון אַ פעראייניגטען דייטשלאַנד: אין דער צייט פון די בעפּרייאונגס־קריעגען 1813־4 האָבען אַלע דייטשען אָהן אַנ'אונטערשיעד נעקעמפּפט פאַר איין־איינציגע נאַציאָנאַלע זאַך. יונג און אַלט האָבען זיך פעראייניגט, אַלס פּרייוויליגע, געגען דעם פראַנצויזישען יאָך, און זיי האָבען געקעמפּפט פאַר אַ בעסערע צוקונפט פון אַ פעראייניגטען דייטשלאַנד און פאַר אַ ברייטע נאַציאָנאַלע פרייהייט. באַלד אָבער נאָך די נצחונות האָבען די דיפּלאָמאַטען אויפ'ן ווינער קאָנגרעס ווידער נישט דערלאָזען, אַז דאָס צובּרעקעלטע דייטשלאַנד זאָל זיך פעראייניגען, און די רעגיערונגען, אָנשטאָט דאַנקבאַר צו זיין דער בעגייסטערונג פון פאָלק, האָבען נאָך שטאַרקער געמאַכט די פּאָליציי־איש'ע השגחה אויף איטליכען בירגער פון זייערע לענדלעך. און דערום האָט זיך איבער גאַנץ דייטשלאַנד פערשפּרייט אַ גרויסע אונצופריעדענהייט, און די שטודירענדע יוגענד האָט אָנגעהויבען צו מאַכען עפענטליכע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס און צו גרינדען געהיימע פּאָליטישע געזעלשאַפטען. אין 1817 האָבען זיך אין וואַרטבורג (צום אָנדענקען פון די 300 יאָהר זייט דער רעפאָרמאַציע) פערזאַמעלט די סטודענטען מיט די פּראָפעסאָרען, האָבען געהאַלטען ברענענדיגע פּאָליטישע רעדעס, האָבען פערברענט עפענטליך פערשידענע ביכער פון די רעאַקציאָנערע פּובליציסטען און צו־גלייך אויך סימבאָליש (בדרך משל) פערברענט אַנ'עסטרייכישען אונטער־אָפיצירס שטאָק, כלומר'שט, די עסטרייכישע מעטערניכ'שע רעאַקציע. מאַנכמאָל האָבען די פּראָטעסטען נאָך אָנגענומען אַ סך שטאַרקערע פאָר־מען. אַזוי, למשל, האָט דער סטודענט זאַנד דערשטאָכען דעם שרייבער קאָצעבו, ווייל מען האָט איהם חושד געווען, אַז ער איז אַ רוסי־שער שפּיאָן.

אויף מעטערניכ'ס פערלאַנג האָט מען נאָך שטרענגער געמאַכט די צענזור, נאָך שווערער געמאַכט די השגחה אויף די אוניווערזיטעטען, און ביים בונדס־ראַט אין פראַנקפורט האָט מען אַוועקגעזעצט אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אויסראָטען אין דייטשלאַנד די נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע אַגיטאַציעס.

אין גערמאַניען האָט מען זיך בעגנוגענט בלויז מיט פּאָליציייאישע מיטלען. אין דרום־מערב־אייראָפּאַ האָט די פּאָליטיק פון „היילּיגען בונד" געבראַכט צו בלוטיגערע רעזולטאַטען. אין שפּאַניען, פּאָרטוגאַל און איטאַליען ווי אויך אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס איז עס געקומען ביז צו אַ רעוואָלוציע. אין די אמעריקאַנישע קאָלאָניעס האָבען די קרעאָלען, די געבירטיגע איינוואָהנער פון די אַמאָליגע שפּאַניער, וואָס האָבען ענטדעקט די דאָזיגע קאָלאָניעס, זיך בעקלאָגט דערויף, וואָס די שפּאַניער לאָזען נישט צו צו דער פערוואַלטונג די געבירגטע איינוואָהנער, וואָס זיי נוצען אויס די רייכטימער פון לאַנד נאָר פאַר דאָס מוטערלאַנד (מעטראָפּאָליע) און דאָס די שטאָלצע און נישט פעהיגע שפּאַניער לאָזען בשום אופן נישט צו די געבוירענע שפּאַניער פון די קאָלאָניעס צו אַ בעסערע פערוואַלטונג. אין שפּאַניען גופא האָט געבעל־הבית'עוועט אַ „קאַמאַריליע" (אַ חברה'לע ביים קעניגליכען הויף), וואָס האָט נאָר זיך אונטערגעשמייכעלט צו דעם ביזען, נישט פעהיגען פערדינאַנד'ען דעם 7־טען. דער קאַטוילישער פאַנאַטיזם האָט ווידער אָנגעהויבען זיך צו שטאַרקען, און עס האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען די רדיפות געגען איטליכען פרייען געדאַנק. אין פּאָרטוגאַל ווידער איז געווען אַזאַ לאַגע: דער קעניג איז געזעסען אין בראַזיליען, אין מיט'ן לאַנד האָבען פערוואַלטעט די ענגלענדער, וואָס האָבען בעהאַנדעלט די פּאָרטוגיעזען ווי מענשען פון אַ נידעריגער הערקונפט, וואס האָבען נאָר איין עסק — פאָלגען די ענגלענדער און צו צאָהלען וואָס מעהר אָבגאַבען. ערגער ווי אומעדום איז געווען דער מצב אין איטאַליען. איטאַליען האָט געהאַט דריי צענטרען פאַר פינסטערקייט און פאַר פאָלקס־אונטערדריקונג. אין דעם פּויפּסט'ס פּראָווינצען האָבען געאַרבייט די העכערע קאַטוילישע גייסטליכע. אום צו קעמפפען מיט'ן ליבעראַליזם, האָט דער יעזואיטען־אָרדען (זי אויבען) ווידער בעקומען צוריק זיינע פולע פריהערדיגע רעכטען. אין נעאַפּאָל און סיציליען האָט דער קעניג פערדינאַנד נישט ווייניגער אויסגערויבט דאָס פאָלק. ענדליך האָט צפון־איטאַליען געהאַט איבער זיך די עסטרייכישע מאַכט, וואָס האָט אינגאַנצען דורכגעפיהרט די אונברחמנות'דיגע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון מעטערניך'ען. אין צפון־מערב האָט דער סאַרדינישער קעניג גאָר נישט געקענט טהון געגען די עסטרייכער, און ער איז אַליין געווען אָפט אונטער זייער איינפלוס.

די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען אין אַמעריקאַ. 10 יאָהר האָבען די קרעאָלען געבונטעוועט געגען שפּאַניען, ענדליך איז זיי געלונגען זיך

צו בעפֿרייען פֿון שפּאַנישען יאָך, און זיי האָבען געגרינדעט די רעפּובליק קאָלומביע; פּערו, טשילי, אוראַגוואַי און מעקסיקא האָבען אויך בעקוימען זעלבסטשטענדיגקייט, און אין אַלע די דאָזיגע רעפּובליקען האָט זיך אָנגעהויבען דאָס פּאָליטישע לעבען, וואָס פֿיהרט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג, און וואָס איז פֿאַר'ן אייראָפּעער נאָך אַל'ץ נישט פֿערשטענדליך: אַלע ווײַלע קומען דאָרט פֿאָר רעוואָלוציעס, וואָס איין פּאַרטיי רופֿט אַרויס געגען די אַנדערע. שטענדיג פֿיהרען זיך דאָרטען בלוטיגע קריעגען צווישען די פֿיהרער פֿון די פּאַרטייען; אַלעווײַלע פֿערהאַפּט אַ זייטיגער די מאַכט פֿון דעם נעכטען געוועהלטען פּרעזידענט.

דאָס, וואָס די קאָלאָניעס זענען אָבגעפֿאַלען פֿון שפּאַניען, האָט אַרויסגערופֿען אַ רעוואָלוציע אין דער שפּאַנישער אַרמעע געגען קעניג. נאָך אַ קורצען קאַמפּף איז אייגגעפֿיהרט געוואָרען אין שפּאַניען די קאָנסטיטוציע פֿון 1812 (לויט דעם מוסטער פֿון דער פֿראַנצויזישער אין 1791, נאָך אַ ביסעל ליבעראַלער). דער מיליטער-בונט אין שפּאַניען האָט געפֿונען אַנ'אָבקלאַנג אין פּאָרטוגאַל. דער קעניג האָט זיך געמוזט אומקעהרען פֿון בראַזיליען און אָנגעהמען אַ קאָנסטיטוציע, לויט'ן מוסטער פֿון דער שפּאַנישער.

אין איטאַליען האָבען זיך שטענדיג געטליעט מיליטער-בונטען. דער באָדען דערפֿאַר איז שוין לאַנג געווען צוגעגרייט, אַ דאַנק די געהיימע בונדען פֿון די „קאַרבאָנאַרען" (קוילהענדלער), וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט לויט'ן מוסטער פֿון די מאַסאָנער-לאָזשען, נאָר וואָס האָבען געהאַט ריין נאַציאָנאַל-פּאָליטישע ציעלען: בעפֿרייען און פֿעראייניגען איטאַליען אין איין מלוכה. אין נעאַפּאָל און אין סאַרדיניען האָט דאָס מיליטער געצוואונגען די קעניגען אונטערצושרייבען אַזאַ קאָנסטיטוציע ווי אין שפּאַניען.

דער הייליגער בונד האָט, פֿערשטעהט זיך, נישט געקענט צולאָזען, אַז די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיעס זאָלען אונטערגעהען אין די ראָמאַנישע לענדער. עטליכע מאָל האָבען זיך די גרויסע מלוכות פֿערזאַמעלט אויף קאָנגרעסען אום אויסצואַרבייטען אַ שטרענגעם פּראָגראַם געגען די בונטען. די עסטרייכער האָבען זיך אַלאַז געטהון אויף איטאַליען, זיך אָבגערעכענט מיט די רעוואָלוציאָנערען און אייגגעפֿיהרט דעם אַלטען סדר. אין שפּאַניען האָט זיך גענומען פֿאַר די רעוואָלוציאָנערען די פֿראַנצויזישע רעגירונג. נאָך אַ שווערען קאַמפּף האָט זי ווידער הערגעשטעלט די אַמאָליגע אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע. אומעדום האָט זיך דער בונד מיאוס נוקם געווען

אָן די רעוואָלוציאָנערען, פֿערשטאַרקט די פּאָליציייאישע השגחה, אויך רודף געווען יעדערען, וואָס דערוועקט זיך נאָר צו טראַכטען ליבעראַל. אין געאַפאַל האָט די רעגיערונג, ווערענדיג אונטערגעהעצט פֿון דער גייסט־ליכקייט, פֿערבאָטען צו לערנען לעזען און שרייבען אַזוינע קינדער, וועמענס עלטערן עס קענען נישט אויפֿווייזען, אַז זיי פֿערמעגען ווייניג־סטענס 600 רובל.

צום גליק אָבער איז באַלד פֿאָרגעקומען אין דרום־מזרח־איירָאָפּאַ עפּעס אַזוינס, צוליעב וואָס די פֿריינדשאַפֿט פֿון די מלוכות אין היילינגען בונד האָט אָנגעהויבען שוואַכער צו ווערען.

אַ גרויסע צאָהל קריסטען פֿון דער באַלקאַנער האַלב־אינזעל איז נאָך אַלץ געלעגען אין דער מאַכט פֿון די טערקען, וואָס זענען ביז צום 19־טען יאָהרהונדערט געבליבען די אייגענע באַרבאַרען, וואָס אין 15־טען, ווען זיי האָבען פֿערנומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די קריסטען (ראיא) זענען נאָך אַלץ געבליבען אין זייערע אויגען אַ מין סטאַדע שאָף, וואָס ווערען אויסגעקוילעט פֿון דער פֿאַנאַטישער בעפֿעלקערונג און אויסגערויבט פֿון די בעאַמטע אין לאַנד, בינו־לבינו איז די מאַכט פֿון די טערקען געפֿאַ־לען. דער קאַמפּף געגען טערקישען יאָך איז שוין נישט געווען אַזאַ חלום, ווי צו די צייטען, ווען טערקיי האָט גלייכצייטיג געסטראַשעט קיעוו און וויען. פֿון סוף 17־טען יאָהרהונדערט האָט טערקיי געמוזט אָבגעבען רוס־לאַנד און עסט־רייך אַ פּראָווינץ נאָך אַ פּראָווינץ. די אינערע פֿערוואַלטונג אין טערקיי איז געווען אַ שלעכטע; ווען נישט דער פֿאַנאַטיזם פֿון די מוסולמענער, די העלדישקייט פֿון די טערקישע סאָלדאַטען און די אוג־אייניגקייט פֿון די פֿיינדליכע מלוכות, וואָלט די טערקיי זיך נישט געקענט האַלטען. די פֿינאַנסען פֿון לאַנד זענען געווען אין דער גרעסטער אונאָרד־נונג, די געריכטען האָבען נישט געהאַט קיין שום יושר, איבער דער גאַנצער טערקיי האָבען אַרומגעשפּאַצירט באַנדעס מערדער און גזלנים, אין דער מלוכה האָבען גע׳בעל־הבית׳עוועט די הויפּט־פּאַרטייען און אַ צולאָזענע הויף־גוואַרדיע (יאַניטשאַרען); די גובערנאַטאָרען האָבען פֿער־וואַלטעט די פּראָווינצען אָהן אַ שום קאָנטראָלע, צוויי פֿון זיי, איינער אין עגיפּטען און דער אַנדערער אין אַלבאַניען, האָבען זיך אויפֿגעפֿיהרט, ווי זעלבסטשטענדיגע הערשער.

די פֿערשקלאַפֿטע קריסטליכע פֿעלקער האָבען שוין געהאַט פֿאַר זיך ביישפּיעלען, ווען מאַנכע פֿעלקער האָבען זיך בעפֿרייט פֿון טערקישען יאָך. חוץ די מאָנטענעגרער, וואָס זענען צוליעב זייערע בערג געווען

שטענדיג במעט פריי פון טערקישען יאָך, האָבען זיך מיט דער רוסישער
הילף בעפרייט פון די טערקען די רומענער און די סערבען. איבער=
הויפט האָט זיך פערשפרייט איבער דער גאַנצער האַלב־אינזעל צו די ציי=
טען פון יעקאַטערינא דער צווייטער און פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען די
האָפנונג, אַז רוסלאַנד וועט העלפען די ברידער פון איין גלויבען.
די סיריער, די קליין־אַזיאַטישע גריכען, די אַרמעניער און די בולגאַרען
זענען נאָך געווען צו שוואַך, אויף צו קלערען וועגען אַ בונט געגען טערקיי.
נאָר אין די אייראָפּעאישע פּראָווינצען, וואָס האָבען אָנגעהערט דער
טערקיי און וואָס זענען געווען בעפעלקערט מיט גריכען, האָט זיך אַזאַ
בונט צוגעגרייט אויף פערשידענע אופנים.

אין די בערג פלעגען פון אייביג־אָן זיצען די באַנדעס „קלעפטען״
(גזלנים און רויבער), וואָס פלעגען סיסטעמאַטיש קעמפפען געגען טערקי=
שען יאָך. זיי פלעגען שטענדיג אָנפאַלען אויף די מוסולמענער און פלע=
גען צוליעב די בערג־ און פעלזען־שפּאַלטען זיך שטענדיג קעגען שיצען
געגען דעם טערקישען חיל, וואָס האָט זיי גע׳רודפ׳ט. צווישען די רייכע=
רע גריכישע געמיינדען אין די טהאָלען און ביים ברעג ים האָבען זיך
בעוויזען געהיימע בונדען (העטעריעס), וואָס זענען געווען אין אַ סך זאַכען
ערהנליך צו די איטאַליענישע „קאַרבאָנאַרען״ (ז. אויבען). ווייטער האָבען
די רייכע גריכען געזוכט אָנצוקניפען פערבינדונגען מיט אַלערליי מאָנאַר=
כען און איינפלוסרייכע מלוכה־לייט פון אייראָפּאַ. די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער
רייכע גריכישע געמיינדע האָט אַפילו נישט סימפּאַטיזירט מיט דער דאָזי=
גער גריכישער פאָלקס־בעוועגונג, אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט טהון,
זי אָבצושוואַכען. די ערשטע סבה פון גריכישען אָפענעם בונט איז געווען
דאָס, וואָס אַלי־פּאַשאַ (דער וויצע־קעניג פון אַלבאַניען) איז אָבגעפאַלען
פון סולטאַן. בעת דער סולטאַן איז געווען פערנומען מיט אַלבאַניען,
האָבען זיך די גריכען אויך גענומען פאַר די וואַפען געגען טערקיי. אין
טעסאַליען, אַטיקאַ, בעאָטיען און מאָרעאַ האָבען אויפגעפלאַקערט די בונ=
טען. דער גאַנצער בונט איז צופאַלען אין מעהרערע פונקטען,
און אַזוי ווי די טערקען האָבען גלייכצייטיג געמוזט קעמפפען אין פערשי=
דענע ערטער מיט די גריכען, האָט זיך דער בונט געצויגען עטליכע יאָהר
נאָכאַנאַנד. חאָטש די טערקען זענען געווען נישט דער ערך גרעסער אין
דער צאָהל, אָבער צוליעב די בערגיגע ערטער אין גריכענלאַנד, פון וואַ=
נען די גריכען האָבען געשאָסען מיט קויהלען, האָט די גרעסערע צאָהל
סאָלדאַטען פון דער טערקיי נישט געקענט האָבען אַזאַ וויכטיגע בעדייטונג.

סוף־כל־סוף וואלטען דאך די גריכען געמוזט פערלירען די מלחמה, ווען נישט די אריינמישונג פון די אייראפעאישע מלוכות.

די סימפאטיע פון דער אייראפעאישער געזעלשאפט איז שוין לאנג געווען אויף דער זייט פון די גריכען. חוץ דעם געפיהל פון דער אייראפעאישער געזעלשאפט צו קריסטען, וואס קעמפפען געגען די מוסולמענער, איז נאך צוגעקומען נאך א געפיהל. פאר דער געבילדעטער געזעלשאפט זענען די קעמפפענדע גריכען (האטש זיי האבען אבגעשטאמט אין דער מעהר־צאהל פון איינגעוואנדערטע סלאווען און אילליריער) געווען די יורשים פון מיליטיאדעס, פעריקלעס און סאקראטעס (ז. ט. 1), וואס קעמפפען געגען די אזיאטישע בארבארען. פון ענגלאנד, דייטשלאנד און . פראנקרייך האבען זיך געצויגען די פרייווילליגע, וואס זענען געפאהרען העלפען די בעדרענגטע גריכען. גאר אלע די דאזיגע סימפאטיען וואלטען נאך ווענינ־וואס געהאלפען, ווען איירפא וואלט זיך נישט אריינגעמישט אין קאמפף. אבער אזא אריינמישונג איז נישט געווען אזוי לייכט צוליעב פערשיעדענע אורזאכען. ענגלאנד איז געווען פאר די בעפרייאונגס־בעוועגונג אין גריכענלאנד. רוסלאנד, וואס האט געהאט זיינע אינטערעסען אויף דער באלקאן־האלב־אינזעל, איז אויך געווען פאר די גריכען. פראנקרייך איז געווען גלייכגילטיג. פרייסען, נישט האבענדיג קיין שום אינטערעסען אויפ'ן באלקאן, האט זיך נישט געוואלט אריינמישען. דאגעגען עסטרייך איז גלייכער געווען, אז טערקיי זאל ווייטער בלייבען די איינציגע מאכט אויפ'ן באלקאן, און דערום איז עס געווען געגען דעם גריכישען בעפרייאונגס־קריעג. מעטערניך האט וועניג־וואס געקוקט דערויף, וואס קריסטען קעמפפען געגען מוסולמענער. ער האט געזעהען אין גריכישען בונט נאר א רעוואלוציאנערע בעוועגונג, וואס וויל נישט אנערקענען די רעכטמעסיגע מאכט פון סולטאן, א בעוועגונג, וואס איז בכלל געגען דעם הויפט־פרינציפ פון „היילינגען בונד", וואס שטעלט די אבסאלוטע מאכט פון הערשער העכער, ווי די וואונשען פון פאלק. אלעקסאנדר דער ערשטער האט צוליעב מעטערניכ'ען און אלס מיטגליעד פון היילינגען בונד נישט געוואלט שטיצען די גריכען, ערשט מיט זיין טויט, ווען אויפ'ן טהראן איז ארויף זיין זוהן ניקאלאי דער ערשטער, האט רוסלאנד זיך ענערגיש אנגעהויבען אריינצומישען צום נוצען פון די גריכען. אין יאהר 1826 האט דער פעראייניגטער פלאט פון רוסלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד געצוואונגען דעם טערקישען חיל אבצוטרייבען פון זיך גריכענלאנד. אין 1829 האט רוסלאנד געצוואונגען

דער טערקיי צו ערקלערען גריכענלאנד פאר אונאבהענגיג פון דער טערקיי. די פאליטיק פון „היליגען בונד“ האט דערום געהאט א מפלה צוליעב גריכענלאנד.

די צווייטע מפלה האט זי געהאט אין פראנקרייך. דאס, וואס נאך נאפאלעאנ׳ען האבען ווידער בעקומען די קעניגליכע מאכט די בורבאנען, דאס הייסט די דינאסטיע פון די לודוויג׳ס, האט אריינגעבראכט פראנקרייך אין א שווערע לאגע. די פראנצויזישע געזעלשאפט האט זיך צוטיילט אין צוויי פיינדליכע לאגערן. פון איין זייט האבען אינטריגירט די געוועזענע עמיגראנטען, וואס האבען געטראכט אלץ, וואס עס איז פארגעקומען אין פראנקרייך זייט 1789 ביז 1815, פאר א בייזען חלום, וואס מען מוז אויסמעקען פון דער פראנצויזישער געשיכטע, און די גייסטליכקייט, וואס האט געוואלט צוריקבעקומען איהרע אמאליגע מאכט און פריווילעגיעס. אויף דער אנדערער זייט איז געווען די מעהרהייט פון דער פראנצויזישער נאציאן, וואס האט אזוי פיעל געוואונען דורך דער רעוואלוציע און אימפעריע און וואס איז געווען גרייט מיט אלע קרעפטען צו פערטיידיגען איהרע נייע רעכטען. צווישען די ליבעראלע פיהרער פון פאלק זענען געווען אזוינע, וואס האבען אפילו נישט געוואלט דערלאזען צו גוואלדטאטען און בלוט־פערגיסען, און אזוינע, וואס האבען זיך נישט אבגעשטעלט פאר קיין מיטעל אין דעם דאזיגען קאמפף. און אזוי ווי די שנאה צו די יורשים פון אלטען סדר איז שטענדיג געוואקסען, איז צוגלייך אויך געוואקסען די אהבה צו נאפאלעאנ׳ען, וואס איז געווארען דער אידעאל נישט נאר פון דער ארמעע און פון פאלק, נאר אויך ביי די געבילדעטע קלאסען, וואס האבען בעטראכט נאפאלעאנ׳ען, אלס דעם דיענער פון די גרויסע אידעען פון דער רעוואלוציאנס־צייט.

די אויפגאבע פון דער רעגיערונג איז דערום געווען זעהר א שווערע. צוערשט איז די רעגיערונג, א דאנק זיינע מיניסטארען, ווי־עס־איז פארטיג געווארען מיט דער דאזיגער אויפגאבע איינצוהאלטען אין די גרעניצען די צוויי פיינדליכע לאגערן. לודוויג דעם 18־טענס מיניסטארען רישעליע און דעקאז האבען פערשטאנען, אז די קעניגליכע מאכט דארף שטעהען העכער פון וואס־עס־איז פאר א פארטיי, און אז נישט אלץ, וואס די רעוואלוציע האט בעשאפען, קאן מען אזוי לייכט ווידער בטל מאכען. נאר די רעגיערונג האט זיך נישט לאנג געהאלטען ביי דער דאזיגער פאליטיק. נאך לודוויג׳ס טויט איז ארויף אויפ׳ן טהראן קארל דער 10־טער, א ברודער

פון לודוויג דעם 16־טען, און דער איינפלוס פון „הייליגען בונד", ווי אויך די פאליטישע אויפגערעגטקייט פון פראנקרייך האט געשטויסען די רעגירונג אויף א רעאקציאנערען וועג. קארל האט זיך עפענטליך געשטעלט אויפ׳ן צד פון די גייסטליכע און די ראיאליסטען, די שונאים פון דער פראנצויזישער דעמאקראטיע. די עמיגראנטען האט ער געלאזט בעפריעדיגען פאר זייערע קאנפיסקירטע גיטער מיט א מיליארד פראנק. די גייסטליכע האט מען געקלערט צו געבען גרויסע הנחות. זיין מיניסטער ווילעל האט געוואלט פערשארפען די צענזור אין איבערמאכען דעם אופן פון די וואהלען אין די פאלאטעס, מיט׳ן ציעל אבצושוואכען די אפאזיציע פון די ליבעראלען.

אין יולי 1830 האט דער קעניג ארויסגעגעבען פון זיך 5 צירקולארען, אהן דער בעטייליגונג פון די פאלאטעס, וועלכע האבען פערענדערט דעם וואהל־סיסטעם און פערשטארקט די צענזור אויף ביכער, בעזונדערס אויף צייטונגען. די זשורנאליסטען האבען באלד ערקלערט, אז זיי וועלען זיך בשום אופן נישט רעכענען מיט די נייע צענזור־געזעצען און וועלען דרוקען זייערע בלעטער אהן צענזור. א גרויסע שטיצע האבען בעקומען די זשורנאליסטען ביי דער פאריזער בורזשואזיע, וואס האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט פאליטיק, און וואס האט נאך נישט פערגעסען די בעליידיגונג, וואס דעם קעניג׳ס מיניסטער האט פונאנדערגעלאזען די בירגערליכע ארמעע, די נאציאנאלע גווארדיע. ביסלעכווייז האבען זיך אנגעהויבען בעטייליגען אין דער אויפרעגונג אויך די ארבייטער, וועלכע האבען צוליעב דער אויפגערעגטער שטימונג אנגעהויבען ליידען פון ארבייטסלאזיגקייט. א סך פאבריקאנטען, מורא האבענדיג פאר א קומענדיגער רעוואלוציע, האבען אבגעשטעלט די ארבייט אין זייערע פאבריקען. אין פאריז זענען דאמאלס געווען אינגאנצען 12 טויזענד סאלדאטען. צוויי טעג האט געדויערט דער קאמפף מיט די סאלדאטען. גאנץ פאריז איז געווען פערצוימט פון באריקארען. די קעניגליכע ארמעע האט געמוזט אבטרעטען. קארל האט אפילו באלד צוריקגענומען די צירקולארען, אבער די בירגער האבען שוין אויף קיין פאל נישט געוואלט האבען צו טהון מיט די בורבאנען. פאר א רעפובליק האבען זיי אויך מורא געהאט, ווייל זיי האבען זיך געשראקען פאר די צו גרויסע פאדערונגען פון די נידעריגערע קלאסען, הויפטזעכליך פון די ארבייטער, דערום זענען זיי געבליעבען ביי א קעניגליכער מאכט. אבער אלס קעניג האבען זיי אויסגעקליעבען לודוויג־פיליפען, דעמיגען, וואס

האט געשטימט אין די רעוואָלוציאָנס־יאָהרען מיט די, וואָס האָבען פער־משפּט דעם קעניג צום טויט און וואָס שטאַמט פון די אָרלעאַנען, נישט פון די בורבאָנען, פאַר אַזאַ קעניג האָבען זיי שוין נישט געהאַט, וואָס מורא צו האָבען, אַז ער וועט געהען אינאיינעם מיט די גייסטליכע און די ראָיאַליסטען.

די יולי־רעוואָלוציע אין פּאַריז האָט זיך אָבגערופען אויף אַ סך לענדער אין אייראָפּאַ. אין פּוילען איז, למשל, אויסגעבראָכען דער פּוילישער בונט פון יאָהר 1830. די איטאַליענער פּאַטריאָטען האָבען אויפגעהויבען אַ בונט אין פּויפּסט׳ס פּראָווינצען. בעלגיען האָט זיך אָבגעריסען פון האָלאַנד. פון אַלע די דאָזיגע בונטען האָט נאָר בעלגיען דעריגרייכט צו אַ רעזולטאַט. די אייראָפּעאישע מלוכות האָבען פון דאַמאָלס אָן אַנערקענט בעלגיען אַלס אַ בעזונדערע מלוכה, מיט אַ קעניג בראש.

צווייטעס קאַפּיטעל.

דאָס ניינצעהנטע יאָהרהונדערט פון 1830—ביז 1855.

ענגלאַנד. — די עמאַניסיפּאַציע פון די קאַטאָליקען. — טשאַרטיזם. — פראַנקרייך. — די רעוואָלוציע פון 1848 אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין איטאַליען און אין פּרייסען. — די רעאַקציע. — נאַפּאָלעאָן דער דריטער. —

אין דער צייט, וואָס די מזרח־מלוכות האָבען געשטיצט מיט זייערע וואָפען די פּאָליטיק פון „הייליגען בונד“ אין איטאַליען און גערמאַניען, אין דער צייט ווען דער דאָזיגער רעאַקציאָנערער בונד האָט פראַנקרייך גע־שטויסען צו אַ רעוואָלוציע, האָט ענגלאַנד וויעדער גענומען געהען אויפ׳ן וועג פון לאַנגזאַמע געזעצליכע רעפאָרמען, וואָס עס האָט נישט געקענט דורכפיהרען אין דער עפּאָכע פון די קריעגען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען.

באַלד נאָך די קריעגען האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזען, ווי פערשיע־דען עס זענען די אינטערעסען פון די ענגלענדער, און די אַנדערע מלוכות אין אייראָפּאַ, די אויסערע פּאָליטיק, אַ דאַנק דעם ליבעראַלען

מיניסטעריום, איז געווען אַ פֿרייערע און אַ ליבעראַלערע און פֿאָלקאָמ־ין אונאָבהענגיג פֿון רעאַקציאָנערען „היילִיגען בונד”. ענגלאַנד האָט אַ סך מיטגעהאָלפֿען, אַז די קרעאָלען און די גריכֿען זאָלען אַרויס אָלס זיגער אין זייער בעפֿרייאונגס־קאַמפּף. גלייכֿצייטיג האָט זיך אָנגעהויבען אין ענגלאַנד אַ נייע עפּאָכֿע אין דער האַנדעלס־פּאָליטיק, ענגלאַנד האָט זיך ערקלערט פֿאַר אַ פֿרייען האַנדעלס־אויסטויש, ד. ה. עס האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון הויכֿען צאָל אויף סחורות, וואָס געהען פֿון אויסלאַנד אין ענגלאַנד, און אומגעקעהרט. פֿאַר דער שטאַרק ענטוויקעלטער ענגלישער פֿאַבריקאַציע האָבען זיך געעפֿענט נייע מערק, און ענגלאַנד איז עקאָנאָמיש געוואָרען מיט יעדען טאָג שטאַרקער און רייכֿער. נאָר חוץ דעם האָט מען גענומען אָבשאַפֿען פֿערשידענע אַלטערטימליכֿע געזעצען, ווי, למשל, די בעגרענצונגען פֿאַר די קאַטאָליקען און די פֿעהלערען פֿון אַלטען וואַהל־סיסטעם. די קאַטאָליקען זענען ווידער הערגעשטעלט געוואָרען אין זייערע רעכֿטען. אַזוי ווי דער קאַטאָליציזם האָט שוין אויפֿגעהערט צו זיין אַ געפֿאַהר פֿאַר דער אַנגליקאַנישער קירכֿע, האָט שוין קיין זין נישט געהאַט צו מאַכֿען בעגרענצונגען פֿאַר'ן אַלטען קאַטאָליציזם. דער ענגלענדער האָט שוין איצט נישט געקענט דערלאָזען, אַז 6 מיליאָן מענשען זאָלען ווערען בעראויבט פֿון בירגערליכֿע רעכֿטען צוליעב זייער אמונה. בעזונדערס וויכטיג איז געווען די ווידערהערשטעלונג אין די רעכֿטען פֿון דעם קאַטאָליציזם אין אירלאַנד, וואו ⅘ פֿון דער בעפֿעלקערונג זענען געווען קאַטאָליקען. אין יאָהר 1829 איז דורכֿגעפֿיהרט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט אַ ביל (אַ געזעץ), וואָס נעהמט אַראָב פֿון קאַטאָליציזם די וויכֿטיגסטע בעגרענצונגען.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו ענדערען דעם אַלטען וואַהל־סיסטעם (ז. ט. 5) און שאַפֿען אַזוינעם, וואָס זאָל באמת אויסדריקען פֿון יעדען וואַהל־אָרט די צאָהל פֿון דער בעפֿעלקערונג און דעם איינפֿלוס איהרען. געגען דעם נייעם וואַהל־סיסטעם זענען שטאַרק אַרויסגעטרעטען די לאָרדען אין דער הויכֿער פּאַלאַטע. אָבער נאָך אַ לענגערען קאַמפּף, וואָס האָט שוין כמעט געפֿיהרט צו אַ רעוואָלוציע, האָבען די לאָרדען געמוזט נאָכֿגעבען און עס איז אָנגענומען געוואָרען דער ביל, לויט וועלכֿען די שטעדט האָבען בעקומען אַ גרויסען איינפֿלוס, און עס איז געפֿאַלען דער איינפֿלוס פֿון די גרויסע גוטס־בעזיצער. אין 1832, ווען די וואַהלען זענען שוין געגאַנגען נאָכֿ'ן נייעם וואַהל־געזעץ, איז געוואַקסען די צאָהל פֿון די וועהלער פֿון 400 טויזענד אויף 800 טויזענד. אין 1833

האָט ענגלאַנד אָבגעשאַפֿט אין איהרע קאָלאָניעס דעם שקלאַפֿען־האַנדעל און די שקלאַפֿעריי. באַלד דערויף איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ נייעס געזעץ פֿאַר די פֿרייע זעלבסטפֿערוואַלטונג פֿון די שטעדט, אַ געזעץ וועגען שטיצע פֿאַר אָרעמע און נאָך אַ סך אַנדערע נויטיגע און ליבעראַלע געזעצען. דאָס נייע וואַהל־געזעץ האָט צוגעצויגען אַ גרע־סערען טייל פֿון דער בעפֿעלקערונג צום פּאָליטישען לעבען. עס האָט אָבער נישט צוגעצויגען די דאָזיגע קלאַסען, וואָס קענען נישט אויפּווייזען אַזאַ איינקונפֿט, ווי למשל 100 רובל אַ יאָהר, און עס איז אויסגעוואַקסען אַ בעוועגונג אין ענגלאַנד, וואָס האָט פֿערלאַנגט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פֿון דעם גאַנצען פּאָליטישען סיסטעם. די „טשאַרטריסטען” (אַזוי האָט געהייסען די פּאַרטיי, וואָס האָט אויפֿגעשטעלט די פֿאָדערונגען) האָבען געפֿאָדערט אַ ג׳אַלגעמיינעס געהיימעס וואַהל־רעכט, אַ יאָהריגע וואַהל פֿון פּאַרלאַמענט, און די דעמאָקראַטישע פֿאָדערונג, אַז דער דעפּוטאַט פֿון פּאַרלאַמענט זאָל ווערען בעצאָהלט פֿון דער רעגיערונג. די פּאַרלאַ־מענטען האָבען אָבער נישט נאָכגעגעבען די פֿאָדערונג פֿון די טשאַר־טריסטען (אין 1838), און די בעוועגונג איז אויף אַ ווײַלע איינגעשלאָפֿען.

דער טשאַרטריזם איז אָבער נישט געבליבען אָהן אַנ׳איינפֿלוס, די בעשולדיגונג פֿון די טשאַרטריסטען, אַז די גוטס־בעזיצער־קלאַס נוצט אויס איהר מאַכט, איז געווען אַ צו־קלאָרע, אַז מען זאָל זיך נישט צוהערען צו איהר אין די קליגערע ליבעראַלע רעגיערונגס־קרייזען. ווארום אין ענג־לאַנד האָט עקזיסטירט אַ צאָל אויף תבואה פֿון אויסלאַנד, בכדי אַז די ענגלישע גוטס־בעזיצער זאָלען נישט זיין געצוואונגען צו פֿערקויפֿען ביליג־גער זייער אייגענע תבואה. אָט דער דאָזיגער צאָל איז געווען אַ סתירה מיט׳ן געזעץ, וואָס האָט כמעט אָבגעשאַפֿט אַלע צאָלען אויף אויסלענדישע סחורות. ער האָט דייטליך בעוויזען, אַז די רעגיערונג זאָרגט זיך מעהר פֿאַר דעם גוטס־בעזיצערס קעשענע, ווי פֿאַר דעם הונגעריגען מאָגען פֿון אָרעמען ענגלישען בירגער. אין 1846 האָט דאָס פּאַרלאַמענט אָבגעשאַפֿט דעם צאָל אויף תבואה. נאָך איידער עס איז אָנגענומען געוואָרען דאָס געזעץ אין פּאַרלאַמענט, האָט דער פֿאַבריקאַנט קאָבדען געשאַפֿען אַ שטאַרקע עפֿענטליכע מיינונג געגען דאָזיגען צאָל. ער האָט געגרינדעט אַ „בונד געגען ברויט־צאָל” און דער דאָזיגער בונד האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינ־פֿלוס, אַז דאָס נייע געזעץ וועגען דער אָבשאַפֿונג פֿון ברויט־צאָל זאָל דורכגעהן אין פּאַרלאַמענט מיט אַ גרויסער מעהרהייט. איבריגענס, אין דעם דאָזיגען געזעץ זענען געווען פֿעראינטערעסירט די שטאָדטישע בירגער,

נישט וועניגער פאַר די אַרבייטער, ווייל אַזאַ צאָל האָט ווי מורה געווען, אַז די פּאָליטישע מאַכט פון די לאָרדען און גרויסע גרונד-בעזיצער איז גרעסער, ווי די פון די פאַבריקאַנטען און דער שטאָדטיגער בור-זשואַזיע.

אין דער צייט, וואָס ענגלאַנד האָט זיך אַליין ווייטער און ווייטער פערפאָלקאָמט אין זיין מלוכה-סדר, האָט פראַנקרייך נאָך אַליין געליטען דערפון, וואָס די אַלטע און די נייע קרעפטען פון לאַנד האָבען נאָך אַליין זיך נישט געקענט אויסגלייכען. די יולי-רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרען פון צוויי קלאַסען, פון דער בורזשואַזיע און פון די אַרבייטער. די פיהרונג אין דער רעוואָלוציע האָט געהאַט די בורזשואַזיע און זי האָט זי אויסגענוצט פאַר איהרע צוועקען. שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט זיך נישט אומגעקעהרט צו דער רעפּובליק פון 1793 און מען האָט ווידער גענומען אויף זיך די לאַסטען פון אַ מאָנאַרכיע, האָט בעוויזען, אַז די בורזשואַזיע האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט די וואונשען פון די אַרבייטענדע קלאַסען.

די מאָנאַרכיע פון לואי פיליפּ האָט זעהר פערשטאַרקט די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, אָבער זי האָט זיך בשום אופן נישט גערעכענט מיט דער נייער קלאַס, די אַרבייטער. די איינצעלנע בונטען פון די אַרבייטענדע מאַסען פלעגט מען דערשטיקען מיט דער גרעסטער אכזריות. צו דער זעלבער צייט האָבען זיך גענומען שטאַרק פערשפּרייטען די סאָציאַליסטישע טעאָריען און עס האָט זיך אויך גענומען אויסאַרבייטען די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק פון די סאָציאַליסטען. אָן דער שפּיץ פון די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער זענען געשטאַנען דאַמאָלס פורניע, פּרודאָן און לואי-בלאַן. די רעגירונג אָבער האָט צו ווייניג אָב-געשאַצט די אויפרעגונג פון די אַרבייטער-מאַסען און די ווירקונג פון סאָציאַליזם, און איז געווען זיכער ביי זיך, האָבענדיג הינטער זיך די אַרמעע, די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע און די פּאָליציי. גיזאָ, דער פיהרער פון דעררעאַזיגער מאָנאַרכיע, האָט נאָך אין 1848 געזאָגט, אַז די יולי-מאָנאַר-כיע שטעהט פעסט ווי אַ מויער, און אין פּאַרלאַמענט האָט מען זיך צו-געהערט צו דער רעדע פון דעפּוטאַט טאָקוויל, וואָס האָט מתרה געווען דעם פּאַרלאַמענט, אַז עס קלייבט זיך אויף פראַנקרייך אַ רעוואָלוציע, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. דאָס רעדט אַ פּראָפעסאָר, אַ געלעהרטער, אָבער נישט קיין מענש מיט אַ פּראַקטישען פערשטאַנד, — האָט מען זיך געוויצעלט איבער טאָקוויל'ען.

די יולי-מאָנאַרכיע האָט אין די 18 יאָהר פֿון איהר רעגיערונג אויך פֿערלאָרען אַ טייל פֿון דער בורזשואַזיע צוליעב איהר שוואַכער אויסערליכער פּאָליטיק, האָט שטאַרק דערביטערט די אַרבייטער-קלאַסען, וועמענס לאַגע זי האָט נישט פֿערשטאַנען, און האָט אויך נישט געהאַט קיין סימפּאַטיעס ביים אַדעל און ביי די גייסטליכע. ביי דער בורזשואַזיע אַליין האָט זיך אָנגעהויבען אַ בעוועגונג מכח דער פֿערברייטערונג פֿון דעם וואַהל-רעכט, און אַזוי ווי פֿון פּאַרלאַמענט איז גאָר נישט געווען, וואָס צו דערוואַרטען זיך, האָט די בורזשואַזיע אָנגעהויבען אַרבייטען אויפ'ן ענגלישען שטייגער, זיך ווענדענדיג צו דער עפֿענטליכער מיינונג און צו די ברייטע פֿאָלקס-מאַסען, און ווען די רעגיערונג האָט גענומען פֿערוועהרען די דאָזיגע פּאָליטיק, האָבען די פּאַריזער אַרבייטער גענומען בויען באַריקאַדען אין די גאַסען. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערען, און בעת דער קעניג איז אַרויס צו איהר, האָט זי איהם בעגעגענט מיט די געשרייען „עס זאָל לעבען די וואַהל-רעפֿאָרם!" דאַמאָלס האָט שוין דער קעניג איינגעזעהען, אַז דער צושטאַנד ווערט אַלץ געפֿעהרליכער. לודוויג פֿיליפּ האָט אָבער נישט דערלאָזען צו בלוט פֿערגיסען. דעם 18-טען פֿעברואַר האָט זיך אָנגעהויבען די רעוואָלוציע, דעם 24 האָט ער שוין בעפֿאָהלען, אַז די אַרמעע זאָל נישט שיסען אין די מאַסען, און באַלד דערויף האָט ער אָבגעדאַנקט פֿון טהראָן, איבערגעבענדיג איהם זיין אייניקעל, און אַליין האָט ער פֿערלאָזען פּאַריז. דאַמאָלס האָבען זיך די מאַסען אַריינגעריסען אין פּאַרלאַמענט און געצוואונגען די דעפּוטאַטען אויסצוקלייבען אַ צייטווייליגע רעגיערונג, וואָס זאָל צוזאַמענרופֿען אַ נאַציאָנאַל-פֿערזאַמלונג, אַ קאָנווענט, אויף אויסצואַרבייטען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג אין פֿראַנקרייך. דער דאָזיגער קאָנווענט האָט שפּעטער ערקלערט פֿראַנקרייך פֿאַר אַ רעפּובליק.

די נאָכריכט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען פֿאַר אייראָפּאַ, ווי אַ פֿונק אין אַ פֿאַס פּולווער. אין דייטשלאַנד, וואו די דרום-מערב'דיגע מלוכות האָבען שוין געהאַט אַ קאָנסטיטוציע, האָבען די געבילדעטע בירגער שוין פֿון לאַנג אָן געפֿאָדערט פּרעסע-פֿרייהייט און פֿערזאַמלונגס-פֿרייהייט, אַ געריכט פֿון געשוואָרענע און אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, ווי ביי די פֿראַנצויזען. חוץ דעם האָבען זיי אַלע ליידענשאַפֿטליך געוואָלט, אַז דער שוואַכער גערמאַנישער בונד זאָל פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ איין-איינציגע דייטשע מלוכה. עס

איז אויך געווען א ראדיקאלע סאציאליסטישע ארבייטער־בעוועגונג אין דייטשלאנד, אבער זי איז נאך געווען צו שוואך, די אויבענדערמאהנטע נאציאנאל־ליבעראלע בעוועגונג דאגעגען איז געווען זעהר שטארק, די איינפלוסרייכסטע פיהרער פון די ליבעראלען האבען זיך אין 1848 פערזאמעלט אין פראנקפורט און האבען זיך געווענדעט צו די פערשידענע מלוכות אין דייטשלאנד, אז זיי זאלען שיקען אהין זייערע דעפוטאטען. וואס דארפען געוועהלט ווערען לויט'ן סיסטעם פון אלגעמיינע פאלקס־וואהלען, אויף צו בעראטען און פעסטצושטעלען א נייע מלוכה־ארדנונג פאר גאנץ דייטשלאנד. די רעגיערונגען האבען באלד צוגעשיקט זייערע דעפוטאטען, און אין מאי 1848 איז אין גרינדער־פארלאמענט, אין וועלכען עס זענען געזעסען די שענסטע מענשען פון דער געבילדעטער דייטשער בירגערשאפט, לויטער פראפעסארען, יוריסטען און לעהרער, ערקלערט געווארען דייטשלאנדס איינינקייט, און אהן בלוט־פערגיעסעניש איז מקוים געווארען דער אלטער אידעאל פון דער גאנצער דייטשער בירגערשאפט. עס איז מעהר נישט איבגעבליבען ווי אויסצוארבייטען די ווייטערדיגע פרטים פון דעם נייעם מלוכה־סדר אין דעם פעראייניגטען דייטשלאנד.

אין עסטרייך האבען זיך אויפגעהויבען די איינצעלנע נאציאנען, ווי די גאנצע בירגערליכע־קלאס. דער אימפעראטאר פערדינאנד איז געווארען געצוואונגען צונויפצורופען א גרינדונגס־פערזאמלונג אויף אויסצוארבייטען אנ'אלגעמיינע עסטרייכישע קאנסטיטוציע. אין ווין זענען געווען די גאנצע בעלי־הבתים די סטודענטען און די בירגער. אין אונגארן האבען פערכאפט די מאכט די אונגארישע (מאדיארישע) פאטריאטען מיט קאשוט'ען אין דער שפיץ און האבען געוואלט בעשאפען אנ'איינענע אונגארישע מלוכה. אין פראג האבען בעקומען די מאכט די טשעכען, וואס האבען זיך אויך געפרובט אבריסען פון דער עסטרייכישער קרוין

אין איטאליען האט די פראנצויזישע רעוואלוציע ארויסגערופען צו א בונט פון אלע פארטייען, וואס האבען זיך געוואלט בעפרייען פון עסטרייכישען יאך און וואס האבען געשטרעבט צו א פעראייניגטען איטאליען. אין דער שפיץ פון דער ראדיקאלער־רעפובליקאנישער פארטיי איז געשטאנען מאנציני. דער קעניג פון סארדיניען און דער פויפסט האבען פון זייער זייט געזעהען פטור צו ווערען פון דער עסטרייכישער השגחה. שוין אין 1847 האט זיך אנגעהויבען דער בונט, נאר ערשט אין 48־טען יאהר האט מען געצוואונגען דעם קעניג פון נעאפאל איינצו־

פיהרען אַ קאָנסטיטוציע; דער סאַרדינישער קעניג איז אַריין דאַמאָלס אין לאָמבאַרדיען (פון די עסטרייכער). אַ סך קליינע הערשער זענען זיך צולאָפען פאַר די בונטאָווששיקעס, און ווענעדיג מיט איהרע פראָווינצען האָט זיך ערקלערט אַלס אַ רעפובליק.

אין פרייסען האָט אין יאָהר 1848 אויסגעבראָכען אַ שטורם פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. אין בערלין האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען בויען באַריקאַדען, די סאָלדאַטען האָבען אַפילו געשאָסען אין פאָלק, אָבער די בעפעלקערונג האָט זיך נישט דערשראָקען פאַר די קעניגליכע אַרמעען. דער קעניג האָט אָבער באַלד אָבגעשטעלט דאָס בלוט־פערגיעסען. ער האָט אָנגענומען די דעפוטאַציע פון דער בעפעלקערונג, איהר ערקלערט, אַז ער איז מוחל די רעוואָלוציאָנערען, אַז מען וועט זיי נישט פערפאָלגען, און האָט צוגעזאָגט פון היינט אָן צו אַרבייטען צום נוצען פון דער בעפרייאונג און פון דער פעראייניגונג פון גאַנץ דייטשלאַנד אין איין מלוכה. באַלד דערויף איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פאַר פרייסען אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע און די רעגיערונג האָט צונויפגעשטעלט אַ ליבעראַלען מיניסטעריום, וואָס זאָל דורכפיהרען די נייע רעפאָרמען אין לאַנד

די רעוואָלוציע פון 1848 אין פראַנקרייך האָט געהאַט דערום אויך אויף אייראָפּא אַ גוואַלדיגע ווירקונג. אָבער די רעזולטאַטען פון די איינצעלנע רעוואָלוציעס זענען נישט געווען אומעדום גלייך. איטאַליען איז נאָך געווען דאַמאָלס אַזוי צוריסען, אַז די פאַטריאָטען האָבען זיך דאָרט נישט געקענט פעראייניגען, חאָטש איטליכער האָט געשטרעבט צו דעם, אַז דאָס צוברעקעלטע לאַנד זאָל ווערען צונויפגעשמאָלצען אין איין מעכטיגע מלוכה, די עסטרייכער האָבען אויסגענוצט די אונאייניגקייט און זיך שטאַרק נוקם געווען אָן די רעוואָלוציאָנערען. דער קעניג פון סאַרדיניען האָט נישט בעקומען קיין הילף פון די ראַדיקאַלע פאַרטייען, און ער האָט געמוזט ווידער אַוועקגעבען לאָמבאַרדיען די עסטרייכער. ענדליך האָט ער אָבגעדאַנקט פון טהראָן און איהם איבערגעגעבען זיין זוהן וויקטאָר עמאַנועל׳ען. ווענעדיג, וואָס איז אַ יאָהר געווען אַ רעפובליק, איז געפאַלען. נאָכדעם, ווי דער פעלדמאַרשאַל ראַדעצקי פון די עסטרייכער האָט גענומען אין שטורם די הויפטשטאָדט פון דער דאָזיגער רעפובליק. אין רוים האָבען די רעפובליקאַנער געשטעלט דעם פויפסט אין אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפען און בעטען הילף ביי די קאַטוילישע מלוכות. דער סוף איז געווען, אַז אין דעם פויפסטס פראָווינצען זענען געקומען די עסטרייכער, שפאַניער און אויך די פראַנצויזען. גאַריבאַלדי

דער פיהרער פון די רעפּובליקאנער, האָט אַפילו די ערשטע צייט פּערטריבען די העלפּער פון פּויפּסט, אָבער ענדליך האָבען זיי געמוזט איבערגעבען רוים אין די הענד פון די פיינד. די בעפרייאונג און די פּעראייניגונג פון איטאַליען, נישט קוקענדיג, וואָס צוליעב דעם האָבען די איטאַליענער אַזוי פיעל בלוט פּערגאָסען, איז ווידער צורונען ווי אַ חלום.

אויך אין עסטרייך האָט די רעאַקציע ווידער גובר געווען, האָטש נישט אַזוי לייכט. איהר גליק איז געווען, וואָס די נאַציאָנאַליטעטען האָבען אין עסטרייך נישט געקאָנט קומען צו קיין פשרה צווישען זיך. די אונגאַרען האָבען זיך אָבגעריסען פון דער עסטרייכישער קרוין און האָבען דערביי געוואָלט בעקומען די איבערהאַנד אויף די סלאַווען אין אונגאַרן. די סלאַווען ווידער האָבען זיך פּעראייניגט פאַר'ן קייזער און געגען די אונגאַרען; שפּעטער זענען אַ טייל סלאַווישע פעלקער אַרוים פון בונד פאַר'ן קייזער, איינזעהענדיג, אַז זיי וועלען פון דער רעגיערונג נישט בעקומען די זעלבסטשטענדינקייט פאַר זיך, אויף וואָס זיי האָבען געהאָפט. אונטערדעסען האָבען די אונגאַרען אַרויסגעוויזען גרויסע מיליטערישע כחות. די עסטרייכישע אַרמעען זענען צושלאָגען געוואָרען. אין דער אונגאַרישער הויפּטשטאָדט פעסט איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די אונגאַרישע רעפּובליק, און עסטרייך וואָלט נישט געקאָנט אַזוי לייכט דורכפיהרען די רעאַקציע, ווען עס וואָלט איהם נישט געהאָלפען דער רוסישער קייזער ניקאָלאַי, וועלכער האָט פיינד געהאַט איטליכע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין אייראָפּאַ און וועלכער האָט צונעשיקט עסטרייך זיינע אַרמעען געגען די אונגאַרען. ענדליך האָט דעם קייזער פראַנץ-יאָזעף זיך איינגעגעבען ווידער הערצושטעלען זיין מאַכט אין די עסטרייכישע לענדער. פון אונגאַרן זענען צוגענומען געוואָרען זיינע אַלטע רעכטען, און דאָס לאַנד איז געוואָרען ווידער אָבהענגיג פון דער צענטראַלער ווינער מאַכט, ווי די איבעריגע פּראָווינצען פון די עסטרייכישע לענדער.

אַ דאַנק דעם, וואָס עסטרייך איז געווען פערנומען מיט זיינע נאָהענטע עסקים, האָט זיך איינגעגעבען דייטשלאַנד זיך צו ערקלערען פאַר פּעראייניגט. ווייל דער גרעסטער געגנער פון אַ פּעראייניגונג איז געווען עסטרייך, וואָס האָט שטענדיג קאָנקורירט מיט פּריסען, און האָט מורא געהאַט, אַז ביי אַ פּעראייניגונג פון גאַנץ דייטשלאַנד וועט פּריסען בעקומען די איבערהאַנד. נאָר נישט די געבילדעטע ליבעראַלען, נישט דער פּריסישער קעניג האָבען נישט אויסגענוצט די דאָזיגע לאַגע, ווען עסטרייך איז געווען צושטאַרק פערנומען מיט אייגענע אַנגעלעגענהייטען. די ליבעראַלען האָבען

נישט געקענט פארטיג ווערען מיט זייערע אנטיפאטיעס געגען פרייסען, וואס איז געווען אויך שטארק נישט געליעבט ביי די דייטשען פון די איבריגע מלוכות׳לעך, און דער קעניג פון פרייסען האט מורא געהאט איינצורייסען מיט עסטרייך, וואס ווערט געשטיצט פון רוסלאנד. און ווען דער פראנקפורטער פארלאמענט האט ענדליך בעשלאסען (מיט א קליינער מעהרהייט), איבערצוגעבען די אויבערהערשאפט פון גערמאניען פרייסען און צו ערקלערען דעם פרייסישען קעניג אלס אימפעראטאר פון דייטשלאנד, האט דער פרייסישער קעניג נישט אנגענומען די אנגעבאטענע קרוין „ווייל פון דעם פראנקפורטער פארלאמענט שמעקט מיט רעוואלוציע”. די לאגע פון פארלאמענט נאכדעם, ווי דער קעניג האט נישט אנגענומען די קרוין, איז געווארען אנ׳אונערטרעגליכע. אסך דעפוטאטען זענען זיך צופאהרען, א טייל, ראדיקאלע האבען געפרובט מאכען א נייע רעוואלוציע, דערווייל האט עסטרייך גענומען ארבייטען געגען פארלאמענט אין די פרייסישע פלענער. דער סוף איז געווען, אז נאך פערשיעדענע קעמפפען איז דייטשלאנד ווידער געווארען אזוי צוברעקעלט, ווי צו דער צייט פון וויענער קאנגרעס (1815). די קאנסטיטוציע אין פרייסען איז אבער נישט געווארען אבגעשאפט, האטש איהרע פולמאכטען זענען געווארען אין א סך הינזיכטען קלענער.

אין פראנקרייך גופא האט לאנג נישט געדויערט דער יום-טוב פון די רעוואלוציאנערען. באלד נאך דער רעוואלוציע פון 48 האבען זיך קלאר ארויסגעוויזען די גרענעצע פון דער בורזשואזער קלאס און פון דער ארבייטער קלאס. איבריגענס, אין דער ארבייטער-בעוועגונג האבען זיך נאר בעטייליגט די שטאדטיגע ארבייטער,—די פאבריקס-ארבייטער און די בעלי-מלאכות. ביי די פויערן איז נישט געווען א זא חלוק צווישען לאנד-ארבייטער און ערד-בעזיצער. די פויערן זענען געווען בכלל קאנסערוואטיוו און האבען נישט סימפאטיזירט מיט די שטאדטיגע ארבייטער. אן דער שפיץ פון קאנווענט איז געשטאנען לאמארטין, א פאעט און א גרויסער רעדנער, נאר א קליינער פאליטיקער. דער אנפיהרער פון די „רויטע” (די רעוואלוציאנערע ארבייטער) איז געווען לואי-בלאן. אין פאריז האט מען געעפענט נאציאנאלע ווערקשטאטען, וואו איטליכער ארבייטער האט געהאט דאס רעכט צו ארבייטען און צו בעקומען ווייניגסטענס 2 פראנקען טאגלויהן. די ווערקשטאטען, וואו עס האט זיך אנגעקליבען אנ׳ארבייטער ארמעע פון 100 טויזענד מאן, האבען קיין נוצען דעם לאנד נישט געבראכט, און דאס איז נאך געווארען דער ארט,

וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט שטענדיג אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע אַר-
מעע. די מעסיגערע פּאַרטייען האָבען דערום בעשלאָסען צו פערמאַכען
די דאָזיגע ווערקשטאַטען, און צו צעשיקען די אַרבייטער אויף דער
פּראָווינץ צו דער אַרבייט ביי די אייזענבאַהנען, אָדער אין דעם מילי-
טער-דיענסט. דער דאָזיגער בעשלוס פון דער אויספיהרונגס-קאָמיסיע פון
קאָנווענט האָבען די אַרבייטער בעטראַכט אַלס אַ קריעגס-ערקלערונג דער
רעוואָלוציע, און 3 טאָג נאָכאַנאַנד האָט זיך געגאָסען בלוט אויף די פּאַ-
ריזער גאַסען צווישען די אַרבייטער און מיליטער און נאַציאָנאַלער גוואַר-
דיע, ווי נאָך ביי קיין רעוואָלוציע פון 1789-טען יאָהר אָן. דער קאָנ-
ווענט האָט געגעבען דעם גענעראַל קאַווענ יאַק די רעכטען פון אַ
דיקטאַטאָר און ער האָט צובראָכען דעם ווידערשטאַנד פון די „רויטע",
פערפאַרבענדיג פּאַריז מיט די בלוט פון צעהנדליגער טויזענדער אַרבייטער,
וואָס זענען אומגעקומען אין קאַמפּף מיט דעם מיליטער און דער נאַציאָ-
נאַלער גוואַרדיע.

די קאָנסטיטוציע, וואָס האָט אויסגעאַרבייט דער קאָנווענט, האָט
אַוועקגעשטעלט אין לאַנד צוויי מאַכטען, וואָס זענען געווען איינע פון
דער אַנדערער פאָלקאָמען אונאַבהענגיג: אַ פאָלקס-פערטרעטונג,
וואָס ווערט דורך אַלגעמיינע וואַהלען אויסגעקליבען אויף 3 יאָהר,
און אַ פּרעזידענט, וואָס ווערט אויך אויסגעקליבען דורך אַלגע-
מיינע וואַהלען אויף 4 יאָהר, און וואָס טאָר נישט ווערען אויסגעקלי-
בען צום צווייטען מאָל. אַלס פּרעזידענט איז אויסגעקליבען געוואָרען
נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, אַ פּלעמעניק פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען.
דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבען נאַפּאָלעאָנ'ען, און נישט
קאַווענ יאַק'ען, ווי מען האָט פריהער גערעכענט, בעווייזט, ווי שטאַרק
עס איז נאָך געווען ביים פאָלק דער צובונד צום גרויסען נאַפּאָלעאָן.

נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ פערשלאָסענער, עהרגייציגער מענש, וואָס
האָט געגלויבט אין די ריכטיגקייט פון אַלטען נאַפּאָלעאָנ'ס אידעען. אַלס
יונגערמאַן, האָט ער זיך בעטייליגט אין דער איטאַליענישער רעוואָלוציע
געגען עסטרייך, און ער איז קוים מיט'ן לעבען אַרויס פון דער עסטריי-
כישער געפאַהר. שפּעטער האָט ער אינטריגירט געגען דעם לעצטען קעניג
לודוויג-פיליפּ, אַלס באָנאַפּאַרטיסט געגען די אָרלעאַניסטען,
און איז דערפאַר בעשטראָפט געוואָרען מיט פעסטונג. אין פעסטונג האָט
ער פערפאַסט אַ ווערק, וואו ער האָט ערקלערט, אַז דאָס פּראָגראַם
פון אַ רעגירונג דאַרף זיין צו האָבען איבער זיך אַ

מאַכט פון אַפּעדזענליכקייט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אויף די אידעען פון דער רעוואָלוציע, וואָס שטיצט זיך אויף דער דעמאָקראַטיע און וואָס שטרעבט אין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער הינזיכט איבערצומאַכען גאַנץ אייראָפּאַ.

דער נייער פּרעזידענט האָט גוט פערשטאַנען אויסצונוצען די שטימונג פון פראַנקרייך, וואָס האָט געוואָלט רוה, נאָך אַלע די דאָזיגע רעוואָלוציעס, און וואָס האָט שטאַרק מורא בעקומען פאַר די גרויסע פאָדערונגען פון די אַרבייטער און „רויטע". אין 1852 האָט זיך געענדיגט נאַפּאָלעאָנ׳ס פּרעזידענטס־צייט. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט נישט געהאַט בדעה אַזוי גיך אַוועקצוגעבען די מאַכט זיינע, און מיט אַ יאָהר פריהער 1851 האָט נאַפּאָלעאָן אינאיינעם מיט זיינע פערטרויטע זיך בעשלאָסען אָנצוהויבען אַרבייטען ענערגיש אויף צו פערפעסטיגען זיין מאַכט. ביינאַכט דעם צווייטען דעצעמבער 1851 האָט נאַפּאָלעאָן אַרעסטירט די איינפלוסרייכסטע דעפּוטאַטען פון פערשידענע פאַרטייען. די הויפּטגאַסען און פלעצער פון פאַריז זענען געוואָרען בעזעצט מיט מיליטער און אויף די גאַסען איז געוואָרען אויסגעקלעבט פּראָקלאַמאַציעס, אַז די פאָלקס־פערטרעטונג איז פונאַנדערגעלאָזען, אַז דער פּרעזידענט בעקומט די מאַכט אויף ווייטערע 10 יאָהר און אַז דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט, וואָס איז געוואָרען בעגרענעצט פון דער פּאַלאַטע, ווערט ווידער איינגעפיהרט. באַלד דערויף איז געמאַכט געוואָרען אַ פאָלקס־אָבשטימונג, צי זאָל ווערען נאַפּאָלעאָן אויף שטענדיג „דער הויפּט פון דער מלוכה". אַ צווייטע פאָלקס־אָבשטימונג האָט פערביטען דעם דאָזיגען טיטעל מיט׳ן טיטעל „אימפּעראַטאָר פון די פראַנצויזען". פון די 10 מיליאָן וואַהל־שטימען זענען כמעט 9 מיליאָן געווען פאַר דעם, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל ווערען „אימפּעראַטאָר פון די פראַנצויזען". אינגאַנצען האָבען געשטימט דאַגעגען 650 טויזענד שטימען. אַלס נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט ער אָנגעהויבען זיין רעגירונגס־צייט *).

ווי עס איז צו זעהען, איז נאָך דער רעוואָלוציע פון 48 צוריק אייראָפּאַ געוואָרען שטאַרק רעאַקציאָנער. פון די אידעאַלען און די פּלענער פון די

*) נאַפּאָלעאָן דער צווייטער, נאַפּאָלעאָן דעם גרויסענס זוהן, איז געשטאָרבען אַלס 19־יעהריגער הערצאָג פון רייכסשטאַדט אין עסטרייך, וואו מען האָט איהם געהאַלטען כמעט אַלס געפאַנגענעם.

רעוואָלוציאָנערען איז כמעט גאָרנישט געוואָרען, פונדעסטוועגען איז די רעוואָלוציע פון 48 נישט אריבער אומזיסט. חוץ דעם מאָראַלישען איינדרוק האָט זיך שטאַרק אויך געענדערט דער פּאָליטישער סדר אין פיעלע לענדער. אמת, עסטרייך, זיך שטיצענדיג אויף רוסלאַנד, וואָס האָט נישט געליטען פון אלע די דאָזיגע רעוואָלוציעס, האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו מעטערניכ׳ס פּאָליטיק, אָבער פּרייסען האָט זיך שוין נישט דערוועגט בטל צו מאַכען די געגעבענע קאָנסטיטוציע, און, הויפּטזעכליך, האָט זיך אין פראַנקרייך בעוויזען ווידער די אַמאָליגע נאַפּאָלעאָנישע אימפּעריע, וואָס האָט געהאַט די טראַדיציע דורכצופיהרען מאַנכע רעוואָלוציאָנערע אידעען מיט דער הילף פון אַמיליטערישער דיקטאַטור.

דריטער קאַפּיטעל.

רוסלאַנד פון יעקאַטערינא II ביז צו דער אבשאַפונג פון לייב־איינגעשאַפט.

(פון 1796 ביז 1861).

פאַוועל — אַלעקסאַנדער דער 1־טער. — צוויי פּעריאָדען — ספּעראַנסקי, אַראַקטשעיעוו — די דעקאַבריסטען — ניקאָלאַי דער 1־טער. — דער סעוואַסטאָפּאָלער קריעג. — אַלעקסאַנדער דער 2־טער. — די גרויסע רעפאָרמען.

נאָך יעקאַטערינא דער צווייטער, וואָס האָט פאַרטגעזעצט די אַרבייט פון פּיאָטר דעם גרויסען, האָט רעגיערט איהר זוהן פּאַוועל דער ערשטער. נאָך זיין קורצער רעגיערונגס־צייט (פון 1796 ביז 1801), וואָס האָט זיך געענדיגט זעהר טראַגיש (ער איז פון די הויפלייט ערמאָרדעט געוואָרען), איז אַרויף אויפ׳ן טהראָן זיין זוהן אַלעקסאַנדער דער ערשטער. אַלעקסאַנדער׳ס רעגיערונגס־צייט איז בעריהמט געוואָרען דורך זיינע צוויי קריעגען מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען, און די גרויסע ראָלע, וואָס רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען שפּיעלען אין דער אויסערער פּאָליטיק. דעם ערשטען קריעג מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען האָט רוסלאַנד פערלאָרען, אבער דער צווייטער, אין 1812, האט זיך געענדיגט פאר די פראַנצויזען מיט אַ גרויסער ניעדערלאגע (ז. אויבען), וועלכע האט פלוצלונג אוועקגעשטעלט רוסלאַנד אין צענטר פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק.

אַלעקסאַנדער׳ס רעגיערונגס־צייט האָט געהאַט צוויי פּעריאָדען, איינער

אַ ליבעראַלער און דער צווייטער אַ רעאַקציאָנערער. באַלד ווי אַלעקסאַנדער איז אַרויף אויפֿ'ן טהראָן, האָט ער אָבגעשאַפֿט אַלע בעגרענצונגען, וואָס זיין פֿאָטער פּאַוועל האָט איינגעפֿיהרט אין רוסלאַנד פֿון גרויס שנאה צו דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט ווידער ערלויבט די רוסען צו פֿאָהרען קיין אויסלאַנד זיך בילדען, אַריינצולאָזען אויסלענדער קיין רוסלאַנד און דורכצולאָזען דורך די רוסישע גרענעצען איירעאָפּעאישע ביכער און זשורנאַלען. די השגחה איבער דער רוסישער פּרעסע איז געוואָרען אַלייכטערע, די געהיימע קאַנצעליאַריע (אַ מין מלוכה-אינקוויזיציע) איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען און איהרע פּראָצעסען זענען איבערגעגעבען געוואָרען דעם סענאַט. די גייסטליכע, די אַדעלליט און די קויפֿלייט מיט גילדעס זענען בעפֿרייט געוואָרען לויט'ן געזעץ פֿון קערפּער-שטראָף. אין די בעראַטונגען וועגען אַ נייעם געזעץ-בוך פֿאַר רוסלאַנד האָט מען שוין גערעדט וועגען די „פֿיער שטאַנדען” אין פֿאָלק, און די פֿראַגע וועגען לייב-אייגענשאַפֿט אין רוסלאַנד איז געשטאַנען אויפֿ'ן ערשטען פּלאַן. צו ערשט האָט מען שטארק פֿערלייכטערט די לאַגע פֿון די לייבאייגענע פֿון דער מלוכה-ערד. מען האָט נאָכדעם שטרענג פֿערבאָטען צו פֿערקויפֿען איינצעלנע לייבאייגענע, אָבריייסענדיג זיי דערמיט פֿון זייער פֿאַמיליע.

דער אַדעל אין עסטלאַנד (1816), קורלאַנד (1817) און ליפֿלאַנד (1817) האָט זיך ענטשלאָסען צו בעפֿרייען די פּויערן פֿון לייבאייגענשאַפֿט, נאָך איידער דאָס וועט געטהון ווערען אין גאַנץ רוסלאַנד.

אַלעקסאַנדער האָט אויך אַרויסגעוויזען אַסך גלויבענס-טאָלעראַנץ צו די פּראַוואָסלאַווגע סעקטען אין לאַנד (צו די ראַסקאָלניקעס); אַפֿילו די חליסטען (דרעהער-סעקטע, ווייל זיי פֿלעגען טאַנצען אַ דרעה-טאַנץ ביי זייערע געבעטען) זענען שוואַך פֿערפֿאָלגט געוואָרען, האָטש מיט עטליכע יאָהר פֿריהער האָט מען דעם נביא פֿון דער דאָזיגער נייער סעקטע עפֿענטליך פֿערברענט.

אַלעקסאַנדער מיט זיינע יונגע מיניסטאָרען דעם פֿירשט טשאַרטאָריזשסקי, סטראַגאָנאָוו און נאָוואָסילצעוו האָט געענדערט די מלוכה-פֿערוואַלטונג פֿון רוסלאַנד נאָכ'ן מוסטער פֿון די איירעאָפּעאישע מלוכות. די „קאָלעגיען” פֿון פּיאָטר'ן, וואו קיינער פֿון די בעאַמטע האָט נישט געהאַט זיין ספּעציעלען פֿערוואַלטונגס-אַמט, האָט מען פֿערביטען מיט אַ „מיניסטעריום”, וואו איטליכער מיניסטער האָט נאָר פֿערוואַלטעט מיט זיין ספּעציעלען אַמט: דער קריעגס-מיניסטער האָט געהאַט צו זאָרגען פֿאַר דער אַרמעע, דער יוסטיץ-מיניסטער — פֿאַר די געריכטען אין לאַנד א. א. וו

חוץ דעם מיניסטעריום איז קלאָרער פעסטגעשטעלט געוואָרען די אויפ־גאַבע פֿון סענאַט. איבריגענס, סיי די מיניסטאָרען סיי דער סענאַט האָבען נישט געהאט קיין פֿאָלקאָמענע זעלבסטשטענדיגקייט. אַלעקסאַנדער האָט פֿון זיינע אַבסאָלוטע קייזער־רעכטען נישט מותר געווען די קלענסטע קליינינקייט.

אַלעקסאַנדער האָט אויך שטאַרק געזאָרגט פֿאַר דער בילדונג אין לאַנד. רוסלאַנד איז געוואָרען געטיילט אין 6 שול־בעצירקען, איבער איטליכען שול־בעצירק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַ פּאָפּעטשיטעל, וואָס האָט געדאַרפט אָבגעבען דין וחשבון פֿון זיין טעטיגקייט דעם מיניסטער פֿאַר עפענטליכע שול־בילדונג. אום אויסצובילדען די גייסט־ליכקייט, האָט מען דעם גאַנצען אָבגאָב פֿון די ליכט פערווענדעט צו דעם צוועק אויף צו בויען שולען פֿאַר די גייסטליכקייט. פֿאַר וועלטליכע בילדונג האָט מען געגרינדעט געמיינדע־שולען, אויעזדנע שולען און גימ־נאַזיעס. חוץ די אוניווערזיטעטען אין מאָסקווא, ווילנאַ, דאָרפּאַט האָט מען געגרינדעט אוניווערזיטעטען אין קאַזאַן, חאַרקאָוו און פעטערבורג. חוץ די קאַדעטען־שולען האָט מען נאָך געעפֿענט אין אָדעס אַ האַנדעלס־שולע און די לאַזאַרעווסקע שולע פֿאַר מאָרגענלענדישע שפּראַכען.

פֿון 1806—1812 האָט דעם גרעסטען איינפֿלוס אויף אַלעקסאַנדער'ן דער מיניסטער ספּעראַנסקי. ספּעראַנסקי האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו מאַכען פֿון רוסלאַנד אַ לאַנד לויט'ן אייראָפּעאישען מוסטער, ער האָט בדעה געהאַט דורכצופיהרען דעם קאָדעקס־נאַפּאָלעאָן אין די רוסישע געזעצגעבונג, און אום דאָס זאָל מעגליך זיין, האָט ער געשטעלט אין פֿונדאַמענט פֿון זיינע רעפֿאָרמען די אָבשאַפֿונג פֿון דער לייב־איינגענשאַפֿט אין רוסלאַנד. ער האָט געשטרעבט צו שאַפֿען אין רוסלאַנד אַ פֿרייען דריטען שטאַנד, איינצושרענקען די צאָהל פֿון די אַדעל־ליים, צו בעשאַפֿען נאָר אַ גרויסען אַדעל פֿון אַ קליינער צאָהל אַריס־טאָקראַטישע פֿאַמיליען, וואָס זאָלען שפּיעלען די ראָליע אין רוסלאַנד, ווי די לאָרדען אין ענגלאַנד.

די רעאַקציאָנערע מיניסטאָרען מיט אַראַקטשעיעוו'ען אַן דער שפּיץ האָבען אָבער געבראַכט דערצו, אַז ספּעראַנסקי,— אַ פֿער'מסר'טער ביי'ם קייזער, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט די פּלענער פֿון אַ רעוואָלוציאָנער,— האָט פּלוצלינג פֿערלאָרען דעם צוטרויען פֿון קייזער. אין 1812 איז ער פּלוצלינג פֿערשיקט געוואָרען אין ניזשני־נאָווגאָראָד, וואו ער איז גע־שטאַנען אונטער אַ שטרענגער פּאָליציי'אישער השגחה.

פֿון 1812 הויבט זיך אָן דער צווייטער פּעריאָד פֿון אַלעקסאַנדער׳ס
רעגירונגס־צייט, ווען דער קייזער ווערט וואָס מיט אַ טאָג אַלץ טרויעריגער
און מעלאַנכאָלישער, ווען ער הויבט אָן ביסלעכווייז צו פֿערליערן זיין
צוּבונד צו די פֿריהערדיגע ליבעראַלע געדאַנקען און ציעלען. זיין ערשטער
מיניסטער ווערט דער בעריהמטער באַרבאַרישער רעאַקציאָנער אַראַקטשע־
יעוו, וואָס האָט זיך נאָך אויסגעצייכענט מיט זיין פֿינסטערער ווילדקייט
צו פּאַוועל׳ס צייטען. אַראַקטשעיעוו איז אַ שונא פֿון איטליכען פֿרייען גע־
דאַנק, ער איז אַ בלוטיגער פֿיינד פֿון אַלעמען, וואָס קלערען עפּעס
אומצוענדערען אין רוסלאַנד; ער פֿערלאַנגט נאָר, אַז איטליכער זאָל שטום
און בלינד געהאָרכען, און זאָל זיך נישט דערוועגען צו טהון עפּעס פֿון
זיך־אַליין, לויט׳ן אייגענעם שכל.

אַראַקטשעיעוו האָט נישט באַלד בעקומען די גאַנצע מאַכט. אָבער
מיט איטליכען יאָהר שטייגט זי. מען הויבט אָן צו צוטרייבען פֿון די
אוניווערזיטעטען די פּראָפֿעסאָרען, וואָס זענען נישט גענוג רעאַקציאָ־
נער. די פּראָפֿעסאָרען פֿון דער געשיכטע מעגען נאָר פֿאָרלעזען זייער וויסענ־
שאַפֿט לויט בעשטימטע פֿינסטערע געשיכטס־ביכער. דער פּראָפֿעסאָר פֿון
געאָמעטריע בעווייזט אין דרייעק די דרייאייניגקייט פֿון קריסטענטום:
דריי־און פּאָרט איינס. עס איז פֿערבאָטען געוואָרען צו נעהמען אַלס
פּראָפֿעסאָרען אַזוינע, וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט אין אויסלאַנד, און
די סטודענטען איז פֿערבאָטען געוואָרען צו פֿאָהרען אַהין לערנען. בע־
קאַנט איז אַראַקטשעיעוו׳ס צייט מיט די מיליטער־דערפֿער. אין
אַ דאָרף פֿלעגט מען אַריינזעצען סאָלדאַטען. דער סאָלדאַט האָט געהאָלפֿען
דעם פּויער ביי דער פֿעלד־אַרבייט! דער סאָלדאַט פֿלעגט קומען אין אַזאַ
דאָרף צוזאַמען מיט זיין פֿאַמיליע, אָדער מען פֿלעגט איהם מיט געוואַלט
התונה מאַכען מיט אַ כאָכער פֿון די געבירטיגע פּויערן. די קינדער
פֿון די פּויערן, ווי אויך די קינדער פֿון די סאָלדאַטען האָבען זיך גערעכענט
פֿאַר קינפֿטיגע סאָלדאַטען. די סאָלדאַטען, ווי די פּויערן פֿון אַזוינע
דערפֿער, פֿלעגען, פֿערשטעהט זיך, זיין שטאַרק אונצופֿריעדען מיט דעם,
עס איז געווען איבער די מענשליכע כחות צו זיין צו יענער פֿינסטערער
צייט סיי אַ סאָלדאַט, סיי אַ פּויער אינאיינעם. אַמטמאָל פֿלעגן אין אַזוינע
מיליטערישע דערפֿער אויסברעכען פֿערצווייפֿעלטע בונטען, אָבער אַראַק־
טשעיעוו פֿלעגט די דאָזיגע בונטען דערשטיקען מיט דער גרעסטער
אַכזריות.

אין 1825 איז אַלעקסאַנדער אַוועקגעפֿאָהרען קיין טאַגאַנראָג שטאַרק

מעלאַנכאָליש, איינגעאַנצען פֿערזונקען אין רעליגיעז־מיסטישע שטימונגען. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער שטאַרק געליטען דערפֿון, וואָס ער האָט אָנגעהויבען מיט די פֿרייהייטס־געדאַנקען פֿון דער דאַמאָליגער רעוואָלוציאָנערער אייראָפּאַ, און געענדיגט זיין רעגיערונגס־צייט מיט דער שאַפֿונג פֿון אַ רעאַקציע, וואָס טראָגט אין דער רוסישער געשיכטע דעם נאָמען „די פֿינסטערע צייט פֿון אַראַקטשעיעוו". ער איז געשטאָרבען דעם 19־טען נאָוועמבער אין די אָרעמס פֿון דער קייזערין עליזאַבעטאַ אין טאַגאַנראָג.

שוין אין דער רעגיערונגס־צייט פֿון אַלעקסאַנדער'ן האָבען זיך אָנגעהויבען צו פֿערשפּרייטען אין רוסלאַנד אין די העכערע קרייזען אַלערליי געהיימע בונדען. די „טוגענד געזעלשאַפֿט" אין מאָסקוואַ (1818) האָט פֿערפֿאָלגט די פּאָליטישע צילען, פֿון די בעשיידענסטע ביז די רעוואָלוציאָנערסטע. „דער בונד פֿון צפֿון" אין פּעטערבורג איז געווען פֿאַר אַ בעגרענצונג פֿון דער רוסישער אַבסאָלוטישער מאַכט. דער בונד פֿון „דרום" האָט שוין געקלערט וועגען אַ רעפּובליק. „דער בונד פֿון די פֿעראייניגטע סלאַווען" האָט געחלומ'ט פֿון אַ בונד פֿון אַלע סלאַווישע פֿעלקער. די רוסישע בונדען זענען געשטאַנען אין פֿערבינדונג מיט דעם „בונד פֿון די פֿאַטערלאַנדס־פֿריינד" אין פּוילען.

נישט קוקענדיג אויף די גרויסע רעאַקציע, אָדער גראָדע צוליעב איהר, איז אין די העכערע אַדעלס־קרייזען אין רוסלאַנד געווען פֿערשפּרייט דער געדאַנק, אַז עס איז נויטיג אַן איבערקעהרעניש אין רוסלאַנד, און דער פּלוצלינגער טויט פֿון אַלעקסאַנדער'ן האָט ווי געוויזען די רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטען פֿון אַדעל, אַז עס איז געקומען די צייט אַרויסצוטרעטען אָפֿען.

אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבען אָהן קינדער. זיינע נאָכפֿאָלגער האָבען געקענט זיין לויט'ן ירושה־געזעץ זיין צווייטער ברודער קאָנסטאַנטין און זיין דריטער—ניקאָלאַי. נאָר אַזוי ווי קאָנסטאַנטין האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון זיין ירושה אויפֿ'ן טהראָן, ווייל ער האָט געהייראַט נישט פֿון אַ קעניגליכער פֿאַמיליע, האָט די ירושה געדאַרפֿט בעקומען ניקאָלאַי. דאָס פּאַפּיער, וואו קאָנסטאַנטין האָט זיך אָבגעזאָגט, האָט מען אָבער געהאַלטען געהיים אין מלוכה־אַרכיוו, אפילו ניקאָלאַי אַליין האָט נישט געוואוסט דערפֿון. און בעת קאָנסטאַנטין איז געפֿאָהרען אין פּעטערבורג געבען די טרייהייטס־שבועה ניקאָלאַי'ען, האָט ניקאָלאַי זיך געקליעבען געבען אַזאַ שבועה זיין ברודער. אָט דעמאָזיגען פּלאָנטער האָבען אויסגענוצט די רעוואָלוציאָנערע אַדעלס־קרייזען. די מיטגליעדער פֿון צפֿון־בונד האָבען ערקלערט די

סאָלדאַטען פון דער אַרמעע און פון פלאָט, אַז מען וויל מיט געוואַלד צונעהמען דעם טהראָן פון קאָנסטאַנטינ׳ען, און זיי האָבען אַ טייל פון דער אַרמעע אַוועקגעפיהרט צום קייזערליכען פאַלאַץ, וואו די סאָלדאַטען האָבען געשרי ; „עס זאָל לעבען קאָנסטאַנטין״, און אַ טייל פון די געבילדעטע אָפיציערען—„עס זאָל לעבען די קאָנסטיטוציע״. נאָר אַזוי ווי דער דאָזיגער בונט פון די „דעקאַבריסטען״ (ווייל דאָס האָט פּאַסירט דעם 12 דעקאַבר 1825), ווי מען האָט זיי שפּעטער אַ נאָמען געגעבען, האָט זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו שטיצען,—די גרויסע פאָלקס־מאַסען האָבען נאָך געשמאַכט אין דער לייב־אייגענשאַפט,—דערום האָט דער דאָזיגער בונט פון דעם מיליטער קיין שום ממשות נישט געהאַט. ניקאָלאַי האָט מיט עטליכע קאַרטעטשען צוזאָגט די בונטאָוושציקעס, די הויפּט־אָנפיהרער האָבען דערנאָך געענדיגט אויף דער תליה.

ניקאָלאַי׳ס צייט אין רוסלאַנד רעכענט זיך פאַר איינע פון די שווערסטע צייטען אין לאַנד. אין דער אויסערער פּאָליטיק, ווי אין דער אינערער, איז ניקאָלאַי׳ס רעגירונגס־צייט געווען אַ גרויסע שטיצע פאַר דער רעאַקציע ווי אין רוסלאַנד, אַזוי אין אייראָפּאַ. די אייגענע צייט אָבער איז געווען פאַר דער רוסישער ליטעראַטור איינע פון די גלענצענדסטע. צו דער דאָזיגער עפּאָכע געהערען: פושקין, לערמאָנטאָוו, גאָנטשאַראָוו, הערצען, פּיסעמסקי, דאָסטאָיעווסקי, גריבאָיעדאָוו, אָסטראָווסקי און נאָך אַנדערע גרויסע וועלט־בעריהמטע רוסישע ליטעראַטען.

באַלד נאָך דער יולי־רעוואָלוציע אין פּאַריז איז אויסגעבראָכען אין פּוילען דער ערשטער בונט (1831). און נאָכדעם, ווי ניקאָלאַי האָט דערשטיקט דעם דאָזיגען בונט, האָט שוין פּוילען פערלאָרען די וועניגע רעכטען, וואָס עס האָט נאָך געהאַט צוליעב אַלעקסאַנדער׳ס ליבעראַלע פּאָליטיק, בנוגע צו פּוילען.

ניקאָלאַי האָט געפיהרט צוויי וויכטיגע קריעגען מיט טערקיי. דער ערשטער קריעג, וואָס האָט געפיהרט צו גריכענלאַנד׳ס בעפרייאונג, האָט נאָך געבראַכט צו דעם אָבמאַך מיט טערקיי, אַז טערקיי איז מחויב צו פערמאַכען דעם דאַרדאַנעלען־דורכפלוס פאַר פרעמדע שיפען, ווי באַלד רוסלאַנד שטעלט אַרויס די דאָזיגע פאָדערונג. דער צווייטער טערקישער קריעג, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער סעוואַסטאָפּאָלער מפּלה, געפיהרט געגען די פערבינדעטע אַרמעען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד—האָט קלאָר אַרויסגעוויזען, ווי ווייט רוסלאַנד איז אָבגעשטאַנען פון אייראָפּאַ, אַלס מעכטיגע מיליטער־מלוכה. ניקאָלאַי האָט די דאָזיגע

ניעדערלאגע נישט געקאנט אריבערטראגען. אין 1855־טען יאהר איז ער געשטארבען, נאך א קליינער פערקיהלונג.

זיין זוהן אלעקסאנדער דער צווייטער האט באלד געשלאסען פריעדען אין פאריז מיט די פערבינדעטע פיינדליכע ארמעען. אלעקסאנדער האט זיך גענומען פאר א גאנץ אנדערע פאליטיק, ווי זיין פאטער, וואס האט רעגיערט זיין לאנד מיט א גוואלטיגער שטרענגקייט, און וואס האט נישט געוואלט וויסען פון קיינע רעפארמען. דער סעוואסטאפאלער קריעג האט אבער קלאר געוויזען, אין וואס עס בעשטעהט רוסלאנד'ס שוואכקייט. אלעקסאנדער דער צווייטער האט דערום פעסט בעשלאסען ראדיקאל צו רעפארמירען רוסלאנד. צוערשט האט ער אבגעשאפט אין יאהר 1861 די לייב־אייגענשאפט אין רוסלאנד (אין פוילען איז זי אבגעשאפט געווארען אין 1863), רעפארמירט די געריכטען און ראדיקאל געענדערט די ארדנונג פון מיליטער־דיענסט.

אין 63־טען יאהר איז אויסגעבראכען דער צווייטער פוילישער בונט, וואס איז אויך באלד דערשטיקט געווארען. פוילען האט דאמאלס שוין פערלארען דעם לעצטען שפור פון א זעלבסטשטענדיגען פאלק. דאס קעניגרייך פוילען איז פערוואנדעלט געווארען אין די 10 ווייכסעל־גובערניעס.

אלעקסאנדער דעם צווייטענס צייט צייכענט זיך אויס מיט א גרויסער אויפלעבונג פון דער געזעלשאפט אין רוסלאנד, זיין רעגיערונגס־צייט הייסט מיט רעכט „די צייט פון די גרויסע רעפארמען אין רוסלאנד".

פיערטער קאפיטעל.

די עפאכע פון די נאציאנאלע איבערהעדרעניש׳ן.

די פעראייניגונג פון איטאליען.—קאוואור. — גאריבאלדי — פראנקרייך צו נאפאלעאנ׳ס צייט.—פרייסען.—די מלחמות.— עסטרייך. —דער קריעג צווישען פרייסען און פראנקרייך.

בעקומענדיג די אימפעראטארען־קרוין, האט נאפאלעאן דער 3־טער גענומען בעפעסטיגען זיין מאכט דורך אלערליי מלחמות, וואס האבען געדארפט בעווייזען פאר דער וועלט פראנקרייכ׳ס שטארקייט. צוערשט האט ער זיך געווענדעט געגען ניקאלאי׳ען פון רוסלאנד, וואס האט שטענדיג געשטיצט אין אייראפא די אלטע מאנארכיען געגען די בונטען פון דער געזעלשאפט, און וואס א דאנק דער דאזיגער פאליטיק, האט רוסלאנד

בעקומען אזא הויכע שטעלע ביי די אייראפעאישע מלוכות. דאס שטרעבען פון רוסלאנד צו פערגרעסערען זיין איינפלוס אויף דעם באלקאן האט פעראייניגט פראנקרייך און ענגלאנד געגען רוסלאנד. צוליעב דעם סכסוך וועגען די הייליגע ערטער אין פאלעסטינא האט רוסלאנד אריינגעצויגען געגען זיך די דאזיגע צוויי מלוכות אין א מלחמה. ניקאלאי'ס זיכערהייט, אז עסטרייך וועט צושטעהען צו איהם, פון דאנקבארקייט דערפאר, וואס ער האט עסטרייך ארויסגעהאלפען אין קריעג מיט די אונגארען, האט זיך ארויסגעוויזען פאר פאלש. עסטרייך האט מיט אמאל געפאדערט פון רוסלאנד, אז עס זאל אבריינינגען די פירשטענטימער פון דונאי, וואס עס האט שוין פערנומען אין דעם דאזיגען קריעג. אין קרים, ביי סעוואסטאפאל, האבען זיך בעגעגענט די פיינדליכע ארמעען. רוסלאנד האט בעקומען א ניעדערלאגע; עס האט פערלארען נאכ'ן פאריזער שלום (שוין ביי אלעקסאנדער דעם צווייטען אין 1856) א טייל בעסאראביען, דעם פראטעקטאראט פון רוסלאנד איבער די דונאי-פעלקער און סערביען און דאס רעכט צו האלטען א פלאט אין שווארצען ים. דער קרימער קריעג און דער פאריזער פריעדען האבען פראנקרייכ'ס איינפלוס שטארק דערהויבען.

אזוי ווי נאפאלעאן האט געוואלט איבערמאכען אייראפא „אויף א נאציאנאל דעמאקראטישען פונדאמענט", האט ער ממילא געמוזט זיך בעגעגענען מיט עסטרייך, וואס האט אונטערדריקט יעדע נאציאנאלע בעוועגונג אין איטאליען און דייטשלאנד.

אין איטאליען האבען שוין די קליגערע רעפובליקאנער פערשטאנען, אז עס קלעקט נישט נאר בלויזע בעגייסטערונג פאר די אידעע פון איטאליענס פעראייניגונג; מען מוז נאך האבען מאטעריעלע קרעפטען און א שטיצע אין דער אייראפעאישער פאליטיק. דערום האבען זיך די ליבעראלע עלעמענטען פעראייניגט ארום דעם קעניג פון סארדיניען, ווייל דאס דאזיגע קעניגטום האט אויך געלעבט מיט די אידעען צו זעהען אמאל א פעראייניגט איטאליען. דער געניאלער שטאטס-מאן גראף קאוואור, וואס האט דאמאלס געפיהרט די מלוכה-געשעפטען פון סארדיניען, האט גוט פערשטאנען צו-צוציהען צו סארדיניען די ליבעראלע עלעמענטען פון איטאליען און קונציג אויסצונוצען די פאליטישע לאגע פון אייראפא צו איטאליענס נוצען.

קאוואור האט פערשטאנען, אז נאך דעם קרימער קריעג האט עסטרייך פערלארען רוסלאנד, און דאס נאפאלעאן וואלט זיך וועלען

אריינמישען אין די איטאליענישע אנגעלעגענהייטען. ער האט געמאכט א געהיימען בונד מיט פראנקרייך און האט עפענטליך גענומען זיך צוגרייטען צו א קריעג מיט עסטרייך. אז שפעטער איז אויסגעבראכען א מלחמה צווישען סארדיניען און עסטרייך, האט זיך אריינגעמישט פראנקרייך, און ווען נישט דייטשלאנד, וואלט עס דערגאנגען ביז צו א פעראייניגונג פון גאנץ צפון־איטאליען. עסטרייך האט דעם קריעג פערלארען, סארדיניען האט בעקומען פון די פראנצויזישע הענד לאמבארדיען. איטאליען האט בעקומען דעם פארשלאג צו מאכען אן איטאליענישען בונד, ענהליך צו דער מלוכות־פעראייניגונג פון גערמאנישען בונד.

אבער די איטאליענישע פאטריאטען האבען זיך נישט בעגנוגענט מיט די דאזיגע קליינינקייטען. די בעפעלקערונג פון א סך שטעדט האט זיך אבגעריסען פון איהרע הערשער, און האט זיך ערקלערט פאר אונטערטאנען פון סארדיניען. אין דרום־איטאליען האט די נאציאנאלע זאך פון איטאליענס איינינונג דורכגעפיהרט גאריבאלדי, וואס איז געווארען דער נאציאנאל־העלד פון בענייעטען איטאליען. מיט די פרייווילינע שיסער פון די אלפען, איינגאנצען 1000 מאן, איז ער געקומען קיין סיציליען, פעריאגט די סאלדאטען פון נעאפאליטאנישען קעניג. פון דאנען איז ער געגאנגען ווייטער (חאטש דער סארדינישער קעניג האט איהם דאס פערבאטען צו טהון) און געהאט אזא נצחון ווי אין סיציליען. עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז דרום־איטאליען, אבגערייניגט פון פרעמדע סאלדאטען, זאל זיך ערקלערען אלס א זעלבסטשטענדיגע רעפובליק. קעניג וויקטאר עמאנועל פון סארדיניען האט דערום בעשלאסען אויסצונוצען גאריבאלדי'ס זיעגען און נישט צו דערלאזען צו א רעפובליק. זיין ארמעע איז דערום אריין אין די נעאפאליטאנער פראווינצען און זיי פעראייניגט מיט זיינע אייגענע צפון־פראווינצען. אין אנפאנג 1861 איז געווארען געעפענט דער ערשטער איטאליענישער פארלאמענט, און אין מערץ האט וויקטאר עמאנועל אנגענומען דעם טיטעל און די קרוין פון איטאליענישען קעניג.

די גרויסע מלוכות האבען אפילו קרום געקוקט אויף דעם, וואס קומט פאר אין איטאליען, אבער עסטרייך נאך דער מפלה פון 1859 האט שוין נישט געקענט קרעפטיג ארויסטרעטען. פראנקרייך האט בעקומען פאר זיינע שטילע הילף סאוואיען און ניצא. די ווענעדיגער פראווינצען זענען געבליבען ביי עסטרייך. דעם פויפסטס פראווינצען האבען צוטיילט צפון־איטאליען פון דרום־איטאליען, און די שטאדט רוים

איז נאך געווען אין דער מאכט פון פויפסט, וואס איז געווען געגען יעדע בעפרייאונגס־בעוועגונג בכלל, און בפרט געגען דער נייער פעראייניגטער איטאליענישער מלוכה. גאריבאלדי, וואס האט פיינד געהאט דיפלאמאטיע, האט צוויי מאל געפרובט זעלבסטשטענדיג צו פערחאפען די רוימישע פראווינץ. איינמאל האט וויקטאר עמאנועל אליין נישט דערלאזען דערצו. א צווייטען מאל האבען די פראנצויזען געשטיצט דעם פויפסט. אום אז איטאליען זאל ווערען פעראייניגט אינגאנצען, האט מען געמוזט אבווארטען א נייעם צושטאנד אין דער פאליטיק פון די אינטערנאציאנאלע מלוכות, וואס זאל זיין גינסטיג פאר איטאליען.

דאס אינוועניגסטע לעבען פון פראנקרייך, וואס האט אין דרויסען בעוויזען אזוי פיעל גבורות אין די שלאכטען, איז געווען א צוזאמענמישונג פון פראגרעסיווע אידעען און פון מיליטערישען דעספאטיזם. האטש לפנים איז פראנקרייך פערוואלטעט געווארען דורך א פאלקס־פערטרעטונג, האטש דער אימפעראטאר איז געוועהלט געווארען פון א פאלעביסציט (דורך די אבשטימונג פון גאנצען פאלק), די דעפוטאטען־פון אלגעמיינע וואהלען, און דער וועהלער האט נישט געדארפט אויפווייזען קיין שום צענז (פערמעגען) דערביי—פונדעסטוועגען האט די גאנצע מאכט בעזעסען דער אימפעראטאר. די געזעצ־פארשלאגען זענען געווען אבהענגיג פון מלוכה־ראט, און די פאלאטעס האבען נישט געהאט קיין רעכט אליין צו מאכען פארשלעגע, ווענינסטענס זענען זייערע פארשלעגע געשטאנען אונטער דער השגחה פון סענאט, וואס איז בעשטאנען לויטער פון גענעראלען, עפיסקאפען און הויכע לייט, וועלכע דער קייזער אליין פלעגט בעשטימען. די פרעסע איז געשטאנען אונטער א שטרענגער צענזור, און די גאנצע פראנצויזישע געזעלשאפט—אונטער דער אויפזיכט פון דער ביוראקראטיע. מיט אזוינע לייט, וואס האבען זיך דערוועגט נישט צו זיין צופריעדען מיט דער צווייטער אימפעריע, האט מען זיך נישט געצעמאניעט. די פאליציי פלעגט זיי אוועקזעצען הינטער די גראטעס, אדער מען פלעגט זיי אהן א שום געריכט פערשיקען אין אלזשיר און קאיענע, ווערטליך, אין דעם ארט, וואו פעפער וואקסט. נאכדעם, ווי דער איטאליענער ארסיני האט געמאכט אן אטענטאט (געפרובט ערמארדען) אויף נאפאלעאן דעם דריטען, האט נאך די פאליציי בעקומען א סך גרעסערע פולמאכטען איבער די בירגער פון לאנד. נישט קוקענדיג, וואס עס איז געווען זעהר שווער די לאגע פון דער אפאזיציע אין לאנד, האט זי זיך פארט ארויסגעוויזען אין די פאלאטעס, און מיט יעדעס יאהר איז די

אפאזיציע אלץ געוואקסען שטארקער. טיער, פאווער און גאמבעטטע פלעגען נישט אויפהערען צו האלטען זייער פלאמענדיגע רעדען, וואס פלעגען ארויסרופען א שטארקען אבקלאנג אין גאנץ פראנקרייך.

דער אימפעראטאר האט נישט נאר געהאלטען פראנקרייך אין זיינע הענד מיט דער הילף פון דער פאליציי; ער האט אויך געזארגט דערפאר, צו קרעפטיגען פראנקרייך אין עקאנאמישער הינזיכט, שוין דאס אליין, וואס פראנקרייך האט ווידער בעקומען א פעסטע ארדנונג—האט שטארק אויפגעלעבט דעם האנדעל און די פאבריקאציע. צוליעב די פערשיעדענע גוטע האנדעלס-אבמאכען מיט ענגלאנד, דייטשלאנד און אנדערע מדינות האבען די פראנצויזישע פראדוקטען בעקומען פרישע מערק. אום צו פערשטארקען דעם האנדעל מיט די קאלאניעס, האט נאפאלעאן געפיהרט אינאיינעם מיט ענגלאנד א קריעג געגען חינא און ער האט געצוואונגען די חינעזער עטליכע פון זייערע פארטען צו עפענען פאר די איראפעאישע קויפלייט. דערביי האט ער איינגענומען פאר פראנקרייך קאכינ-חינא און ענערגיש מיטגעהאלפען, אז מען זאל וואס גיכער ענדיגען די אויסגראבונגס-ארבייטען פון סועץ-קאנאל. פראנקרייך גופא איז געווארען בעדעקט מיט א נעץ פון אייזענבאהנען. די רעזולטאטען פון די אלע אונטערנעהמונגען זענען געוועזען פאר'ן האנדעל גלענצענדע. פראנקרייך'ס האנדעלס-אומזאץ האט זיך אין א משך פון 10 יאהר פערדאפעלט. די אויפלעבונג פון האנדעל האט אויך געהויבען דעם ארבייטער-לוין; חוץ דעם האט דעם ארבייטער נישט געפעהלט קיין ארבייט, צוליעב דעם, וואס די רעגיערונג האט נישט אויפגעהערט צו בויען נייע און צו רעמאנטירען די אלטע מלוכה-בנינים. דער אימפעראטאר האט אויך געזארגט דערפאר, אז די עקאנאמישע אויפלעבונג פון לאנד זאל זיך ווארפען אין די אויגען. אין 1867 האט ער איינגעארדענט אין פאריז א וועלט-אויסשטעלונג, וואס האט געדארפט ווייזען דער וועלט די פראנצויזישע פאבריקאציע און קונסט אין די שענסטע גלענצענדיגסטע פארבען.

דאס גייסטיגע לעבען אין פראנקרייך איז אבער שטארק געפאלען. די פראנצויזען זענען ווידער געווארען די געזעצגעבער פון איראפא אין געשמאקס-פראגען און מאדע-זאכען, נאר אין דער געזעלשאפט איז געוועזען צו מערקען, אז די מאראל איז געפאלען און אז עס זענען שוואך געווארען די אינטערעסען צו העכערע פראגען. פאריז האט נאר געהאט איין גאט, דעם גאט פון רייכקייט, און דער איינציגער זין פון לעבען איז געוועזען, זיך אנצוטהון וואס מעהר תענוגים. ביי אזא צושטאנד איז

קיין וואונדער נישט, וואָס פֿראַנקרייך צו דער צייט פֿון אימפּעראַטאָר איז בעדעקט געוואָרען פֿון אַ גאַנצער אַרמעע בעשטעכליכע מענשען און גנבים, וואָס בע׳גנב׳ענען די מלוכה־קאַסע.

די דאָזיגע מאָראַלישע אָבשוואַכונג פֿון פֿראַנקרייך האָט מיט דער צייט געקענט ווערען די סבה פֿון אַ גרויסער סכנה פֿאַר׳ן לאַנד, ווייל נאָהענט נעבען פֿראַנקרייך איז געוואַכסען אַ מעכטיגע מלוכה פּרייסען, וואָס האָט גענומען שטאַרק בליהען, זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען צו רעפאָרמירען. גלייכצייטיג מיט דער פֿעראייניגונג פֿון איטאַליען האָט זיך צוגעגרייט די פֿעראייניגונג פֿון דייטשלאַנד. די 80־ער יאָהרען אין דייטשלאַנד זענען געווען, ווי אומעדום, די יאָהרען פֿון רעאַקציע. אָן דער שפּיץ פֿון דער רעגיערונג זענען געשטאַנען די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען, און די ליבעראַלע בירגער, פֿיהלענדיג אַז זיי קאָנען גאָרנישט אויפֿטהון אין פּאַרלאַמענט, פלעגען זיך נישט בעטייליגען אין די וואַהלען. דערווייל אָבער איז דייטשלאַנד בנוגע צו האַנדעל און פֿאַבריקאַציע שטאַרק אויסגעוואַכסען. דאָס לאַנד האָט זיך בעדעקט מיט אייזענבאַהנען. אין 20 יאָהר פֿון 1840 ביז 1860, איז פֿערגרעסערט געוואָרען דאָס נעץ פֿון די אייזענבאַהנען מעהר אַ אויף 20 מאָל. די אינדוסטריעלע קרעפטען זענען געוואָרען אַזוי מעכטיג, אַז די רעגיערונג האָט זיך געמוזט אָנהויבען מיט זיי צו רעכענען. דער פּרייסישער קעניג ווילהעלם דער ערשטער (פֿון 1857), וואָס איז פֿריהער געגאַנגען מיט דער רעאַקציע, האָט איצט שוין פֿערשטאַנען, אַז מען מוז צוציהען די ליבעראַלע פּאַרטייען. באַלד זענען די ליבעראַלע בירגער מאַסענווייז אַריינגעדרונגען אין פּאַרלאַמענט, וואו זיי האָבען געהאַט די מעהרהייט. צווישען די ליבעראַלע פּאַרטייען אין דער פּרייסישער רעגיערונג האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַ קאַמפּף וועגען דער פֿראַגע פֿון די מיליטערישע רעפאָרמען.

דער קעניג האָט געהאַלטען פֿאַר נויטיג צו פֿערשטאַרקען די אַרמעע אין פּרייסען, דער פּאַרלאַמענט אָבער האָט נישט געוואָלט בעלאַסטען די בעפֿעלקערונג מיט נייע אָבגאָבען, צוליעב די גרעסערע הוצאות אויפֿ׳ן מיליטער. עס איז אויסגעבראָכען אַ קאָנפֿליקט צווישען קעניג און פּאַרלאַמענט, וועלכער פֿלעגט סיסטעמאַטיש נישט בעשטעטיגען די נייע הוצאות אויף דער אַרמעע. אין די גרויסע פֿאַבריקאַציאָנס־צענטרען האָט זיך געבילדעט אַ שטאַרקע פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, וואָס האָט געקעמפּפֿט פֿאַר די פֿולע רעכטען פֿון פּאַרלאַמענט און איז געווען שטאַרק אויפֿגערעגט, וואָס דער קעניג פֿלעגט, זיך נישט רעכנענדיג מיט׳ן פּאַרלאַמענט, מאַכען

זעלבסטשטענדיג די אויסגאבען אויף צו פערשטארקען דאס מיליטער. פיער־יאהר האט זיך געצויגען דער קאנפליקט. דער קעניג האט פונאנדערגעלאזען דעם פארלאמענט, אבער די נייע וואהלען האבען געגעבען נאך א שטארקערע צאהל פון אפאזיציאנעלע דעפוטאטען. דער קעניג איז שוין מיעד געווארען פון קאמפף מיט'ן פארלאמענט. ער האט שוין געוואלט אבדאנקען. אבער אין דער לעצטער קריטישער מינוט האט ער בעשלאסען איינצולאדען אין מיניסטעריום דעם בראנדענבורגער עדעלמאן ביסמארק'ען, דעם פארשטעהער פון פרייסען אין גערמאנישען בונדס־ראט. ביסמארק האט נאך אין 48־טען יאהר זיך ערקלערט אלס געגנער פון דער קאנסטיטוציע און אלס אנהענגער פון אנ'אונבעגרענצטער קעניגליכער מאכט. אנגענהמענדיג די מיניסטער־שטעלע, האט ער געראטען דעם קעניג זיך נישט צו רעכענען מיט דער פאלאטע און איינצונעהמען די נייע מיליטער־אבגאבען געגען ווילען פון פארלאמענט. ביסמארק האט קיאר ארויסגעזאגט זיין פראגראם אין פארלאמענט: „די פעראייניגונג פון דייטשלאנד וועט נישט אויסגעפיהרט ווערען דורך דרשות און דורך די בעשלוסען פון פארלאמענט, נאר דורך אייזען און בלוט". ביי דעם קאנפליקט צווישען פארלאמענט און קעניג איז נישט וויכטיג דאס, ווער עס רעכענט זיך מעהר מיט'ן געזעץ, נאר דאס, ווער עס האט די גרעסערע פאקטישע מאכט.

אין דער צייט פון דעמדאזיגען קאנפליקט איז צום ערשטען מאל ארויסגעטרעטען די ארבייטער־פארטיי אין דייטשלאנד. אין די גרויסע פאבריקאציאנס־צענטרען אין זאכסען, שלעזיען און ביים רהיין האט שוין געארבייט צו נוצען פון די ארבייטער שולצע דעליטש, אביגער פון דער פראגרעסיווער פארטיי, וועלכער האט אגיטירט צווישען די ארבייטער, אז נאר זעלבסטהילף קאן פערבעסערען זייער לאגע, און ער האט געראטען די ארבייטער צו גרינדען פרייע פראדוקטיווע געזעלשאפטען. די דאזיגע עצות האבען אפשר געהאט א ווערדע פאר קליינע בעלי־מלאכות, אבער נישט פאר פאבריק־ארבייטער, וואס פערמאגען נישט די קאפיטאלען אויף צו גרינדען פאבריקאציאנס־געזעלשאפטען און אויף צו קאנקורירען מיט די גרויסע קאפיטאליסטישע פאבריקען. געגען שולצע דעליטש איז שארף ארויסגעטרעטען פערדינאנד לאסאל (1824—1864), א גוואלטיגער רעדנער און איינער פון די גרעסטע פערטרעטער פון סאציאליזם אין איירופא. זיין איינפלוס אויף די ארבייטער־מאסען אין דייטשלאנד איז געווען א מעכטיגע. ער

האָט אויסגעלאַכט די מיטלען פֿון שולצע־דעליטש׳ען. ער האָט ערקלערט די אַרבייטער, אַז זיי מוזען זיך אָנהויבען אינטערעסירען פֿאַר דער איננערער פּאָליטיק, אַז זיי מוזען שטעלען דער רעגיערונג די הויפּט־פֿאָדערונג פֿון אַן אַלגעמיינעם גלייכען וואַהל־רעכט, ווארום נאָר ביי אַזאַ אַלגעמיינעם גלייכען וואַהל־רעכט וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט צו ווערען אַ מאַכט אין דער מלוכה, וועלכע וועט פֿערטיידיגען די אינטערעסען פֿון די אַרבייטער נישט וועניגער, ווי די אינטערעסען פֿון די גוטס־בעזיצער און דער בורזשואַזיע. לאַסאַל האָט מיט זיין געוואַלטיגער ענערגיע פֿעראייניגט די צושטרייטע בונדען פֿון די פֿערשידענע דייטשע אַרבייטער און געגרינדעט אין 1863 דעם דייטשען אַרבייטער־בונד, וואו ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס פּרעזידענט אויף פֿינף יאָהר. זיינע פֿאָלמאַכטען אין דעם ערשטען דייטשען אַרבייטער־בונד זענען געווען כמעט דיקטאַטאָרישע, אונבעגרענצטע.

אין דער צייט פֿון קאָנפליקט פֿון קעניג מיט׳ן פּאַרלאַמענט האָט לאַסאַל געפֿיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט ביסמאַרק׳ען, און ער האָט איהם צוגעזאָגט די שטיצע פֿון דער אַרבייטער־מאַסע געגען דעם אַלגעמיינעם פֿיינד, דער בורזשואַזיע. אָבער צו אַ בונד צווישען קעניגטום און אַרבייטער איז נישט דערגאַנגען צוליעב לאַסאַל׳ס פּלוצלינגען טויט אויף אַ דועל. ביסמאַרק האָט זיך שפּעטער בענוצט מיט לאַסאַל׳ס געדאַנקען וועגען אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט, אום צו האָבען אין דער איננערער פּאָליטיק שטענדיג אַ קלאַס, וואָס געהט נישט צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע.

לאַסאַל׳ס אַרבייטער־פּאָליטיק האָט געפֿונען אַ געניאַלען געגנער אין קאַרל מאַרקס׳ען. נאָך אין 1848 איז מאַרקס אַרויסגעטרעטען מיט זיין בעריהמטען מאַניפֿעסט צו די אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט. צוזאַמען מיט זיינע שילער ליבקנעכט און בעבעל האָט ער געגרינדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי, וועלכע, צום אונטערשיעד פֿון לאַסאַל׳ען, האָט איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל ערקלערט, אַז זי מאַכט נישט מיט קיין אָבמאַכען מיט קיין שום פּאַרטיי, חוץ סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטייען.

דער קאָנפליקט צווישען פּאַרלאַמענט און קעניג איז געוואָרען מיט איטליכען יאָהר שטאַרקער און ביסמאַרק האָט איינגעזעהען, אַז מען מוז וואָס גיכער איבערציינגען דעם פּאַרלאַמענט אין דער וויכטיגקייט פֿון אַ שטאַרקער מיליטערישער מאַכט ביי אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אומשטענדען. דערום האָט ער אין 63־טען יאָהר אויסגענוצט די ירושה־פֿראַגע וועגען האָלשטיין

און דענעמאַרק. צוזאַמען מיט די עסטרייכער איז ער אַריין אין דענעמאַרק און נאָך אַ קורצער מלחמה האָט ער צוגענומען האָלשטיין פון דענעמאַרק פאַר'ן גערמאַנישען בונד.

באַלד דערויף האָט פרייסען ערקלערט מלחמה עסטרייך צוליעב שלעזוויג. ביסמאַרק האָט זיך פעראייניגט צוליעב דעם מיט עסטרייכ'ס אַלטען שונא, איטאַליען. נאַפּאָלעאָנ'ען האָט ער האַלב צוגעזאָגט אַ טייל פון די פּראָווינצען ביי'ם רהיין. אין פראַנקפורט האָט דער פרייסישער פאָרשטעהער פערלאַנגט, אַז מען זאָל עסטרייך אויסשליסען פון גערמאַנישען בונד.

דער קריעג מיט עסטרייך (1866), צוליעב פרייסענס בעסערע וואַפען, האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיעג פון פרייסען. נאָר אַזוי ווי נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערשראָקען דערפאַר, וואָס פרייסען הויבט אָן שטאַרק צו וואַכסען אַלס מיליטערישע מאַכט, און האָט שוין געהאַלטען דערביי זיך אַריינ־צומישען אין קריעג צום נוצען פון עסטרייך—האָט ביסמאַרק גיך גע־שלאָסען פריעדען מיט עסטרייך, נישט שטעלענדיג דערביי קיין האַרבע בע־דינגונגען. עסטרייך האָט גאָרנישט פערלאָרען פון זיינע לענדער, חוץ די ווענעדיגער פּראָווינצען, וואָס דייטשלאַנד האָט אָבגעטרעטען נאַפּאָלעאָנ'ען (דער לעצטער האָט די פּראָווינצען אַוועקגעגעבען דעם קעניג פון איטאַליען). דער אַלטער גערמאַנישער בונד איז בטל געוואָרען, אין נייעם איז עסטרייך געוואָרען אויסגעשלאָסען. פרייסען האָט בעקומען די אויבערהערשאַפט אין בונד. ביסמאַרק האָט בעוויזען דעם פּאַרלאַמענט די וויכטיגקייט פון שטאַרקען מיליטער; ער האָט בעהעפט צו דייטשלאַנד שלעזוויג־האָלשטיין, האַנאָווער, העסען, קאַסעל א. ז. וו. די דרום־מלוכות פון דייטשלאַנד האָטש זיי זענען געבליעבען אונאַבהענגיג, האָבען זיך פערפליכטעט צו־צושטעלען זייערע אַרמעען, ווען פרייסען וועט זיי בעדאַרפען. בנוגע צום גרענעץ־צאָל האָבען אַלע דייטשע מלוכות געבילדעט איין איינציגען בונד.

דער קריעג פון 1866 האָט עסטרייך געצוואונגען זיך צו נעהמען פאַר גרעסערע רעפאָרמען. נאָכ'ן קריעג האָט עסטרייך די מאָנאַרכיע צוטיילט אויף צוויי העלפטען: אויף די ציזלייטאַנישע (וואָס בעשטעהט פון די דייטשע לענדער, בעהמען, מאַראַוויען און גאַליציען) און אויף די טראַנס־לייטאַנישע (וואָס בעשטעהט פון אונגאַרן, האָרוואַטיען, דאַלמאַציען א. ז. וו.). איטליכע העלפט האָט זיך איהר פערוואַלטונג, איהר פּאַרלאַ־מענט, איהר אייגענעס מיניסטעריום. נאָר די אויסערע פּאָליטיק, די

אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמעע ווערט בעראַטען פון אַ דעלעגאַציע, וואָס ווערט אויסגעקליבען פון ביידע פאַרלאַמענטען. איינצעלנע פראָווינצען האָבען נאָר בעקומען אַ ברייטע זעלבסטפערוואַלטונג, נאָר אום דימאָנאַרכיע, צוליעב איהרע פיעלע נאַציאָנען, זאָל נישט צופאַלען – האָבען אין ציסלייטאַניען בעקומען מיט דער הילף פון דער צענטראַלער רעגיערונג די פאָליטישע איבערהערשאַפט די דייטשען, און אין טראַנסלייטאַניען – די אונגאַרען. די סלאַווען, וואָס זענען אַלע צוזאַמען די גרעסטע פון די פעלקער אין עסטרייך, שפיעלען נישט קיין שום ראָליע. ווייל די חאָרוואַטען, מאָראַווען, סלאָוואַקען, טשעכען שטאַמען אפילו אָב אַלע פון סלאַווען, אָבער זיי פערבינדען נישט קיין געמיינשאַפטליכע היסטאָריע און קיינע געמיינשאַפטליכע טראַדיציעס און זיטען. אין דער צוברעקעלטקייט פון די סלאַווישע שבטים ליעגט דער כח פון די אונגאַרען און דייטשען.

ביסמאַרק'ס שעפּפונג פון אַ מעכטיגען גאָרד־גערמאַנישען בונד איז נאַפּאָלעאָנ'ען שטאַרק נישט געפעלען. אין די 60־ער יאָהרען האָט נאַפּאָלעאָן נישט געהאַט קיין גליק אין זיינע אונטערנעהמונגען, און זיין אויטאָריטעט איז שטאַרק געפאַלען. גלייכצייטיג איז אויסגעוואַכען ביי זיין זייט אַ גרויסע קראַפט, וואָס איז בכח אבצושטויסען די פראַנצויזען ביי יעדער געלעגענהייט, ווען זיי וועלען פערטשעפען דייטשע ערד. אין פראַנקרייך גופא איז די אָפּאָזיציע שטאַרק אויסגעוואַכסען דערווייל, און דער קייזער האָט געמוזט בעשטעטיגען אַ מיניסטעריום, וואָס די מעהרהייט פון דער פאָלקס־פערטרעטונג האָט אַרויסגעשטעלט. האָטש די קענער פון דער פראַנצויזישער אַרמעע האָבען אָבגעראַטען נאַפּאָלעאָנ'ען פון אַ קריעג מיט דייטשלאַנד, נאָר דער אימפעראַטאָר און זיינע פערטרויטע זענען געווען איבערצייגט, אַז דער יונגער דייטשער בונד וועט נישט קענען בּיישטעהען די וואַפען פון דער פראַנצויזישער אימפעריע, און זיי האָבען כסדר גזוכט אַ צוטשעפעניש אויף צו ערקלערען דייטשלאַנד אַ קריעג. ין 1870 האָט זיך געפונען אַזאַ געלעגענהייט. די שפּאַניער האָבען אַרויס־עטריבען זייער קעניגין איזאַבעלע און האָבען פאָרגעשלאָגען דעם לעדיגען טהראָן אַ ווייטען קרוב פון פּריסישען קעניג, פּרינץ לעאָפּאָלד פון האָהענצאָלערן. דער פּרינץ האַט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען צוערשט, נאָר ווען די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט דאַגעגען פּראָטעסטירט, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון פאָרשלאַג. דער פראַנצויזישער געזאַנדטער האָט אָבער דערמיט זיך נישט בענוגענט און האָט פערלאַנגט פון פּריסישען קעניג,

אַז ער זאָל אָפיציעל ערקלערען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט צולאָזען צו דער קאַנדידאַטור פון דעם דאָזיגען פּרינץ. דער קעניג האָט נישט איינגעשטימט אויף די דאָזיגע גראָבע פאָדערונג. באַלד ווי דער קעניג האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער דאָזיגער פאָדערונג, האָט דער פראַנצויזישער געזאַנדטער בעקומען דעם אויפטראַג פון פראַנקרייך צו פערלאָזען בערלין, און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קריעג.

פינפטעס קאַפּיטעל.

די עפּאָכע פון די נאַציאָנאַלע איבערקערענישען.

דער קריעג פון 1870—71.—די דייטשע אימפּעריע. די פראַנצויזישע רעפּובליק.—איטאַליען.—ענגלאַנד.—די מזרח-פראַגע.—דער רוסיש-טערקישער קריעג.—דער בערלינער קאָנגרעס.—די פעראייניגטע שטאַטען. דער נעגערן-בעפרייאונגס-קריעג.—יאַפּאַן.

די דייטשע מלוכות האָבען בעקומען די מעגליכקייט אַלע זייערע קרעפטען צו קאָנצענטרירען געגען פראַנקרייך אַ דאַנק רוסלאַנד, וואָס האָט זיך געהאַלטען אויפ'ן צד פון דייטשלאַנד. רוסלאַנד האָט נישט נאָר ערלויבט צו לאָזען דייטשלאַנד די מזרח-פּראָווינצען אָהן אַ מיליטערישען שוץ, נאָר עס האָט אויך נישט דערלאָזען עסטרייך זיך אַריינצומישען אין דער מלחמה, און זיך נוקם צו זיין פאַר דער מפּלה אין 1866-טען יאָהר. דער פּרייסישער גענעראַל-שטאַב מיט'ן געניאַלען גענעראַל מאָלטקע בראש האָט אויסגעצייכענט אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן פון דער מלחמה. שוין דריי וואָכען נאָך דער קריעגס-ערקלערונג האָט שוין דייטשלאַנד געהאַט ביי די גרענעצען פון פראַנקרייך אַנ'אַרמעע פון 500 טויזענד מאַן, די פראַנצויזישע רעגיערונג דאַגעגען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זי האָט זיך געאיילט ארויסצורופען וואָס גיכער דעם קריעג מיט דייטשלאַנד, איז געווען אַסך ערגער צוגעגרייט צום קריעג. אין איין איילעניש האָט מען צונויפגעשטעלט אַנ'אַרמעע פון ¼ מיליאָן, נאָר נישט אַלע פּאָלקען זענען געווען פאַרטיג צום קריעג. דער צופיהר פון שפּייז פאַר'ן חיל איז געווען שלעכט אָרגאַניזירט, און עס איז נאָך נישט געווען אויסגעאַרבייט דער קריעגס-פּלאַן. אַנשטאָט אָנצופאַלען אויף דייטשלאַנד, האָט פראַנקרייך געמוזט זיך פערטיידיגען געגען אַ גרעסערער פיינדליכער אַרמעע, וואָס עס האָבען

קאָמאַנדירט די געניאַלע גענעראַלען ראָלאַן, מאָלטקע און אַנד. די דרום־גערמאַנישע אַרמעע האָט צושלאָגען די אַרמעע פֿון מאַקמאַהאָנ׳ען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די פֿראַנצויזען האָבען זיך געוועהרט מיט אַלע כּחות. די פּרייסען האָבען אין דריי שלאַכטען געצוואונגען די אַרמעע פֿון באַזענ׳ען זיך צו פֿערפעסטיגען אין דער פֿעסטונג פֿון מעץ, פֿון וואַנען זיי האָבען איהם שוין נישט אַרויסגעלאָזען. אונטערדעסען האָט מאַקמאַהאָן צונויפגעשטעלט אַ נייע אַרמעע און איז אַוועק מיט איהר אויף מעץ צו בעפרייען באַזענ׳ען. מיט דער אַרמעע איז אויך מיטגעפאָהרען נאַפּאָלעאָן. ביי סעדאַן האָבען די דייטשע אַרמעען אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען מאַקמאַהאָנ׳ען, און נאָך אַ שלאַכט, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצען טאָג, האָט מאַקמאַהאָנ׳ס אַרמעע זיך געמוזט אונטערגעבען. 80 טויזענד מאַן האָבען אָבגעגעבען זייערע וואַפֿען. נאַפּאָלעאָן אַליין איז געוואָרען דער געפֿאַנגענער פֿון די דייטשען. נאָך דער מפּלה איז די קייזערין עווגעניע אנטלאָפֿען פֿון פּאַריז. פּאַריז האָט זיך באַלד דערויף ערקלערט אַלס רעפּובליק. דעם ווידערשטאַנד געגען שונא האָט גענומען דורכפֿיהרען די אָפּאָזיציע, און דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר דערפֿון איז געוואָרען גאַמבעטע. נאָר עס איז שוין אוממעגליך געווען צו געהען ענטגעגען דעם מעכטיגען פֿיינד, נאָכדעם ווי די רעגולערע אַרמעע איז שוין כּמעט צושלאָגען געוואָרען. באַזען, וואָס האָט זיך פֿערפֿעסטיגט אין מעץ, האָט נאָך געהאַט אונטער דער קאָמאַנדע אַן אויסגעצייכענטע רעגולערע אַרמעע, נאָר עד היום איז נישט קלאָר, פֿאַרוואָס ער האָט נישט געמאַכט קיין איין פּרובּ זיך דורכצורייסען מיט זיין אַרמעע דורך דעם פֿיינדליכען חיל. ער איז אַזוי לאַנג געבליבען אין פֿעסטונג, ביז ער איז געצוואונגען געוואָרען זיך מיט חרפּה אונטערצוגעבען מיט אַן אַרמעע פֿון 175 טויזענד מאַן. די פֿראַנצויזען זענען געווען איבערצייגט, אַז באַזען איז אונטערגעקויפֿט געוואָרען פֿון די דייטשען, און ביי דער נידעריגער מאָראַל פֿון נאַפּאָלעאָנ׳ס הויף בעאַמטע איז דאָס געווען צו גלויבען.

נאַמבעטע האָט פֿונדעסטוועגען נישט אויפגעהערט צו אָרגאַניזירען אַ ווידערשטאַנד געגען די דייטשען, וואָס האָבען זיך געלאָזען געהען אויף פּאַריז. אין אַלע פּראָווינצען האָבען זיך געבילדעט אַרמעען פֿון פֿרייוויליגע, וואָס האָבען העלדיש געקעמפֿט געגען איינצעלנע פּאָלקען פֿון פֿיינד. די פֿרייוויליגע האָבען אָבער נישט געקענט ביישטעהען געגען דעם געלערנטען סאָלדאַט, און דער סוף איז געווען, אַז פֿראַנקרייך אָט בעקומען אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה. דער גאַרניזאָן פֿון פּאַריז איז אויך

בעשטאַנען פֿון יונגע נישט דערלערנטע סאָלדאַטען, און צווישען זיינע קאָמאַנדירען זענען נישט געווען קיין פֿעהיגע קריעגס-פֿיהרער. נאָר די בירגער פֿון פּאַריז מיט די יונגע סאָלדאַטען האָבען געטהון אַלעס מעגליכע אויף נישט אַריינצולאָזען די דייטשען אין דער פֿראַנצויזישער הויפּטשטאָדט. נישט די באָמבאַרדירונג האָט זיי געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען, נור דער מורא'דיגער הונגער. פּאַריז האָט זיך אונטערגעגעבען ערשט דערנאָך, ווען אין שטאָדט אין שוין מעהר נישט געווען קיין ברויט און אַפּילו קיין פֿערדען-פֿלייש. נאָכדעם, ווי פּאַריז איז געפֿאַלען, האָבען שוין די פֿראַנצויזען נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו שליסען שלום בײַ פֿאָלגענדע בעדינגונגען: פֿראַנקרייך גיט אָב גאַנץ עלזאַס און מזרח-לאָטרינגען מיט דער פֿעסטונגס-שטאָדט מעץ און בעצאָהלט אַ קריעגס-קאָנטריבוציע פֿון 5 מיליאַרד פֿראַנק.

דייטשלאַנד האָט הויפּטזעכליך צוליעב'ן קריעג דערגרייכט דאָס, צו וואָס עס האָט געשטרעבט דעם גאַנצען 19-טען יאָהרהונדערט, — די פֿעראייניגונג פֿון דייטשלאַנד. שוין צו דער צייט פֿון דער פּאַריזער בעלאַגערונג האָט מען אין שלאָס פֿון די אַמאָליגע פֿראַנצויזישע קעניגען ערקלערט ווילהעלם דעם 1-טען פֿאַר דעם אימפּעראַטאָר פֿון דייטשלאַנד. די זיעגען פֿון 1870—71 האָבען געמאַכט אַ סוף צו אַלערליי פּריוואַטע סכסוכים צווישען די איינצעלנע דייטשע מלוכות. פֿון דעם קריעג אָן איז איינגעפֿיהרט געוואָרען אין דייטשלאַנד אַזאַ סדר. יעדע דייטשע מלוכה פֿיהרט די מייסטען אינערע פֿערוואַלטונגס-עסקים זעלבסטשטענדיג, און די אַלגעמיינע אַנגעלעגענהייטען ווערען בעראַטען פֿון אימפּעראַטאָר, פֿון בונדס-ראַט (דער בונד פֿון אַלע מלוכות) און פֿון דייטשען פּאַרלאַמענט, וואו עס ווערען אויסגעקליבען דעפּוטאַטען פֿון גאַנץ דייטשלאַנד, לויט די רעגעלען פֿון אַלגעמיינעם וואַהלרעכט. דער געוועהלטער פּאַרלאַמענט פֿאַר די אינערע אַנגעלעגענהייטען פֿון יעדער דייטשע מלוכה הייסט לאַנדטאַג, דער פּאַרלאַמענט, וואָס בעראַט אַלע דייטשע אַנגעלעגענהייטען, הייסט רייכסטאַג. צו אַזאַ סדר איז געקומען נישט נאָר צוליעב די יאָהרען 1870—71, נאָר הויפּטזעכליך דעריבער, ווייל די געזעלשאַפֿט אין דייטשלאַנד איז שוין לאַנג איבערצייגט געווען אין איהר קלאָרען בעוואוסטזיין פֿון דער נויטיגקייט פֿון אַ נאַציאָנאַלער איינינקייט.

פֿראַנקרייך האָט נאָכ'ן אומגליקליכען קריעג אָנגעהויבען צו פֿערהיי-

לען זיינע שרעקליכע וואונדען. אָבער עס איז געוועז אַ מאָמענט, ווען עס האָט שוין געהאַלטען, אַז פֿראַנקרייך זאָל איינגאַנצען אונטערגעהן. באַלד נאָכ'ן קריעג האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטיגער קאַמפּף אינ'ם לאַנד גופא. די פּאַריזער אַרבייטער־בעפֿעלקערונג האָט אָנגעהויבען פֿיהרען אַ קאַמפּף פֿאַר אַ ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג. זי האָט ערקלערט פֿראַנקרייך פֿאַר אַ „קאָמונע", וואָס האָט געדאַרפֿט מאַכען אַנ'עק מיט דער אונגלייכהייט אין אייגענטום אין סאָציאַלער הינזיכט אין פֿראַנקרייך, און האָט געדאַרפֿט ווייזען דער וועלט אַ מוסטער פֿון אַ נאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער מלוכה, וואָס איז צוטיילט אויף זעלבסטשטענדיגע אָרטיגע געמיינדען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אינערער קאַמפּף און דער אַמאָליגער טעראָר. די פֿראַנצויזישע נייע רעפּובליקאַנישע רעגיערונג האָט געמוזט אַ צווייטען מאָל בעלאַגערען פּאַריז געגען די אייגענע פֿיינד און געהמען די שטאָדט אין שטורם, וואָס האָט געדויערט פֿיער טעג נאָכאַנאַנד. די קאָמונע איז געוואָרען בלוטיג דערשטיקט, דאָס רעגיערונגס־מיליטער האָט זיך נוקם געווען אָן די קאָמונאַרען, ווי געגען אַנ'אויסערען שונא. די קאָמוניסטען האָבען אויך נישט געשוויגען, און האָבען געצונדען און געמאָרדעט, וואו עס איז נאָר מעגליך געווען. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס נאָכ'ן אומגליקליכען קריעג האָט זיך צופּלאַקערט די רעוואָלוציע פֿון דער קאָמונע, האָט פֿראַנקרייך דאָך בעוויזען, ווי גרויס איז זיין לעבענס־קראַפֿט. די רעגיערונגס־פֿאָרם, אַ רעפּובליקאַנישע, איז באַלד אָנגענומען געוואָרען פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג, און כאָטש די געוועהלטע אין די ערשטע רעפּובליקאַנישע פּאַלאַטעס זענען מייסטענס געווען מאָנאַרכיסטען (די קאָמונע האָט אַרויסגערופֿען די דאָזיגע רעאַקציע), אָבער ווידערהערצושטעלען די מאָנאַרכיע איז איצט געווען אַנ'אונמעגליכע זאַך. די דריי מאָנאַרכיסטישע פּאַרטייען (די בורבאָנען, די אָרלעאַנער און די באָנאַפּאַרטיסטען) האָבען זיך געריסען צווישען זיך, און ממילא האָט יעדער פּאַרטיי געשטיצט די רעפּובליק געגען די אינטריגען פֿון אַנ'אַנדער מאָנאַרכיסטישער פּאַרטיי. ביסלעכווייז האָבען זיך אויסגעאַרבייט די רעפּובליקאַנישע אַנשטאַלטען: חוץ דער פּאַלאַטע, וואו די דעפּוטאַטען אין איהר ווערען אויסגעקליבען נאָך די רעגעלען פֿון אַלגעמיינעם וואַהלרעכט, איז נאָך פֿאַרהאַן אַ סענאַט, אין וועלכען די סענאַטאָרען (אַ מין ענגלישע לאָרדען־פּאַלאַטע) ווערען אויסגעקליבען אויף בעזונדערע פֿערזאַמלונגען פֿון די גובערניעס. דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק ווערט אויסגעקליבען אויף זיעבען יאָהר אויף דער פֿעראייניגטער פֿערזאַמלונג

פֿון דער פּאַלאַטע און פֿון סענאַט. די בעפֿעלקערונג, וואָס האָט צוערשט נאָך אַלץ נישט אינגאַנצען געטרויט דער רעפּובליקאַנישער רעגיערונגס־פֿאָרם, איז מיט יעדען יאָהר געוואָרען מעהר און מעהר רעפּובליקאַניש געשטימט. די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטייען האָבען מיט יעדען יאָהר פֿערלאָרען זייער צוזונד אין דער בעפֿעלקערונג, און היינט שפּיעלען זיי שוין אין פֿראַנקרייך קיין שום ראָלע נישט. פֿראַנקרייכ׳ס רייכקייט, ווי אויך די ענערגיע און די אַרבייטס־פֿעהיגקייט פֿון פֿאָלק האָבען געגעבען דעם לאַנד די מעגליכקייט באַלד אויסצוצאָהלען די מורא׳דיגע קאָנטריבוציע און ווידער צו פֿערנעהמען צווישען די גרויסע האַנדעלס־מלוכות אַן׳אָנשטענדיגען פּלאַץ. דאָס לעבעדיגע נאַציאָנאַלע געפֿיהל, וואָס האָט נישט געקענט זיך בערוהיגען צוליעב דער נאַציאָנאַלער שאַנדע פֿון 1870—71, וואָס האָט שטענדיג געטראַכט אָבצונעהמען די פֿערלאָרענע פּראָווינצען עלזאַס־לאָטרינגען—האָט געבראַכט דערצו, אַז פֿראַנקרייך האָט ווידער בעקומען אַ מעכטיגע אַרמעע, צוליעב וועלכע פֿראַנקרייך איז ווידער געוואָרען אַ גרויסע מיליטערישע קראַפֿט, מיט וועלכער מען מוז זיך אַלעמאָל רעכנען אין דער אויסערער פּאָליטיק און מיט וועלכער מען מוז זיין זעהר פֿאָרזיכטיג.

דער קריעג פֿון 1870—71 האָט געהאַט נאָך אַ וויכטיגע בעדייטונג פֿאַר איטאַליען. דער פּויפּסט האָט אין די לעצטע צייטען געהאַלטען זיינע פּראָווינצען, נאָר אַ דאַנק נאַפּאָלעאָנ׳ען, וואָס האָט איהם געשטיצט מיט זיין אַרמעע. וויבאַלד אָבער צוליעב׳ן קריעג האָבען די פֿראַנצויזען געמוזט אָברופֿען זייער חיל פֿון רוים, איז ער געבליבען אָהן אַ שטיצע. וויקטאָר עמאַנועל האָט דערום נישט געזוימט צו פֿערנעהמען די „איביגע שטאָדט“ און צו בעהעפֿטען זי מיט איהרע פּראָווינצען צו איטאַליען. דערמיט האָט זיך געענדיגט די פֿאָלקאָמע פֿעראייניגונג פֿון איטאַליען.

די איבערקעהרעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מיטעל־אייראָפּאַ, האָט זיך אָבגערופֿען באַלד אויך אויף מזרח־אייראָפּאַ. עסטרייך, וואָס האָט פֿערלאָרען זיין איינפֿלוס אין דייטשלאַנד און זיינע פּראָווינצען אין איטאַליען, האָט זיך גענומען שטאַרק אינטערעסירען מיט מזרח־אייראָפּאַ, הויפּטזעכליך מיט׳ן באַלקאַן. דאַדורך איז עסטרייך געוואָרען אַן׳אָפּענער געגנער פֿון רוסלאַנד, וואָס האָט שטענדיג געטראַכט צו האָבען דעם איינאיינציגען איינפֿלוס אויפ׳ן באַלקאַן. עסטרייך האָט געהאָפֿט דערביי, אַז דייטשלאַנד וועט איהם שטיצען, ווייל חאָטש דייטשלאַנד האָט נישט קיין אינטערעס פֿאַר׳ן באַלקאַן, וויל עס דאָך נישט, אַז רוסלאַנד זאָל

ווערען צו מעכֿטיג, רוסלאַנד ווידער, זייענדיג זיכֿער, אַז דייטשלאַנד וועט איהם זיין דאַנקבאַר דערפֿאַר, וואָס עס האָט איהם אינדירעקט געשטיצט אין פֿראַנצויזישען קריעג, האָט עסטרייכֿ׳ס פּאָליטיק נישט גענוג אָבגעשאַצט און האָט אפילו געמאַכֿט אַ בונד מיט עסטרייך און דייטשלאַנד „דער בונד פֿון די דריי קיסרים“. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי ווייניג דאַנקבאַרקייט שפּיעלט אַ ראָליע אין דער וועלט־פּאָליטיק.

די לאַגע פֿון די טערקישע פעלקער האָט זיך ווייניג וואָס פערבעסערט. אין טערקיי האָט זיך שוין אפילו בעוויעזען אַ יונגע טערקישע פּאַרטיי, וואָס האָט געקלערט צו רעפֿאָרמירען טערקיי לויט׳ן אייראָפּעאישען מוסטער, אָבער די פּאַרטיי איז געווען אַזוי קליין, אַז זי האָט גאָרנישט געקענט אויפֿטהון. ווען די אייראָפּעאישע מלוכות פֿלעגען פֿון זייער זייט פֿערלאַנגען רעפֿאָרמען פֿאַר די קריסטליכֿע פֿעלקער אין טערקיי, פֿלעגען די טערקישע מיניסטאָרען באַלד צוזאָגען אַלערליי רעפֿאָרמען, אָבער ביי די צוזאָגען פֿלעגט עס בלייבען. די קריסטליכֿע פֿעלקער האָבען נאָר געהאַט איין מיטעל צו קירעווען די בליקען פֿון אייראָפּאַ אויף זיך—דורך בלוטיגע מרידות (בונטען), וואָס פֿלעגען זיך געוועהנליך ענדיגען דערמיט, וואָס די טערקיי פֿלעגט אויסקוילענען די בונטאָווטשיקעס טויזענדערווייז. די קליינע מלוכות, וואָס האָבען זיך איינציגווייז בעפֿרייט פֿון דער טערקישער אימפּעריע, האָבען זיך אויך געפֿיהלט שלעכט, און האָבען שטענדיג געזוכֿט אויסצובעסערען זייער לאַגע. אין 1862־טען יאָהר האָבען די גריכֿען פֿערטריעבען זייער קעניג אָטאָן, וואָס האָט גאָר נישט אויפֿגעטהון פֿאַר גריכֿענלאַנד, און האָבען אויסגעקליעבען דעם קעניג געאָרג דעם פּרינץ פֿון דענעמאַרק. דער נייער פּרינץ האָט בעקומען פֿון ענגלאַנד אַ געשאַנק די יאָנישע אינזעלן. אָבער ווען גריכֿענלאַנד האָט געוואָלט בעהעפֿטען צום לאַנד די אינזעל קרעטאַ, וואָס האָט זיך צובונטעוועט געגען טערקיי, האָט עס זיך געמוזט אָבזאָגען פֿון דעם וואונש, ווייל די טערקיי האָט איהם געסטראַשעט מיט אַ קריעג. מאָלדאַוויען און וואַלאַכֿיען האָבען זיך פֿעראייניגט צו איין מלוכה רומעניען. אַלס קעניג האָבען זיי אויסגעקליעבען אַ פּרייסישען פּרינץ (1866); די רומענער איז נאָר איבערגעבליעבען איינגאַנצען אַראָבצוואַרפֿען דעם יאָך פֿון דער טערקישער השגחה (פּראָטעקטאָראַט). סערביען האָט דער פֿירשט מיכֿאַאיל אָבגערייניגט פֿון די טערקישע סאָלדאַטען אין די פֿעסטונגען, אָבער סיי סערביען, סיי רומעניען, האָבען נאָך געשטרעבט זיך צו בעפֿרייען פֿון טערקיי׳ס אויבערהערשאַפֿט. צווישען די קליינע באַלקאַן־פֿעלקער האָט זיך שוין אפילו

אָנגעהויבען אַ קאַמפּף, אָבער די אַלגעמיינע סכנה פאַר'ן טערק האָט נאָר איינגעהאַלטען די שנאה פון די פעלקערלעך צווישען זיך אין געוויסע גרענעצען. אַלע באַלקאַן־פעלקער זענען געווען מעהר אָדער ווייניגער פּער־אינטערעסירט מיט דער אָרעמער לאַגע פון זייערע לאַנדס־לייט אין די טערקישע פּראָווינצען און מיט זייערע פּערצווייפעלטע אונטער־נעהמונגען אַראָבצוּוואַרפען פון זיך דעם שווערען טערקישען יאָך.

1875, האָבען זיך אָנגעהויבען די בונטען אין באָסניען און הערצעגאָווינאַ, נאָכדעם אין בולגאַריען. מיט וואָס פאַר אַן אַכזריות די טערקען זענען זיך בעגאַנגען מיט די בונטאָוושציקעס, דערצעהלט די אויספאָרשונג פון די ענגלישע קאָמיסאַרען. אין איין־איינציגער פיליפּאָ־פּאָלער פּראָווינץ האָבען די טערקישע טשערקעסען (באַשיבוזוקען) אויס־געקוילעט 12 טויזענד מאַן. די אייראָפּעאישע מלוכות האָבען דאַמאָלס פערלאַנגט פון דער טערקיי רעפאָרמען, און זיי האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף אַ קאָנפערענץ. די בונטאָווש־ציקעס האָבען פערלאַנגט פון די מלוכות, אַז אַנשטאָט די טערקישע רעפאָרמען זאָל מען זיי געבען אַ קריסטליכע רעגירונג. די טערקיי ווייטער האָט זיך אָבגעזאָגט צו געבען רעפאָרמען, האָפענדיג, אַז צוליעב דער קאָנקורענץ פון די מלוכות וועט סיי ווי סיי גאָרנישט ווערען פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ. סערביען און מאָנטע־נעגראָ, זיך שטיצענדיג אויף רוסלאַנד, האָבען זיך דערווייל געשטעלט אויף דער זייט פון באָסניען און הערצעגאָווינאַ. אָבער ביידע קליינע מלוכות האָבען נישט געקענט גובר זיין די טערקישע אַרמעען. ווען נישט רוס־לאַנד, וואָלט סערביען איינגאַנצען פערניכטעט געוואָרען.

די דיפּלאָמאַטישע בעראַטונגען פון דער קאָנפערענץ האָבען אָבער צו קיין רעזולטאַטען נישט געפיהרט, און אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט זיך ענדליך בעשלאָסען צו נויטען טערקיי צו די רעפאָרמען דורך אַן אָפענעם קריעג.

דער רוסיש־טערקישער קריעג האָט זיך געצויגען פון 1877—1878. די רוסען, וואָס האָבען נישט ערוואַרט קיין גרויסען ווידערשטאַנד פון דער שוואַכער טערקישער אַרמעע, האָבען צוערשט אַרויסגעשיקט נעגען טערקיי אַ קליינע אַרמעע. די דאָזיגע אַרמעע האָט זיך בעגעגענט מיט אַ גרויסער צאָהל טערקישען חיל, און זי האָט געמוזט אָבטרעטען. שפּעטער, אַז עס איז אָנגעקומען אַ צווייטע גרויסע רוסישע אַרמעע, האָט זיך דער קריעג געענדיגט מיט אַ ענדגילטיגער מפלה פאַר דער טערקיי. דאָס רוסישע חיל האָט שוין נישט ווייט געהאַלטען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די טערקישע

רעגיערונג איז געצוואונגען געוואָרען צו מאַכֿען דעם שלום פֿון סענ־סטעפֿאַנאָ. רוסלאַנד האָט בעקומען באַטום, קאַרס און דאָברודזשי (שפּעטער האָט רוסלאַנד אויסגעביטען ביי די רומענער דאָברודזשי אויף אַ שטיק בעסאַראַביען). סערביען, מאָנטענעגראָ און רומעניען זענען געוואָרען אונאַבהענגיג פֿון דער טערקישער רעגיערונג, און בולגאַריען איז געוואָרען אַ מלוכה, וואָס איז אונטערטעניג דער טערקיי. אָרגאַניזירען די דאָזיגע מלוכה האָט מען אָנפֿערטרויט רוסלאַנד. די ענגלישע רעגיערונג מיט לאָרד ביקאָנספֿיעלד־דיזראַעלי אָן דער שפּיץ, פֿיהלענדיג, אַז עסטרייך וועט צו איהר צושטעהען, האָט פּראָטעסטירט געגען דעם דאָזיגען פֿריעדענס־אָבמאַך פֿון סענ־סטעפֿאַנאָ. דער שלום פֿון סענ־סטעפֿאַנאָ איז איבערגעקוקט געוואָרען פֿון בערלינער קאָנגרעס, אין וועלכֿען עס זענען געווען פֿערטרעטען אַלע מלוכות אונטער דער פּרעזידענטשאַפֿט פֿון פֿירשט ביסמאַרק׳ען. לויט דעם קאָנגרעס האָט עסטרייך בעקומען באָסניען און הערצעגאָווינא, ענגלאַנד—די אינזעל ציפּערן (שפּעטער האָבען נאָך די ענגלענדער פֿערכאַפּט עגיפּטען), בולגאַריען איז צוטיילט געוואָרען אין צוויי טייל, דעם צווייטען טייל מזרח־רומעליען האָבען די טערקען צוריקבעקומען.

ענגלאַנד האָט פֿון אַלטע צייטען זיך געהאַלטען פֿאַר דער פּאָליטיק, זיך וואָס ווייניגער צו מישען אין די אייראָפּעאישע אַנגעלעגענהייטען און צו פֿיהרען נאָר אַ קריעגערישע פּאָליטיק אין פֿראַגען, בנוגע צו די קאָלאָניעס און צו מזרח־אייראָפּא. ענגלאַנד האָט נישט איינגעפֿיהרט ביי זיך קיין אַלגעמיינע ווערהפֿליכֿט, ווי אומעדום אין אייראָפּאָ. פֿלעגט זיך מאַכֿען אַ קריעג,—פֿלעגט עס צוזאַמענשטעלען אַן אַרמעע פֿון פֿרייוויליגע רעקרוטען, דערום האָט עס זיך נישט געקענט מעסטען מיט די מעכֿטיגע אַרמעען פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות. אַפֿילו אין די קאָלאָניעס האָט ענגלאַנד אָפֿט געליטען דערפֿון, וואָס זיין אַרמעע איז אין קליינע ראָטעס צוואָרפֿען איבער די גרויסע קאָלאָניעס. בעזונדערס קריטיש איז געווען ענגלאַנד׳ס לאַגע אין 1857–58 אין אינדיען. אינדיען איז פֿערוואַלטעט געוואָרען פֿון די בעאַמטע פֿון דער אָסט־אינדישער קאָמפּאַניע (ז. אויבען), וועלכֿע האָט אויסגעזויגען דאָס לאַנד און האָט נישט אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן די בעדערפֿנישען פֿון די געבוירטיגע אינדיער, וועלכֿע זיי האָבען בעטראַכֿט מיט גאוה, ווי ווילדע באַרבאַרישע מענשען. אין די דערמאָהנטע יאָהרען איז אויסגעבראָכֿען אַ גרויסער בונט אין אינדיען געגען די ענגלענדער. אין מאַנכֿע ענגלישע קאָלאָניעס האָט מען

די ענגלענדער אויסגעקוילעט ביז צום לעצטען מאן. ביי די איינגעבוירענע איז אָבער נישט געווען קיין אחדות, און ווען די ענגלישע רעגירונג האָט צוגענומען די פערוואלטונג פון דער קאָמפּאַניע, האָט זי שליסליך דערשטיקט דעם בונט און זיך גרויזאַם נוקם געווען אָן דער צובונטעווע־טער בעפעלקערונג.

אין די 60־טער יאָהרען האָט הויפּטזעכליך ענגלאַנד זיך אָבגעגעבען מיט אינערע רעפאָרמען. אָן דער שפּיץ פון די רעפאָרמען איז געשטאַנען דאַמאָלס דער ליבעראַלער מיניסטער גלאַדסטאָן. דער פיהרער פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי איז דאַמאָלס געווען ביקאָנספיעלד. צוערשט האָט גלאַדסטאָן דורכגעפיהרט פערבעסערונגען אין דער פינאַנץ־פערוואַל־טונג. דערנאָך דאָט ער דורכגעפיהרט אַ נייעם וואַהל־געזעץ, לויט וועל־כען פון אַלע 8 מיליאָן ערוואַקסענע ענגלענדער זענען געוואָרען וואַהל־בערעכטיגט 6 מיליאָן (אין 1885). אין 1869 האָט גלאַדסטאָן דורכגעפיהרט, אַז די אירלענדער (קאַטאָליקען) זענען נישט פערפּפליכטעט צו טראָגען אַ טייל פון די אויסגאַבען פון דער מלוכה־קירכע (אַנגליקאַנישע), און אין 1888 האָט ער אַריינגעטראָגען אין פּאַרלאַמענט דאָס „האָם־רול"־געזעץ, לויט וועלכען די אירלענדער בעקומען אַ זעלבסטשטענדיגע פערוואַלטונג מיט אַן'איינענעם פּאַרלאַמענט צו פיהרען די אירישע מלוכה. (דאָס האָם־רול־געזעץ, וואָס האָט דאַמאָלס אָבגעשוואַכט די ליבעראַלע פּאַרטיי, ווערט איצט אין 1913 אָנגענומען פון דער ענגלישער אונטערשטער פּאַלאַטע).

ווען גלאַדסטאָן איז דורכגעפאַלען מיט דער ליבעראַלער רעגירונג, איז אַריבער די מאַכט פון פּאַרלאַמענט אין די הענד פון דער טאָרי־פּאַרטיי. לאָרד ביקאָנספיעלד האָט דאַמאָלס גענומען דורכפיהרען אַ נייע פּאָליטיק, די אימפּעריאַליסטישע, דאָס הייסט, וואָס מעהר לענדער אויף דער וועלט צו שטעלען אונטער ענגלאַנד'ס מאַכט און השגחה. די הויפּט־קאָלאָניע אינדיען מיט אַ בעפעלקערונג פון 200 מיליאָן איינוואָהנער האָט ער ערקלערט פאַר אַן'אימפּעריע פון דער ענגלישער קרוין (דער ענגלישער הערשער הייסט „קעניג פון ענגלאַנד און קייזער פון אינדיען"). אום צו האָבען אין די הענד דעם סועץ־קאַנאַל, ד. ה. דעם נאָהענטסטען וועג צו אינדיען, האָט די ענגלישע רעגירונג פּלוצלינג אָבגעקויפט אויף אַ גרויסע סומע די אַקציען פון עגיפּטישען כעדיוו. נישט וועלענדיג דערלאָזען, אַז רוסלאַנד זאָל שטאַרק ווערען אויפ'ן חשבון פון טערקיי, האָט ענגלאַנד זיך אָנגע־הויבען אַריינמישען אין די באַלקאַן־פראַגע. ביקאָנספיעלד האָט געהאַט אַ גרויסע הצלחה אין אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע געגג, און מען האָט איהם

געהאַלטען פאַר'ן גרעסטען דיפּלאָמאַט אין איראָפּאַ. דער בערלינער קאָנגרעס איז געוואָרען צונויפגערופען צוליעב ענגלאַנד, און ביקאָנספיעלד האָט געמאַכט כמעט צו נישט דעם נצחון פון די רוסען איבער טערקיי אין 1878.

אָבער די פאָלגען פון ביקאָנספיעלד'ס אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק זענען פאַר ענגלאַנד נישט געווען קיין גוטע. די אַפגאַנער אין אַזיען און די בורען אין טראַנסוואַל, וואָס זענען בעהעפט געוואָרען אַדאַנק ביקאָנס-פיעלד'ען צו ענגלאַנד, האָבען זיך אָפּט געבונטעוועט געגען די ענגלענדער, און די מיליטעריש'ע עקספּעדיציעס געגען זיי האָבען פוסט געמאַכט די מלוכה־קאַסעס פון ענגלאַנד און אינדיען.

אין 80־טען יאָהר האָט די ליבעראַלע פּאַרטיי מיט'ן אַלטען גלאַדסטאָנ'ען אין דער שפּיץ ווידער געזיעגט, און ביקאָנספיעלד האָט גע-מוזט אָבטרעטען זיין מיניסטעריום אַ ליבעראַל'ען.

די גרויסע מלוכה, די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ, ענטוויקעלט זיך אויף אַ בעזונדערען שטייגער, וואָדען זי איז נישט אינגאַנצען פריי פון איראָפּעאישען איינפלוס. געזעלשאַפטליכע און נאַטירליכע בע-דינגונגען האָבען צוטיילט אַמעריקאַ אין דער ערשטער העלפט פון 19-טען יאָהרהונדערט אין צוויי העלפטען, וואָס אונטערשיידען זיך געוואַלטיג איינע פון דער אַנדערער. אין די דרום־שטאַטען זענען די הויפּט-פּרנסות טאַבאַק-פּלאַנצונגען, צוקער-פּלאַנטאַציעס, רייז־פעלדער און הויפּטזעכליך האָנף (חלאָפּאָק). אום צו קולטיווירען אַזוינע פּלאַנצונגען, דאַרף מען נאָר האָבען אַ מאַסע פּראָסטע אַרבייטס-הענד, וואָס זאָלען קענען איבערטראָגען די גרויסע היצען ביי דער פעלד־אַרבייט. אין דרום־אַמעריקאַ האָבען זיך דערום ענטוויקעלט די נעגער־פּלאַנטאַציעס, ד. ה. די גרויסע שטיקער ערד האָבען געהערט צו אַ קליינער צאָהל גוטס-בעזיצער, וואָס פלעגען בעאַרבייטען זייערע פעלדער דורך שקלאַפען-נעגער. אין די צפון־שטאַטען דאַגעגען האָט זיך ענטוויקעלט די פעלד־אַרבייט ביי תבואה־זייען און עס האָט זיך אויך ענטוויקעלט די פאַבריקאַציע. אַלע פּראָסטע אַרבייטען פלעגען געמאַכט ווערען פון פרייע מענשען, און תאַטש די געזעלשאַפט האָט זיך געטיילט אויף אָרעמע און רייכע, אָבער זי איז געווען ווייט זיך צוטיילען, ווי די געזעלשאַפט פון די דרום־שטאַטען, אויף שווארצע און ווייסע, אויף הארען און קנעכט.

די צפון־שטאַטען האָבען זיך דעריבער פרייער און פּראָדוקטיווער ענטוויקעלט ווי די דרום־שטאַטען. לויט דער קאָנסטיטוציע פון די פער-

אייניגטע שטאַטען האָט יעדער שטאַט געהאַט אין אינערען לעבען פּאָלקאָמענע זעלבסטשטענדיגקייט, און דערום האָט די צענטראַלע מלוכה נישט געקענט פֿערוועהרען די דרום־שטאַטען צו נוצען זיך מיט דער נעגער־שקלאַפֿעריי. פֿונדעסטוועגען האָבען די דאָזיגע נעגער־שטאַטען שטענדיג מורא געהאַט, אַז די הומאַנע אידעע, ווי דער שטאַרקער עקאָנאָמישער וואוקס פֿון די צפֿון־שטאַטען, זאָל אַמאָל נישט מאַכען אַ סוף צו דער נעגער־שקלאַפֿעריי.

די איינציגע גאַראַנטיע, וואָס די דרום־שטאַטען האָבען געהאַט געגען דער אַריינמישונג פֿון די צפֿון־שטאַטען, איז געווען דאָס, וואָס די צאָהל פֿון די שטאַטען, וואו עס האָט געהערשט די נעגער־שקלאַפֿעריי, איז געווען פּונקט די העלפֿט פֿון אַלע פֿעראייניגטע אַמעריקאַנער שטאַטען. און אַזוי ווי יעדער שטאַט האָט געשיקט אין סענאַט צוויי סענאַטאָרען פֿון זיך, דערום האָט מען געקענט זיכער זיין, אַז דער סענאַט וועט קיינמאָל נישט האָבען אַ מעהרהייט געגען די נעגער־שטאַטען. חאָטש אין די אונטערשטע פּאַלאַטע פֿלעגט מען שיקען דעפּוטאַטען לויט דער צאָהל פֿון דער בעפֿעלקערונג, אָבער אַ געזעץ קאָן דאַמאָלס ווערען פֿאָלקאָמען אָנגענומען, ווען דאָס ווערט אויך אָנגענומען פֿון דעם סענאַט. דערום האָט אויך דער סענאַט געזעהען, אַז ווען עס קומט־צו אַ נייער שטאַט צו די פֿעראייניגטע, זאָל איינמאָל איין שטאַט צוגערעכענט ווערען צו די דרום־שטאַטען און אַ צווייטען מאָל צו די צפֿון־שטאַטען. אין נאָרד־אַמעריקאַ רופֿען זיך אָן טעריטאָריעס — שוואַך־בעפֿעלקערטע פּראָווינצען. אַזאַ פּראָווינץ הייַנגט פֿאָלקאָמען אָב פֿון קאָנגרעס (אַמעריקאַנישער פּאַרלאַמענט). וויבאַלד אָבער די בעפֿעלקערונג פֿון אַזאַ טעריטאָריע וואַקסט אויס ביז צו 60 טויזענד איינוואָהנער, האָבען זיי דאָס רעכט צו פֿאָדערען, אַז מען זאָל זיי אַרייננעהמען אין די פֿעראייניגטע שטאַטען אַלס אַ בעזונדערן זעלבסטשטענדיגען שטאַט. אין 1820־טען יאָהר האָט מען דערנאָך בעשלאָסען, אַז אין אַלע שטאַטען צו דרום־צו פֿון 36 צפֿון־ברייטקייט (ז. געאָגראַפֿיע) מעג עקזיסטירען די נעגער־שקלאַפֿעריי. נאָך שפּעטער האָט מען אָנגענומען, אַז יעדער נייער שטאַט מעג אַליין בעשליסען, צי וויל ער טאָלערירען די נעגער־שקלאַפֿעריי אָדער נישט. דער דאָזיגער בעשלוס איז געווען צום נוצען פֿון די דרום־שטאַטען, וואָס האָבען געוואָלט פֿערשפּרייטען די נעגער־שקלאַפֿעריי איבער די אויבענדערמאָהנטע פֿעסטגעזעצטע גרענעצען. אָבער אין צפֿון־מערב־אַמעריקאַ האָבען נישט נאָר פּראָטעסטירט געגען דער איינפֿיהרונג פֿון שקלאַפֿעריי

די פּשוט'ע מענשליכע געפֿיהלען, נאָר אויך די וויכטיגסטע עקאָנאָמישע אינטערעסען: אַהער פֿלעגען אָנקומען מאַסענווייז ווייסע אַרבייטער־הענד, מיט וועלכע די שוואַרצע האָבען בשום אופן נישט געקאָנט קאָנקורירען. דער גיכער וואוקס פֿון דער לאַנד־אַרבייטער־בעפֿעלקערונג אין מערב־אַמעריקאַ איז געווען די הויפּט־אורזאַכע, וואָס האָט דעם שטרייט צווישען די דרום־שטאַטען און די איבריגע געבראַכט דערצו, אַז די צפֿון־שטאַטען זאָלען זיעגען.

שוין אין 1832 האָט איינער אַ נעגער־שטאַט (דרום־קאַראָלינאַ) מתרה געווען דעם קאָנגרעס, אַז ער וועט אַרויס פֿון בונד. וואָס שטאַרקער עקאָנאָמיש און געזעלשאַפֿטליך עס זענען געוואָרען די צפֿון־שטאַטען, אַלץ שווערער זענען געוואָרען די בעציהונגען צווישען די דרום־און צפֿון־שטאַטען, און ווען אין 1860 איז אויסגעקליבען געוואָרען פֿאַר אַ פּרעזידענט אין אַמעריקאַ אברהם לינקאָלן, דער שטאַרקער געגנער פֿון די דרום־שטאַטען—האָבען זיעבען נעגער־שטאַטען זיך אָבגעריסען פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען, האָבען געמאַכט אַ נייעם בונד (קאָנפֿעדעראַציע) פֿאַר זיך מיט אַנ'איינענעם פּרעזידענט. דרום־אַמעריקא האָט נישט נאָר זיך אָבגעריסען פֿון בונד, זי האָט אויך געגעבען דעם ערשטען סיגנאַל צו אַנ'אָפֿענער מלחמה דערמיט, וואָס זי האָט פֿערזאַפּט אַ פֿעסטונג פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען. די קרעפֿטען פֿון די געגנער זענען נישט געווען גלייך שטאַרק. די דרום־שטאַטען האָבען געהאַט סך־הכל אַ בעפֿעלקערונג פֿון 10 מיליאָן, און פֿון די 10 מיליאָן איז אַ העלפֿט געווען פֿערשקלאַפֿט. די פֿעראייניגטע שטאַטען דאַגעגען האָבען געהאַט אַ בעפֿעלקערונג פֿון 22 מיליאָן פֿרייע מענשען. פֿונדעסטוועגען האָט געהאַט די ערשטע צייט די אויבערהאַנד אין קריעג דרום־אַמעריקאַ. די רייכע פּלאַנטאַטאָרען האָבען זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר געניטער אין אַ קריעג ווי די נאָרד־אַמעריקאַנישע פּויערן און קרעמער. די גענעראַלען פֿון די דרום־שטאַטען (בעזונדערס גענעראַל לי) האָבען געגעבען די צפֿון־שטאַטען אין די יאָהרען 1861–63 מפּלות אויף מפּלות. נאָר גראָד די דאָזיגע מפּלות האָבען ענטפּלעקט די גרויסע מאָראַלישע קרעפֿטען פֿון די פֿרייע אַמעריקאַנער. צפֿון־אַמעריקאַ האָט נישט געוואָלט דעם קריעג. קיין שטענדיגע אויסגעבילדעטע אַרמעען זענען אין אַמעריקא נישט געווען. מען האָט אַפֿילו נישט צוזאַמענגעשטעלט קיין אַרמעען, ווי אין ענגלאַנד, פֿון פֿרייוויליגע רעקרוטען. עס איז אויך נישט געווען קיין צענטראַלע מיליטערישע פֿערוואַלטונג. אָבער די פֿרייע אַמעריקאַנער האָבען פֿון זיך אַליין פֿול געמאַכט אָבער־און־ווידער די

צושלאָגענע פּריוויליגע פּאָלקען. דער צופֿלוס פֿון פּריוויליגע צו דער אָרמעע פֿון די בעזיעגטע האָט נישט אויפֿגעהערט אויף אַ רגע, און ענדליך האָבען די דריי שלעכטע יאָהרען אויסגעבילדעט פֿון לאַנדס־לייט און קרעמער טיכטיגע גענעראַלען און שטאַרקע געפּראַקטיצירטע סאָלדאַטען. פֿון 1863 הויבען אָן צו זיעגען די צפֿון־שטאַטען איבער די נעגער־שטאַטען, וואָס האָבען דאָך געהאַט אַ פֿירטען טייל בעפֿעלקערונג אין פֿערגלייך מיט די פֿעראייניגטע שטאַטען, און וואָס האָבען נאָך געהאַט אַ מיליאָנען־בעפֿעלקערונג נעגער, וועלכע האָבען, פֿערשטעהט זיך, געהאָלפֿען אומעדום זייער שונא. די דרום־שטאַטען האָבען אַפילו שטאַרק געשעדיגט דעם האַנדעל פֿון שונא, אָבער די פֿעראייניגטע שטאַטען האָבען בלאָקירט אַלע דרום־האַפֿענס און אָבגעשניטען זייער הויפּט־פּרנסה (האַנף־האַנדעל) פֿון דעם וועלט־מאַרק. אין 1865־טען יאָהר זענען די דרום־שטאַטען ענדגילטיג בעזיעגט געוואָרען.

אברהם לינקאָלן האָט נאָך אין צייט פֿון קריעג ערקלערט די נעגער פֿאַר פֿריי. באַלד נאָכ'ן קריעג האָט אָבער איינער אַ משוגענער ערמאָרדעט דעם פּרעזידענט און די ליקווידאַציע פֿון קריעג צו נוצען פֿון די נעגער איז אַריבער אין נישט קיין גוטע הענד. עס האָט נאָך געדויערט אַ צייט, ביז די נעגער־שקלאַפֿעריי אין אַמעריקאַ איז ענדגילטיג אָבגעשאַפֿט געוואָרען. צו דער אַמעריקאַנישער קאָנסטיטוציע איז צוגעקומען אַ נייער פּונקט, לויט וועלכען אַלע נעגער בעקומען בירגער־רעכטען, און די צובונטעוועטע שטאַטען זענען ווידער פֿעראייניגט געוואָרען צו די איבריגע שטאַטען נאָכדעם, ווי זיי האָבען אָנגענומען דעם דאָזיגען נייעם פּונקט פֿון דער קאָנסטיטוציע.

יאַפּאַן.

ביז צו די 60־ער יאָהרען איז יאַפּאַן געווען פֿערמאַכט פֿאַר די אויסלענדער און האָט געלעבט אונגעפֿעהר ווי אייראָפּאַ צו דער צייט פֿון דער פֿעאָדאַלער עפּאָכע. יאַפּאַן איז נאָר לפּנים געווען איין איינציגע מלוכה, די פּראָווינצען פֿון יאַפּאַן זענען נישט געווען פֿעראייניגט צווישען זיך. עס האָט אַפילו נישט עקזיסטירט צווישען זיי קיין גרעסערער האַנדעל. די לאַנדס־אַרבייטער און די בעלי־מלאכות האָבען נאָר געאַרבייט פֿאַר'ן איינענעם נאָהענטען מאַרק. די צוברעקעלטקייט פֿון דער מלוכה האָט געגעבען די מעגליכקייט די גובערנאַטאָרען (וואָס האָבען בעקומען די

שטעלען בירושה, און וועלכע מען האט גערופען דאימיאָס), און זייערע ריטער (סאַמוראַאי) צו האַלטען אין קנעכטשאַפט די אַרבייטער־שטאַנדען, אויסצוזויגען זיי מיט אַלערליי אָבגאַבען און צו נויטען זיי צו אַלערליי אַרבייט. האַנדעל און מלאכות זענען געלעגען אין די הענד פון צעכען און גילדעס. די מיטגליעדער פון די צעכען האָבען נישט דערלאָזען צו קיין זייטיגער קאָנקורענץ, פלעגען נעהמען הויכע פרייזען פאַר זייערע סחורות, זיך אויסנוצענדיג דערמיט, וואָס אויף אויסלענדישע סחורות איז געווען דער צאָל זעהר אַ גרויסער. דער גאַנצער האַנדעל מיט די אייראָפּעער איז געלעגען אין די הענד פון איין גילדע אין נאַגאַסאַקי, וועלכע פלעגט האַנדלען אויסשליסליך מיט די האָלענדער און וועלכע פלעגט ווייטער פערקויפען דער יאַפּאַנישער בעפעלקערונג די סחורה פאַר אונגעוועהנליכע פרייזען. אַן׳אַלגעמיינע פערוואַלטונג איז כמעט נישט געווען. עס איז נישט געווען קיין אַלגעמיינע אַרמעע און קיין אַלגעמיינער מלוכה־בודזשעט. דער מיקאַדאָ, דער טראַדיציאָנעלער אימפעראַטאָר פון יאַפּאַן, האָט געלעבט אָבגעזונדערט אין זיין פאַלאַץ. אַ גרעסערע ראָליע אין לאַנד האָט געשפּיעלט דער שאָגון, דער פערטרעטער פון אימפעראַטאָר אין דער מלוכה.

די שטעלע פון שאָגון פלעגט אויך איבערגעהען בירושה צו איין פאַמיליע, און מיט דער צייט איז דער שאָגון געוואָרען דער צווייטער אימפעראַטאָר פון יאַפּאַן. האָס פערגליוועטע מלוכה־לעבען אין יאַפּאַן האָט געפיהרט דערצו, אַז אַלע שטעלען, אַלע בעשעפטיגונגען זענען געוואָרען ירושה־זאַכען. יאַפּאַן איז געווען אַ לאַנד פון שטרענג אָבגעזונדערטע קאַסטעס, וואָס האָבען געלעבט איטליכע נאָר צווישען זיך.

אין 19־טען יאַהרהונדערט אָבער האָבען זיך בעוויזען ביי די ברעגען פון יאַפּאַן אַמעריקאַנישע קריעגס־שיפען (1853) און האָבען פערלאַנגט ביי דער מלוכה, אַז זי זאָל עפענען פאַר׳ן אַמעריקאַנישען האַנדעל איהרע פאָרטען. באַלד דערויף האָבען זיך בעוויזען מיט די אייגענע פאָדערונגען די רוסישע און די ענגלישע שיפען. יאַפּאַן האָט דערום געמוזט אַרויס פון דער אָבגעזונדערטקייט. אין עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש.

צו די דערמאָהנטע אויסערע סבות איז נאָך צוגעקומען אַ שטאַרקע אינערע בעוועגונג אין לאַנד.

די אייגענע אורזאַכען, וואָס האָבען געבראַכט צום אונטערגאַנג דעם פעאָדאַליזם אין אייראָפּאַ, האָבען אויך געווירקט אין יאַפּאַן. די

בעפעלקערונג איז געוואַכסען און עס האָבען שוין נישט געקלעקט די אייגענע פּראָדוקטען, וואָס די אָבגעזונדערטע קלאַסען פּלעגען אויסאַרבייטען פאַר דער גאַנצער בעפעלקערונג. די גילדעס און די צעכען האָבען פערהאַלטען די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען אין יאַפּאַן. עס זענען געוואַכסען די מתנות מענשען, וואָס האָבען אין ערגעץ נישט געקענט געפינען קיין פרייע בעשעפטיגונג פאַר זיך. די יונגערע קינדער פון די קויפלייט און בעלי־מלאכות האָבען זיך נישט געהאַט וואו אַהינצוטהון. די טייערקייט אין לאַנד צוליעב די פּריווילעגיען, אינאיינעם מיט די מאַסען אַרבייטס־לאָזע, האָט בעשאַפען אין דער מדינה מאַסען אונצופריעדענע, וואָס זענען אַלע ווײַלע גרייט געווען צו פּראָטעסטען, און אפילו צו בונטען. די דאָזיגע אונצופריעדענע האָבען זיך מעהרסטענטייל צונויפגעזאַמעלט אין די שטעדט, וואָס פּלעגען האָבען קיום אויף חיונה, אַ״ס טרעגער, גאַס־מענשען, אַקטיאָרען א. אַ. וו. צו די דאָזיגע אונצופריעדענע זענען נאָך צוגעקומען די דאָרפס־לייט, וואָס האָבען שוין נישט געהאַט קיין אייגען שטיקעל ערד. צווישען די סאַמוראַיען האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַ בעוועגונג. די יונגערע קינדער פון די סאַמוראַיען פלעגען בלייבען אָהן שטעלען, און די טייערקייט אין לאַנד פּלעגט צווינגען די דאָזיגע ריטער זיך צו נעהמען פאַר אַנדערע בעשעפטיגונגען. אַמאָל פלעגען אַזוינע אָרעמע ריטער געהען אין די קירכען אַלס קלויסטער־ברידער (פּריסטער פון דער אָרטיגער אמונה שינטאָאיזם); איצט אָבער פּלעגען זיי זיך נעהמען פאַר לעהרעריי, פאַר דאָקטאָריי, אָדער ווערען שרייבער און געלעהרטע. אַדאַנק דעם, וואָס די סאַמוראַיען האָבען זיך גענומען פאַר וועלטליכע זאַכען, איז אויסגעוואַכסען אַ נייע גייסטיגע בעוועגונג, עהנליך צו דער עפּאָכע פון די ריטער אין 16־טען יאָהרהונדערט אין אייראָפּאַ. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אויפקלערונגס־בעוועגונג, וואָס האָט אָבער געטראָגען אַ ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. גלייכצייטיג מיט דעם ראָמאַנטישען וואונש זיך אומצוקעהרען צו די אַלטע גוטע צייטען, איז אָבער געוואַכסען דער בעוואוסטזיין, אַז מען טאָר נישט לעבען ווייטער אַזוי אָבגעזונדערט פון אייראָפּאַ, אַז מען דאַרף זיך בעקענען מיט דער אייראָפּעאישער וויסענשאַפט, מיט אייראָפּאַ'ס טעכניק און איינפיהרען רעפאָרמען אין דער מלוכה אויפ'ן אייראָפּעאישען שטייגער.

ביידע בעוועגונגען האָבען ענדליך געפיהרט דערצו, אַז מען האָט צוּבראָכען די מאַכט פון שאָגון, און זיך אָנגעהויבען צענטראַליזירען ביי'ם מיקאַדאָ'ס הויף. מיט יעדען יאָהר האָבען ביי'ם דאָזיגען הויף

אַלץ מעהר בעקומען דעם גרעסטען איינפלוס די ראַדיקאַלע סאַמו־ראַיען.

פון 1867 הויבט זיך אָן פאַר יאַפּאַן די צייט פון די גרעסטע ראַדיקאַלסטע רעפאָרמען, אַדאַנק דעם מיקאַדאָ מוטסוגיטאָ, וואָס איז אַרויף אויפ'ן טהראָן אַלס 14־יעהריגער יונגעל. דער יונגער מיקאַדאָ האָט איינגאַנצען זיך אָבגעגעבען דעם איינפלוס פון די געבילדעטע אויפגעקלערטע פּאַטריאָטען. ער האָט צוגענומען פון שאָגון די מאַכט, און ווען דער שאָגון איז אַרויס געגען איהם מיט אַן'אַרמעע, האָט ער די אַרמעע לייכט בעזיגט, אַדאַנק דעם, וואָס זייגע אָנהענגער האָבען שוין איינגעפיהרט ביי זיך אייראָפּעאישע וואַפען. דערנאָך האָט ער אָפיציעל און העכסט פריינדליך אָנגענומען ביי'ם הויף די אייראָפּעאישע געזאַנדטע, און דערמיט ענדגילטיג געעפענט יאַפּאַן פאַר די אַמעריקאַנער און אייראָפּעער.

באַלד דערויף האָט ער גענומען דורכפיהרען די וויכטיגסטע רעפאָרמען, וואָס האָבען געבראַכט דערצו, אַז ביסלעכווייז איז בטל געוואָרען דער אַלטער פעאָדאַלער סדר פון דער מלוכה. גאַנץ בעזונדערס האָט דער מיקאַדאָ געזאָרגט פאַר דער פאַבריקאַציע און דעם האַנדעל אין בעגייטען יאַפּאַן. אין יאַפּאַן, וועלכעס פאַר די רעפאָרמען האָט כמעט נישט געוואוסט פון אַ ברייטערער פאַבריקאַציע, האָט בעקומען מיט דער צייט גרויסע אייגענע פאַבריקען, און זייט די 80־ער יאָהרען איז יאַפּאַן געוואָרען אויף די האַנדעלס־מערק פון קאָרעאַ און חינאַ דער קאָנקורענט פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

אין יאַפּאַן האָבען זיך געעפענט אוניווערזיטעטען לויט'ן אייראָפּעאישען מוסטער. חוץ דעם זענען זיך די יונגע יאַפּאַנער צופאָהרען איבער אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, וואו זיי האָבען פלייסיג געשטודירט אייראָפּעאישע וויסענשאַפט, טעכניק און קונסט. אין די 70־ער יאָהרען איז בעשאַפען געוואָרען אַ פרעסע, וואָס האָט זיך באַלד פערשפרייט אין איטליכען ווינקעל פון לאַנד. די פרעסע האָט מען געמוזט געבען אַ געוויסע פרייהייט און זי האָט אָנגעהויבען צו אַגיטירען דערפאַר, אַז יאַפּאַן זאָל אויך פּאָליטיש האָבען אַזאַ אָרדנונג, ווי געוויסע געבילדעטע אייראָפּעאישע מלוכות. אין 1889 האָט דער מיקאַדאָ, וואָס האָט אין זיין גאַנצער רעגיערונגס־צייט בעוויעזען, אַז ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו דער עפענטליכער מיינונג פון זיין געליעבט פאָלק, ערקלערט, אַז יאַפּאַן בעקומט פון היינט אָן אַ קאָנסטיטוציע, און אין 1890 איז שוין צונויפגערופען געוואָרען דער ערשטער יאַפּאַנישער פּאַרלאַמענט.

די יאפאנישע קאנסטיטוציע איז עהנליך צו דער פרייסישער און זי איז א סך ערגער ווי די בעסערע אייראפעאישע קאנסטיטוציעס. אין די וואהלען מעגען זיך בעטייליגען כמעט נאר די העכערע קלאסען פון דער בעפעלקערונג, הויפטזעכליך די גוטסבעזיצער. דער מיקאדא רעכענט זיך נאך אלץ פאר דעם „אונבעגרענצטען" הערשער, די מיניסטארען זענען פאר'ן פארלאמענט נישט פעראנטווארטליך. חוץ דעם פארלאמענט איז נאך דא א מין לארדען־פאלאטע, וואס ווערט צונויפגעשטעלט פון די מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע, ווי אויך פון די, וואס דער מיקאדא וועהלט זיך אליין אויס.

די גרויסע רעפארמען אין יאפאן זענען דורכגעפיהרט געווארען אין א קורצער צייט פון סך־הכל 25 יאהר.

אבוואהל אויסערליך מאכט יאפאן אנ'איינדרוק פון אנ'אייראפעאישער מלוכה, אבער אינערליך האלט זיך נאך דאס פאלק ביי דער אלטער קולטור. די פאלקס־מאסען לעבען נאך מיט'ן אלטען גלויבען שינטאאיזם, וואס פערגעטערט די אלטע געשטארבענע גייסטער און העלדען, און די אויבערשטע קלאסען האבען בכלל קיין אמונה נישט, אבער זיי האלטען פון אייראפעאישען ראציאנאליזם. עס איז אויך נאך נישט אויסגעראטען געווארען די שנאה צו די אויסלענדער, וואס רייסט זיך אמאל ארויס מיט א שטארקען ווילדען כח. אונטערדעסען אבער איז יאפאן געווארען פון א פעאדאלער מלוכה א קאפיטאליסטישע מיט א גרויסער ארבייטער־קלאס. די ארבייטער האבען זיך אנגעהויבען צו ארגאניזירען און יאפאן האט שוין זייגע שטארקע ארבייטער־בעוועגונג, וואס בעשעפטיגט זיך דערמיט, אויסצובעסערען די לאגע פון יאפאנישען פראלעטאריאט.

מיט דער ערוואכונג פון יאפאן אין גייסטיג־קולטורעלער הינזיכט, הויבט אן דער יאפאנישער קאפיטאליזם צו פיהרען די אייגענע קאלאניאלע פאליטיק, ווי אייראפא און אמעריקא. יאפאן זוכט שוין אויך האנדעלסמערק פאר זייגע פראדוקטען, ערד (קאלאניעס) פאר דעם איבערפלוס פון זיין ארבייטער־בעפעלקערונג און גרויסע מלוכה־אונטערנעהמונגען, דאמיט די קאפיטאלען זאלען זיך פערצינזען.

יאפאן האט צוערשט געזעהען צו בעקומען די אינזעל פארמאזא און די האלב־אינזעל קארעא. צוליעב קארעא האט יאפאן געפיהרט א זיעגרייכען קריעג מיט חינא (1895), וואס האט זיך געענדיגט דערמיט, אז יאפאן האט נאך צוגענומען ביי די חינעזער די פעסטונג פארט־ארטור, די וויכטיגסטע פון מאנדזשוריען. די אייראפעאישע מלוכות, וואס

האָבען נישט געוואָלט דערלאָזען, אַז יאַפּאַן זאָל אַזוי מעכטיג אויסוואַקסען.
האָבען זיך אַריינגעמישט אין דעם יאַפּאַניש־חינעזישען קריעג. רוסלאַנד,
זיך שטיצענדיג אויף דייטשלאַנד און פראַנקרייך, האָט געצוואונגען יאַפּאַן
ווידער אָבצוגעבען חינא פּאָרט־אַרטור, און האָט נאָך אין עטליכע יאָהר
אַרום אַליין גענומען אין אַרענדע ביי חינא פּאָרט־אַרטור אויף 99 יאָהר
(1900). די יאַפּאַנער האָבּען אָבער זיך נישט בערוהיגט מיט דער דיפּלאָ־
מאַטישער מפּלה, און אין 1904 האָט אויסגעבראָכען אַ קריעג צווישען
רוסלאַנד און יאַפּאַן, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ פּאָלקאָ־
מענעם זיעג פון די יאַפּאַנער. אין 1905 איז געשלאָסען געוואָרען דער
פריעדענס־אָבמאַך צווישען רוסלאַנד און יאַפּאַן אין פּאָרטסמוט. די רעזול־
טאַטען פון דעם שלום זענען געווען די פאָלגענדע: יאַפּאַן האָט צוליעב
דעם קריעג בעקומען אַ נייע טעריטאָריע, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס ווי
גאַנץ יאַפּאַן: קאָרעאַ, דרום־מאַנדזשוריען, לאַנדונער האַלב־אינזעל,
פּאָרט־אַרטור און די דרום־העלפט פון דער אינזעל סאַכאַלין.

צו די גרויסע אייראָפּעאישע מלוכות, וואָס פיהרען די וועלט־פּאָלי־
טיק צוזאַמען מיט אַמעריקאַ, איז צוגעקומען אַ נייע גרויסע מלוכה אין
אַזיען, אין ווייטען מזרח—יאַפּאַן. אין דער געשיכטע פון 20־טען יאָהר־
הונדערט פון דער וועלט־פּאָליטיק הויבט אָן צום ערשטען מאָל זייט
טויזענדער יאָהרען צו שפּיעלען אַ ראָלע אַ צווייטע ראַסע, חוץ דער
ווייסער—די געלע ראַסע.